STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03897

IDEALIZM UN NATURALIZM IN DER YIDISHER LITERATUR

Yehiel Yeshaia Trunk

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

VA 93/ε

י. י. טרונק

אידעאליזם און נאטוראליזם אין דער יידישער ליטעראטור

(טענדענצן און וועגן
פון אונזערע מאָדערנע
שריפטשטעלער)

*

ווארשע, פארלאג „קולטור-ליגע", 1927

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON

Printed in Poland

I. I. TRUNK

IDEALIZM i NATURALIZM
w LITERATURZE ŻYDOWSKIEJ

WYD. „KULTUR-LIGA" WARSZAWA

Druk. „KORONA" Karmelicka № 5a.

געדרוקט אין 1000 עקז. ווארשע, 1927

SASKATOON

נאוואטארישער גייסט

(י. י. טרונק אין פּראָפיל און אַן פאַס)

ענוי זיך אויסגעדריקט זענען די ביכער פון י. י. טרונק אַ ביסל פרעמדלעך פאַרן לעזער, ווייל ס'איז אים שווער זיך אָפּצוגעבן אַ רעכנונג פון דעם איינדרוק, וואָס זיי מאַכן אויף אים און פון דעם וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר. אויפן ערשטן בליק, גאַנץ אַלטמאָדיש אין דער פאָרם, שיינבאַר רעאַליסטיש, צו דער זעלבער צייט אַזוי אַנדערש מיט זייער טאָן, אינגאַנצן אַנדערש ווי מען איז עס ביז אים ביי אונז געווען געוווינט. אַ קאָנסטרוקציע אַן אָריגינעלע און מיט אַן אומגעוויינלעכן אינהאַלט, רעטזעלהאַפטע געשיכטן, רעטזעלהאַפטע מענטשן, נאָך מער רעטזעלהאַפטע שיקזאַלן, און אין צענטער פון דעם אַלעם אַ נעץ פון לעבעדיקע אידעען, באַפליגלטע און לעבנסערנסטע, געמיטסשטאַרקע און אילוזיאָנסליכטיקע, מעלאַנכאָלישע און סענטימענטאַלע, נאַיווע און פון רייפקייט איבערגעלאָדענע.

יאָ, דער וועג איז אַן אינטערעסאַנטער. דאָך איז דער לעזער כסדר באַאונרויקט און וווּנדערט זיך: וווּ פירט אים דאָ? וואָס שטעקט דערונטער? וועלכער כח? וועלכע וואַלאָרן זענען דאָ פאַראַן?

דער לעזער געטרויט זיך נישט צו זיין אויפמערקזאַמער צו אַן אויטאָר פון אַזאַ אומגעוויינלעכקייט, היימישער מיט אים צו ווערן און נאָכצוגיין זיינע טריט. וווּהין פירט ער אים? מיינט ער עס ווירקלעך אויף אַן אמת?

טאַלענט איז, ווי אַלע ווייסן, אַ גאָטס זאַך. אָדער מען האָט עס אָדער מען האָט עס נישט. מען ווערט דערמיט באַשאָנקען ווי-

מיט אַ מתּנה פון הימל, און אַליין, מיט כּח, קאָן מען זיך עס נישט נעמען. מען קאָן עס נישט ערוועררבן, מען מוז עס באַזיצן. דאָס איז אַן אָנגעבוירענע, נאַטירלעכע אייגנשאַפט. אַזוי איז די אַלגעמיינע מיינונג, וועלכע גילט ווי אַן אַקסיאָמע, אַלס אַבסאָלוטער אורטייל. איך וועל מיר אָבער פונדעסטוועגן דערלויבן אַוועקצושטעלן אונטער דעם אַ פראַגע־צייכן. שוין די איינשטימיק־אָנגענומענע גילטיקייט פאָדערט־אויף צו אַ באַזונדערס פאָרזיכטיקע באַציונג. אונטער די פאַרשטיינערט־איינגעוואָרצלטע אמתן שטעקט תּמיד דער גרויסער שקר. נאַטירלעכע אייגנשאַפט? ווי נעם איך עס אַזאַ מיטל צו דערקאָנען וועלכע אייגנשאַפט איז נאַטירלעך און וועלכע איז סימולירט? דער אויסוואַל זאָל דאַרפן פאָרקומען צווישן דעם אומבאַרופענעם גראַפאָמאַן און צווישן דעם שריפטשטעלער פון באַרוף, וואָלטן נישט פאַראַן געווען קיין גרויסע שוועריקייטן. דער גראַפאָמאַן איז געוועגלעך צו אָרים אין גייסט און צו אָרים אין מיטלן, אַז עס זאָל אים מעגלעך זיין אַ מבין אַריינצופירן אין אַ טעות.

דאָ פאַלט אָבער אויף און וואַרפט זיך שטאַרק אין די אויגן וואָס אויך די אַזוי גערופענע טאַלענטן, יענע מיט די נאַטירלעכע פעיקייטן, מיט דער פון־זיך־אַליין שרייבנדיקער פעדער, וועמען עס גייט אַזוי לייכט די מלאכה און אַלץ גיבן זיי אייך גלאַטיק און אויסגעפּאַרטיקט, אָפּגעמאָסטן, עובר לסוחר, פאַר יעדן גרייט צום פאַרדייען, גראָד זיי, די „נאַטירלעכע” טאַלענטן, זענען אין גרונד על פּי רוב פונקט אַזוי ווערטלאָז ווי די פּשוטע גראַפאָמאַנען.

דער גראַפאָמאַן פאַלט דורך אין דער ליטעראַטור באַלד מיט דער ערשטער שורה, וואָס ער שרייבט אָן. אים פאַרראַט זיין קוריאָזע אומבאַהאָלפנקייט. ער באַנוצט די ווערטער ריין צופעליק און לויט די לעסטיקסטע שאַבלאָן־אַסאָציאַציעס, וואָס מען וואָלט שוין לאַנג געדרן זייערע פּטור געוואָרן, און אין אַזאַ מין בלינדן צונויפקומ, גלייך זיי וואָלטן נישט געווען פון אים אָפּהענגיק. צווישן אים און דעםווירקלעכן שריפטשטעלער איז אַן אָפּגרונט־טיפער אונטערשיד. דער גראַפאָמאַן גיט זיך אַליי.

אויס. ער יכולט נעבעך נישט. אים צו דערקאָנען איז נישט קיין חכמה. אַ גרויסע חכמה איז צו קאָנען אונטערשיידן צווישן דעםווירקלעכן שריפטשטעלער און דעם פסיידאָ־שריפטשטעלער, צווישן דעם בעל־מלאכה און דעם קינסטלער. דאָס איז לחלוטין נישט קיין קלייניקייט און טרעפט אָן אויף פיל מניעות. אין אַזעלכע פאַלן האָט מען זייער אָפט צו טון מיט העכסט קאָמפּליציר־טע ערשיינונגען.

אויב דער גראַפאָמאַן איז אַלעמאָל אומגאַטירלעך און אַ פאַרטאַטש, און קוים מאַכט ער עפּעס נאָך, איז עס נאָכגע־מאַכט אָן הענט און אָן פיס, אָן טעם, געשמאַקלאָז און דערפאַר אַבסאָלוט אומשעדלעך, ערשיינט דאָ דער פסיידאָ־שריפטשטעלער מיט אַ גוט פאַרמאַסקירטע נאַטירלעכקייט און מיט אַלע ווערק־צייג, טעכנישע המצאות און אויפטועןפון אַ געשיקטן בעל־מלאכה, און זיינע פּראָדוקציעס, וואָס ער שטעלט צו דעם עולם, זענען דוקא אויסגעצייכנט נאָכגעמאַכט.

פּאַראַדאָקסאַל ענלעך צום גראַפאָמאַן איז נישט זעלטן טאַקע דער ווירקלעכער, דער עכטער שריפטשטעלער. טאַקע דער באַרופענער שריפטשטעלער בלייבט אָפט אָן לשון און קאָן זיך קיין עצה נישט געבן. די נפקא מינה איז דאָ נאָר, וואָס דעם ערשטן איז שווער צו רעדן פון אויסגעליידיקטקייט, דעם צווייטן — פון איבערגעפילטקייט; דער ערשטער לעבט נישט איבער גאָרנישט, דער צווייטער ראַנגלט זיך מיט זיינע איבער־לעבונגען און זעונגען, און ס'ווייזן זיך אים אויס שטום די ווער־טער זיי איבערצוגעבן און ער זוכט די ווערטער צו מאַכן ריידנ־דיק. דערפאַר טאַקע איז עס דער פסיידאָ־שריפטשטעלער אַזוי אומגעהייער שעדלעך, וואָרים ער שיינט צו זיין פיל בעסער פאַרן באַרופענעם שריפטשטעלער, צוגענגלעכער, פאַרשטענדלעכער. דעם ערפאָלג האָט ער צו פאַרדאַנקן זיין מיטלמעסיקייט.

איין־איינציקע פייער־פּראָבע איז פאַראַן דערויף: ליטע־ראַרישע קולטור. טאַלענט איז טאַקע אַ גאָטס זאַך, אָבער די הויפּטזאַך איז: וואָסער מין טאַלענט איז עס? וועלכע קוואַליטעט? פון וועלכער מאָס? פון וואָס פאַר אַ באַדייטונג? מאָסגעבנדיק

איז דאָ נישט אַזוי דאָס נאַטורהאַפטע ווי דאָס קולטורהאַפטע, דאָס קולטורלעכע. קולטור איז קאַמף, קולטור איז אויסדויער, קולטור איז זעלבסטשטענדיקייט, קולטור איז דערגרייכונג, קולטור איז אויסבליק, קולטור איז אַנטוויקלונגס־פעיקייט, קולטור איז באַציונג. דאָס זענען אַלץ אַזעלכע זאַכן צו וועלכע דאָס מיטלמעסיקייט קאָן קיינמאָל נישט צוקומען, צו זיי איז אים אומעגלעך צו דערלאַנגען. די הויפּטזאַך איז נישט צו זיין געבוירן אַ שריפטשטעלער, נאָר ס'איז די הויפּטזאַך פאַרן שריפטשטעלער דאָס ווערן, דאָס אויסוואַקסן. זיין ווערט איז נישט אין דעם וואָס ער איז אַ שריפטשטעלער; זיין ווערט איז אין דעם וואָס ער איז אַ שריפטשטעלער פון באַדייטונג, אַ שריפטשטעלער אַן אינדיווידואַליטעט. פאַרמאָגן מעגלעכקייטן, דאָס איז נאָך נישט אַלץ, מען מוז נאָך קאָנען די מעגלעכקייטן פאַרווירקלעכן. די מעגלעכקייט, וועלכע ווערט נישט פאַרווירקלעכט, איז אָן באַדייטונג. דער זאָמען פון וועלכע עס וואַקסט נישט אויס קיין פרוכט, פאַרלירט דעם ווערט וואָס ער האָט געהאַט.

דאָס פאַרדינסט פון י. י. טרונק איז אין דעם וואָס ער פאַרמאָגט שריפטשטעלערישע קולטור, און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר אַן אינדיווידואַליטעט. דעריבער דאַרף עס, מיין איך, זיין פאַרשטענדלעך, ווען מיין אייגנטלעכע אויפגאַבע, שרייבנדיק וועגן טרונקן, זע איך דערין, וואָס איך וועל פּרוּוון, אויף וויפיל דאָס וועט מיר מעגלעך זיין, נאָכצוצייכנען דעם וועג פון דער אַנטוויקלונג זיינער, זיך באַמיען אויפצוכאַפּן עטלעכע שטריכן פון זיין שריפטשטעלערישע אייגנאַרט, און זוכן צו געפינען דעם קערן פון זיין גייסטיק פאַרמעגן, דעם כאַראַקטער פון זיין וועזן, זיין אינדיווידואַליטעט, נאַטירלעך אויף אַזויפיל, אויף וויפיל דאָס אַלץ האָט ביז אַצינד געפונען אַן אויסדרוק אין זיינע ווערק.

קודם כּל באַמערקט מען אין י. י. טרונקן דעם אידעאַליסטישן יסוד פון זיין שרייבן. ער איז דורך און דורך, מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן, אַן אידעאַליסטישער שריפטשטעלער. דאָס אידעאַליסטישע — דאָס איז זיין גרונד־עלעמענט. כאָטש דער אידעאַליזם זעט אויס הייַנט, אַזוי ווי ער וואָלט לאַנג געהאַט אַרויס

פון דער מאָדע, אַ שטאַנדפּונקט פון וועלכן אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען, דאָך ווי ווונדערלעך איז עס אָבער וואָס דער דאָזיקער אומשטאַנד שטערט גאָרנישט, אפילו נישט מיט דאָם מינדעסטע, דעם אידעאַליסטישן שריפטשטעלער אויפצוקומען ווי אַ נאָוואַטאָר; דען דאָס נאָוואַטאָרישע איז באמת די גרונד־באַדינגונג פאַר יעדן ווירקלעכן שריפטשטעלער, דער צייכן פון עכטקייט, אַן איבערצייגנדער באַווייז פון דעם איבערלעבן אומרו אויפן וועג פון זוכן די געהעריקע פאָרם זיך אויסצודריקן.

אַודאי פעלן דאָ נישט קיין איבערגענוג גינסטיקע געלעגנהייטן אויסצוקאָמבינירן אַלערליי מעגלעכע סתירות, און ס׳איז נישטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי זיך אונטערצונעמען אויפצווייזן, אַז דער אידעאַליזם — און נישט ווינציקער אויך דער רעאַליזם אָדער נאַטוראַליזם — דאָס איז אַ פּאַסעאיסטישער רומל. וואָס מיר אידעאַליזם, ווער מיר רעאַליזם. נעכטיקע טעג. איבערגעוואונדענע שאַלאַמויזן. מיר האָבן געמאַכט פאָרטשריט און מיר זענען שוין היינט ווייט פון די אַלע זאַכן. די אַנטוויקלונג גאַלאָפּירט, זי מאַכט קפיצת הדרך. דער אימפּרעסיאָניזם איז פאַרגעסן געוואָרן, דער עקספּרעסיאָניזם האַלט ביים פאַרגעסן ווערן, און אָט האַלטן מיר שוין ווייט נאָכן פוטוריזם, נאָכן פאָרמיזם, נאָכן דאַדאַיזם, נאָכן קאָנסטרוקטיוויזם, נאָכן אימאַזשיניזם, און אפילו נאָך דעם נאָכן אַליין פון אַלע נאָכנס אויך. נאָך דער קונסט. נאָך דער ליטעראַטור. היינט דאַרפן מיר אַ ראַדיקאַלסטע ריכטונג, אַ הימל־שפּאַלטנדיקע לאָזונג.

ווי נאַריש דאָס אַלץ איז! אַ ריכטונג קאָן דאָך נישט זיין קיין געגנשטאַנד פון אַ ווערט־אורטייל. ריכטונגען זענען אינדיסקוטאַבל. דאָס רעכט און די ריכטיקייט שפּילט נישט קיין ראָלע. מען האָט דאָ צו טון מיט לעבנס־ווערטן. דאָ איז די הויפּטזאַך: לעבנס־פעיקייט, וויטאַליטעט.

אָן אַ פאַרגלייך נאַרישער קומען אַרויס אָט די מיני פּרעטענזיעס נאָכדעם ווי מען נעמט נאָך אין באַטראַכט, אַז אין דער ווירקלעכקייט זענען אידעאַליזם און רעאַליזם נישט קיין ווערט־אונטערשיידונגען, נאָר אייגנשאַפט־אונטערשיידונגען. אידע־

ליזם איז מער ווי אַ שול־ריכטונג, מער ווי אַ פּראָגראַם, מער ווי אַ פאָן, מער ווי אַ לאָזונג אָדער אַ טענדענץ. אידעאַליזם און רעאַליזם — דאָס זענען אייגנשאַפטן, גרונד־אייגנשאַפטן פונם מענטשנס כאַראַקטער, עלעמענטן פון זיין וועזן. אַלע שולן און שטרעמונגען און אויסגאַנגס־פונקטן און באַטראַכטונגס־פּרינציפּן אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט, אין דער פילאָזאָפיע, אין דער וויסנשאַפט, און זאָגאַר אויך אין דער פּאָליטיק, אונטער וואָס פאַר אַ שלאָג־ווערטער זיי זאָלן זיך נישט מאַניפעסטירן, מיט וואָס פאַר אַ פאַראָל זיי זאָלן נישט גייען, וועלן זיי זיך אין תוך אַריין לאָזן צוריקפירן צום מקור פון אָט די צוויי גרונד־טענדענצן: אידעאַליזם אָדער רעאַליזם.

אַ באַשטעטיגונג אויף דער ריכטיקייט פון דעם דאָזיקן געדאַנק איז פאַר מייַנעטוועגן, ווען איך זע אַז אַ פאָרשער ווי האַנס פאָן וואָלצאָגען מיינט צו געפינען עלעמענטן פון אידעאַליזם און רעאַליזם אַזש אין די אור־אַלטע מיטאָלאָגישע שעפּונגען. ביי די אַלטע גריכן איז עס, לויט ניטשע, דאָס דיאָנישע און אַפּאָלינישע. אומעטום האָבן מיר זיי ביידן אַלס סטאַבילע אייגנשאַפטן, אייגנשאַפטס־ווערטן פון אייביקן דויער. פאַקטיש איז עס בכלל נאָר צוויי זייטן פון איין ערשיינונג. רעאַליזם אָן אידעאַליזם האָט קיין ווערט נישט, פונקט ווי ס'האָט קיין ווערט נישט אידעאַליזם אָן רעאַליזם. די אידעע וויל זיך קאָנקרעטיזירן, מאַטעריאַליזירן, אָביעקטיווירן, רעאַליזירן. און כדי צו הייבן די באַדייטונג פון קאָנקרעטן געגנשטאַנד, מוז ער ווערן פאַרסימבאָלהאַפטיקט, פּאָטענצירט, סטיליזירט, אידעאַליזירט. דער אידעאַליסט זוכט אַ בילד פאַר זיין אידעע און דער רעאַליסט זוכט די אידעען פון זיינע בילדער.

ווי עס לערנט די געשיכטע פון דעם וואָרט אידעע, איז דער אורשפּרינגלעכער טייטש דערפון געווען פשוט: געשטאַלט, בילד; מיט דער צייט ערשט, ביסלעכווייז, נאָך אַ לאַנגער אַנטוויקלונג, איז עס געוואָרן די העכסטע פאָרם פון באַגריפלעכקייט, אַ נאָרם־

געבנדע, רעגולאַטיווע איינהייט, אַפילו אַ מין גאָטהייט, ווי למשל, ביי פלאַטאָן.

אַז דער פאָטער פונם נאַטוראַליזם אין דער ליטעראַטור, עמיל זאָלאַ, איז אַרויסגעטרעטן ליידנשאַפטלעך קעגן ראָמאַנטיזם, אָדער ווען דער היסטאָריקער און עסטעטיקער אייזשען וועראָן טרעט אַרויס נאָך אים פאַרביסן און קריגעריש קעגן קלאַסיציזם, טרעטן זיי אויף אין נאָמען פון אַן אידעע, אין נאָמען פון דעם אמת, יענעם גרויסען אמת, וואָס מען רופט אים אָן: לעבן. קונסט איז פאַר זיי ראשית כל: לעבן, וואָרהאַפטיקייט, עכטקייט, נאַטור. זיי באַקעמפן דערומאַך דאָס קינסטלעכע, דעם שקר, די טויטע גייסטער און די אויסגעטראַכטע שענהייט. שיין איז נאָר דאָס וואָס איז עכט, וואָס איז וואָר.

דערמיט איז, ווי איך גלויב, גענוג קלאָר, פאַרוואָס עס איז נישט לגמרי קיין ווידערשפרוך, וואָס ביי זיין אידעאַליסטישן צוגאַנג צום לעבן, צו די ערשיינונגען און פראַגן פון דערווירקלעכקייט און דער ליטעראַטור, האָט י. י. טרונק זיך אַרויסגעוויזן אַלס נאַטוראַלישער גייסט. וועגן דעם האָב איך דערווייל געקאָנט מאַכן בלויז אָנדייטונגען, און וועל זיך דעריבער שפעטער נאָך אומקערן דערצו. בדרך כלל וועל איך דאָ אָנווייזן אויף נאָך אַן אינטערעסאַנטן פרט. אויסער נייע מאָטיוון, נייע מענטשן, נייע מיליעס, נייע שויפלעצער, נייע לאַנדשאַפטן, נייע אידעען, און אָפגעזעען דערפון, וואָס ער האָט דער ערשטער אונז געגעבן די אינטימסטע נאַטורשילדערונגען, אַן אײדעלע עלאָקווענץ, און דעם שיינעם זשעסט פון אַ פרייען וועלט-ערפאַרענעם פאַרנעם, איז ער צו דעם אַלעם נאָוואַטאָריש אַלס ליטעראַרישער פענאָמען. זיין גאַנצער זשאַנר שרייבן איז אַ נייעס. אַן אַנדער ניוואָ. יעדע נאָוועלע פון אים איז אַ ליטעראַרישע אָפהאַנדלונג, אַן עסיי, און יעדער עסיי זיינער איז אַ בעלעטריסטיש ווערק, אַ נאָוועלע. פראַפּאַנט פאַלט אויס דאָ דער פאַרגלייך פון דעם עסיי „דער טויט" און די נאָוועלע „חורבות", צווישן „דאָריאַן גריי" און „אַ מעשה פון אַ ליבע".

כדי צו געווינען דאָס ריכטיקע פאַרשטענדניש פאַר דער

אייגנאַרט פון י. י. טרונק, איז ווייניק צו קאָבען אָפּשאַצן די מעלות און חסרונות פון זיינע ביכער, נאָר מער פון אַלץ איז דאָ בייטיק אַן אומפּאַסנדער בליק, וואָס זעט דעם גאַנצן וועג אויף וועלכן ער איז געגאַנגען. ער קומט צו אונז ווי אַ פרעמדער און איז אומעטום אויף דער וועלט נאָר אַ גאַסט. און אויף אים האָט געוואָרט דער וועג פון ערפאַרונג. ווי אייגנטימלעך דאָס איז ביי אים! אָנהויבנדיק פון די אידילישע פייזאַזשן און צייכנונגען אין דעם בוך זיינעם „פון דער נאַטור", און אַזוי נאָכגייענדיק ביז צו דער לעצטער אַרבעט פון אים: „דער בריוו צו נאָוואַטוסן", און זיך אָפּשטעלנדיק דער עיקר ביי זיין הויפּט-ווערק: „דער אידעאַליזם און נאַט·ראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור". וואָס דער לעזער האַלט דאָ יעצט פאַר זיך, זעט מען ערשט ווי גרויס עס איז די אַנטוויקלונגס-ליניע און די דערגרייכונג. אין דער פרימיטיווער טעכניק פון די ערשטע זאַכן דערקאָנט מען גלייך דעם אָנפאַנגער, וועלכער קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון חשק אין דעם געגנשטאַנד אָפּצומאַלן און אויסצוטייטשן אַלצדינג מיט אַלע פּרטים און ניואַנסן און מיט יעדע באַוועגונג און באַלייכטונג, אויף אַזוי פיל, אַז מען הערט אויף דערנאָך אַרויסצוזען דעם געגנשטאַנד. און ער פלייסט זיך צו געבן דאָס געשטאַלט פון איטלעכן געגנשטאַנד און דעם אויסדרוק פון איטלעכן וועזן, אויף אַזויפיל, אַז מען הערט אויף צו וויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער פאַרשטייט נאָך נישט צו זעען, ווייל ער קוקט אויף אַלץ מיטן זעלבן אינטערעס, ווייל אַלץ איז נאָך פאַר אים גלייך, וויכטיק. דערפאַר איז דאָרט אַ פאַרגלייך פאַרגלייכט מיט אַ פאַרגלייך, און די ווערטער ציען זיך לאַנגגאָטעמדיקע, און דער עצם אינהאַלט ווערט אויסגעהאָפּטן ווי אַן אָרנאַמענט. ער האָט נאָך נישט געלערנט די קונסט, אַז „צייכ-נען הייסט אַרויסלאָזן". דער שטורם פון די נאַטור-עלעמענטן און דער שטורם פון מענטשלעכעליידנשאַפטן שפּילט זיך אָפּ דאָרט שטענדיק אַזוי אידיליש, און הגם נישט ווּיסנדיק, אַליין פון זיך, אָבער אין טאָן פון די אַרקאַדיער אין סוף פון זיבצעטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט אַזויפיל לאַנגע יאָרן געהערשט אין דער וועלט-ליטעראַטור. שעפער-שפּיעל. אַליין י. ל. פּרץ

האָט אים דעמאָלט געקרוינט אַלס שעפּער־דיכטער. דאָס איז נאַטירלעך מצד פּרצן אַ גרויסער טעות געווען. ער האָט די צייכן פון אונרייפקייט אַ געצוואונגענע פאַר וועזנטלעכע און גענומען פּותר זיין די נאַיווקייט ווי אַ באַרופס־קוואַליטעט. איינע פון די פּריסטע און שוואַכסטע זאַכן טרונקס, „ציגיינער", האָט אויף פּרצן געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז ער דערמאָנט זי שפּעטער — אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט — אין „פריינד" פון יאָר 1913, אין איינעם פון דער אַרטיקלען־סעריע אונטערן נאָמען: „וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור?". דערנאָך לויבט די זעלבע „ציגיינער" מיט אַ באַזונדער התפעלות ש. ניגער, אָבער ער געפינט דאָרט אַ סך מער מעלות און דיאַמעטראַל פאַרשידענע פון די, וואָס פּרץ האָט געפונען. און נישט אָן אינטערעס איז עס צו באָטירן, ווען מיט איבער אַ צענדליק יאָר שפּעטער דערמאָנט נאָך אַלץ דערזעלבער ניגער די „ציגיינער" צום גוטן, וועלכעס שטערט אים אָבער נישט אָרונטערצורייסן אַנדערע פיל בעסערע נאָוועלן טרונקס. דאָך נישט קוקנדיק אויף דעם גוטן מזל, איז אָט די זאַך דערפון נישט בעסער געוואָרן, אַקוראַט ווי די שפּעטערדיקע אָן ערך בעסערע זאַכן פון טרונקן פאַרלירן גאָרנישט דערפון, אויב אַ שלעכטער מבין קאָן האָבן געגן זיי זייער פיל אויסצוזעצן.

באמת איז דאָס אידילישע פון די ערשטע זאַכן נאָר אַן אַנדער אויסדרוק פאַר דער פריער כאַראַקטעריזירטער אידעאַליסטישער באַציונג; ס'איז די לעבנס־פרעמדקייט, די אונשולד פון נישט וויסן נאָך דעם ערנסט פון לעבן, אַ שפּיל מיט די ווירקלעכקייטן פון דער וועלט, ווייל דעם נאַיוון גייסט פעלט נאָך דער זין פאַר דער דימענסיאָן פון דער איבערלעבונג, פאַר די ערפאַרונגס־דימענסיאָנען. פון יענע יונגע זאַכן, ווי „אין אַ פויעריש הייזל", „אַ פישער־געשיכטע", „ציגיינער", „ים", „אין די בערג", „אָן אַלטיטשקער" פאַרבלייבט ווירקלעך ווערטפול די לעבעדיקע נאָנטקייט צו דער נאַטור, דאָס אינערלעכע מיטלעבן מיטן לעבן פון דעם דרויסן אונטערן פרייען הימל, די טיפערע עמפינדונג פאַר די שיינקייטן פון די גרויסע נאַטור־געגנשטאַנדן. עס רופט זיך אָפּ דאָרט אונמיטלבאַר די גרויסע פרייד פון אַ נאַטור־מענטש זיך

צוצוקוקן ווי די זון גייט אויף און גייט אונטער, ווי עס וואַ־ דערן די וואָלקענעס אין די ווייטקייטן פון די הימלען, ווי עס שיינט דאָס אייביקע ליכט פון די שטערן. און עס רופן זיך אָפּ די בענקשאַפטן פון האַרץ וואָס ווילן מיטלעבן מיטן לעבן פונם ים, מיטן לעבן פון די בערג, מיטן לעבן פון די פליגען, מיטן לעבן פון די נאַטור־גייסטער.

שפּעטער אין יאָרן אַרום, אין די אַנדערע נאָוועלן זיינע, ווען ער פּלאָגט זיך שוין נישט צו געבן די שטימונג פון פּייזאַזש אַרויס, נאָר ער האָט זיך אויסגעלערנט צו געבן פון דער שטימונג אַרויס דעם פּייזאַזש, אַז עס רייסן אויס ביי אים די עלעמענטאַרע נאַטור־געפילן, גיט ער אונז איינדרוקספולע, העלע שטימונגס־פּייזאַזשן פון דער בערג־לאַנדשאַפט אין דער שווייץ, באַזונדערס אין דער פיינער דערציילונג „דער טויטער", שטימונגס־פּייזאַזשן פון דער ארץ־ישראל לאַנדשאַפט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קראַפט, עכט־עמפּינדענע, נישט־לייכט צו פאַרגעסנדע ים־איינדרוקן.

אין אַלע ערשטע זאַכן פון די יונגע יאָרן זעט י. י. טרונק אַלצדינג צוויי־דימענסיאָנאַל, ווי אַ מאָלער, און דעם נאָכאַנאַנדער זעט ער נישט אַנדערש נאָר ווי אַ נעבן־אַנאַנדער, אַ ביי־אַנאַנדער. ער קאָן נישט דערציילן, ער קאָן נאָר מאָלן, שילדערן.

ערשט אין דעם נאָוועלן־בוך „פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען" ערשיינט ער פאַר אונז אויך אַלס דערציילער. דאָס איז אַ שיינער שפּרונג אויפן וועג פון זיין אַנטוויקלונג. אין די דערציילונגען איז צום וויכטיקסטן דער נאָכאַנאַנד, דאָס ווערן און דאָס אַפּוויקלען זיך פון דער פּאַסירונג, ווי דורכן גלייכגעוויכט פון דעם זיין ציטערט־אויף אַ באַוועגונג, וואַקסט־אויס, שיסט אין דער הויך אַרויף, ווערט צוריקגעצויגן און גייט־איין. וויכטיק איז, ווי אַזוי פונאַנדערצוטיילן און אויסצובויען דעם דערציילונגס־שטאָף, און וויכטיק איז מיט וועלכן טעמפּאָ דאָס ווירקונגס־פאַר־מעגן פון דעם געשעענדיקן לאָזט זיך בינדן אין דער שפּאַנונג. דער דערציילער דאַרף קאָנען אינטריגירן מיט דעם וואָס ער האָט צו דערציילן און ער דאַרף קאָנען איינהאַלטן דעם אינטערעס צו זיינע ווערטער. דאָס איז די ערשטע הויפּט־באַדינגונג. די צווייטע

הויפט-באַדינגונג באַשטייט אין דער פעיקייט צו געפינען דעם אייגנטלעכן טאָן, וועלכער זאָל זיין גענוי צוגעפאַסט צו דעם צו דערציילנדיקן אינהאַלט.

ביי י. י. טרונקן ווירקן זייער אייגנטימלעך, למשל, די דערציילונגען „רות" און „פייגנביימער" אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען געהאַלטן אין ביבלישן סטיל און שטעלנווייז דערהויבט זיך די שפּראַך פון זיי צו דער שיינקייט פון רעליגיעזן פּאַטאָס.

געפירט פון אַ ריכטיקן אינסטינקט קלייבט ער אויס לכתחלה פאַר זיינע דערציילונגען די פאָרם אין דער ערשטער פּערזאָן, ווייל דערמיט געווינט זיך, ערשטנס, די מעגלעכקייט אָנצושלאָגן מער סוביעקטיווע טענער און, צווייטנס, געווינט זיך מער פרייהייט אין דער באַהאַנדלונג פון דער קאָמפּאָזיציע, מיט דעם וואָס דער מחבר האָט אַלע מאָל די ברירה, לויט זיין איינזען, אַליין צו אינטערווענירן און אַזוי אַרום אַריינצופירן אַהין אויך די פאָרם אין דער דריטער פּערזאָן, כדי צו באַלעבן אָדער אָפּצורוען דעם גאַנג פון דער דערציילונג. אָט-אָ-די-אָ פאָרם-מיטלען זענען פיל וועזנטלעכער פאַרן דערציילער ווי די קונסט צו אי-מיטירן עקזעמפּלאַרישן נאַטוראַליזם, נישט אָפּטרעטנדיק פונם כלל: ביזטו אַ שניידער — טאָ רעד פון שער און נאָדל, ביזטו אַ שמיד — טאָ רעד פון האַמער און בלאָז-זאַק. אַזאַ מין אינדי-ווידואַליזירונג מעג העכסטנס געפאָדערט ווערן ביים דיאַלאָג. די פּראָפעסיע איז טאַקע וויכטיק, אָבער פאָרט נישט דאָס וויכ-טיקסטע. סוף כל סוף איז עס אַ נעבן-זאַך. אויפן שוסטער-בענקל זיצט אַ מאָל גאָר אַ פילאָזאָף, אַ שריפטשטעלער, אַ תנא אָדער אַ קינסטלער. בפרט נאָך, ווען די פּערזאָן פון דעם דערציילער איז נישט מער ווי אַ פאָרם-מיטל. ס'איז אָנצונעמען אַ כלל: דער עיקרשט איז נישט דער דערציילער, דער עיקרשט איז די דערציילונג.

פאָרם-צווייאיקייט און דופּליציטעט — דאָס איז בכלל אַ מערקווירדיקער פונקט אין די ווערק פון י. י. טרונק. פאַר דעם אידעאַליסט איז די אידעע נישט קיין אַבסטראַקציע, ער זוכט באמת נאָר דאָס רעאַלע, דאָסווירקלעכע, און אַזוי

זוכנדיק דערגייט ער דערווייל, אַז קיין זאַך איז נישט ממשותדיק און אַז דאָס איינציק ממשותדיקע איז די אידעע. זי, די אי־דעע, דאָס איז דיווירקלעכע רעאַליטעט.

אין טרונקס ווערק ווערט א גוזמא פילאָזאָפירט, אין די גאָוועלן נישט ווייניקער ווי אין די עסייס. אַזויפיל באַטראַכ־טונגען און אויספירונגען! מעגן זיי מאַכן דעם איינדרוק ווי גלאַט־אַזוי געדאַנקען־עקסקורסיעס, זיי זענען באמת אָרגאַנישע באַ־שטאַנדטיילן. דאָס אינטעלעקטועלע דינט ווי אַ בוי־מאַטעריאַל. אַ געדאַנק איז אַ געשעעניש.

שריפטשטעלער, ווי י. י. טרונק, פאַרדינען נישט אַזוי גיך קיין אָנערקענונג. נאָר וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט עס? דער־פאַר אָבער, קוים קומט זי אַמאָל די אָנערקענונג, דאַן בלייבט זי שוין בײשטיין, האָט זי אַ קוים, ווייל זי האָט דעמאָלט אונטער זיך אַ פעסטן יסוד.

•

דער גאַנצער געדאַנקלעכער אינהאַלט ביי טרונקן באַוועגט זיך אַרום צוויי גרונד־מאָטיוון: אַרום דעם מאָטיוו פון ליבע און אַרום דעם מאָטיוו פון שרעק. אַלע איבעריקע מאָטיוון זענען בלויז וואַריאַציעס פון דעם שרעק־מאָטיוו אָדער פון דעם ליבע־מאָטיוו.

„איך בין דער גלויביקער פון שרעק, מיינע העררן״, ער־קלערט איינמאָל פייערלעך איינער פון טרונקס העלדן. „שרעק, מיינע העררן איז א גאָטהייט. אפשר די אומפאַרשטענדלעכסטע גאָט־הייט״. „דאָס רוב פון די לעבנס פאַרשווונדן אָן צו האָבן איינמאָל באַטש געשוידערט פאַרן אייגענעם אָפּגרונט. איינצלנע נור האָבן אים א רגע געזען און זיי האָבן זיך געאנט״. דאָס געוועזענע לעבן פאַרגייט נישט. אין אונזער שרעק רעדט נאָך דאָס געשראַך פון די צעווירבלטע פייער־אָפּגרונדן, ווען די ערד איז נאָך געווען יונג, דאָס געבריל פון די הייסע אור־ימים. „נישט שטענדיק זענען די גרענעצן צווישן מעגלעכקייט און ווירקלעכקייט בולט

אָנגעצייכנט. טיילמאָל פאַרלירן מיר אַליין דעם וועג. דעם וועג צו דער ווירקלעכקייט".

„איך בין דער פילאָזאָף, וואָס פאַרלייקן די ליבע", ערקלערט אַן אַנדערש מאָל אַן אַנדערער פון זיינע העלדן. „די ליבע איז דער שטאַרקער נאַרקאָז וואָס מאַכט אונז פאַרגעסן אונזער שרעקלעכע לאַגע אין דער עקזיסטענץ". „ערשט אויב די ליבע איז א לוגן, קאָן די וועלט ווערן אַ ליגן". „שטייענדיק מיט דער ווירקלעכקייט אויג אויף אויג, דערשרעקט זיך דער קינסטלער פאַר איר גייסטיקייט און ער אַנטלויפט צו די קראַנקע האָפנונגען פון דער פאַנטאַזיע". ס'וואַקסט אויס די שרעק פאַרן שיקזאַל: „מיט יעדן טאָג ווערן מיר נענטער צו יענעם גרויזאַמען איקס וואָס שטייט הינטער דעם גרויסן לעבן". „אָרעמע מענטשן! זיי מיינען, אַז ווען מען טראַכט נישט פון שיקזאַל, קומט ער נישט אָן". „זיי באַרוישן זיך כאָטש מיט דעם זיסן האַשיש פון אַ פאַלשער נישטיקייט". „זיי ציִרן זיך מיט פּורפּור אויף אַ וועג צו נ'אַ תּליה".

טיילמאָל איז עס די זעלבע פּאָלאַריטעט פונם געדאַנק. די פּערפּענדיקולערע באַוועגונג פון פּאָל צו פּאָל, אַהין און צוריק, אויף און אָפּ. דאָס זייענדיקע, עס שיינט ווי נישט-צו-זיין, דאָך דאָס נישט-זיין שיינט צו עקזיסטירן. מיסטעריום. גייען מיר אַרויס פון ערגעץ אָדער גייען מיר ערגעץ וווהין? וואָס עקזיסטירט, די וועלט אָדער די אידעע? די קאָנקרעטקייטן אָדער דאָס אומבאַקאַנטע? וואָס איז ווירקלעכער, דאָס לעבן אָדער די קונסט? וואָס ברענגען אונז די געטער, דאָס אייביקע עפּעס, דער גרויסער סוד, דאָס שיקזאַל? וואָס באַדייט דער סוד פון דער עקזיסטענץ? וואָס באַדייט דאָס געהיימניש פונם טויט?

„דער טויט קומט נישט דאָס לעבן פאַרניכטן, ער קומט עס דערקלערן", פירט אויס טרונק אין דעם עסיי: „דער טויט". אין אַ-ע ווייזהייטן, וואָס האָבן ווי געטלעכע פּערל אויפגעטויכט פון דעם אָפּגרונט פון דער מענטשלעכער נשמה, קומט שטענדיק דאָס רעטעניש פונם טויט ווי דער גרויסער אויסלייזער. דאָס איז „די פאַרצווייפלטע אומרויקייט פון דער נאַטור, וואָס קאָן קיינמאָל נישט געפינען די ריכטיקע פאָרם און שאַפט זיך

כסדר איבער". שיקזאַל. אַ טראַגישער שפּאַס? אינם קאַפּיטל „קאָמענדיאַנטן" אין דעם דאָזיקן בוך, הייסט עס: „דער מענטש דערקענט זיין פּאַיאַצנטום אין די אומבאַקאַנטקייטן פון דער געשיכטע. „הינטער אונזער מאַכט און פרייהייט דערזעען מיר פּלוצים די באַהאַלטענע פעדעם, וואָס מאַכן אונז פאַר מאַריאָ-נעטן" און דעם מענטשן געפעלט נישט אַזאַ ראָלע. און עס הייסט אין דעם עסיי „איוב": ווו איז ער גאָט, וואָס רוט אין זיין שווייגן און ענטפערט נישט". „ער ווינט אין מיין גע-דאַנק און איך קאָן אים נישט באַגרייפן". „דער נישטיקער מענטש, זיין קנעכט, רופט אים צום משפט". „דער זינדיקער אָ ב ע ר ג ע ר ע כ ט ע ר מ ע נ ט ש (מיין קורסיוו — מ. וו.) פאָדערט גאָט אַרויס צום משפט".

דאָס געפיל פון גערעכטיקייט — דאָס איז דעם מענטשנס העכסטע דערגרייכונג. מיטן פרינציפּ פון גערעכטיקייט דאַרף ער פאַרענטפערן זיינע מעשים. קאַמף צווישן מענטש און גאָט. אויסדריקלעכער און דייטלעכער באַהאַנדלט עס דער עסיי „קין". מענטש און וועלט — ביידע איין פרינציפּ. קאַמף צווישן מענטש און וועלט, איין פרינציפּ וואָס האָט זיך געשפּאָלטן און דאַן זיך פּלוצלינג אַנטקעגנגעשטעלט ווי צוויי שונאים. אַזוי בויט זיך אויס דאָרט דער אידעען-קרייז: וויסן — באַוווּסטזיין — שולדיקייט — דערקענטעניש — געוויסן — פאַראַנטוואָרטלעכקייט — גרויסקייט — גאולה. דער אייגענער אידעען-קרייז, נאָר אויף אַן אַנדער אופן אויסגעדריקט, און אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג, קומט-פאָר דערנאָך אויך אין „דאָריאַן גריי". שטענדיק איז עס דער זיך-שפּאַלטנדיקער פרינציפּ, די פּאָלאַריטעט.

די רייד פון דעם איבערצייגטן מאַטעריאַליסט אין דער נאָוועלע „אַבערגלויבן" (נאָך נישט פאַרעפנטלעכט), קאָנען דאָ דינען אַלס pendant צו די פריערדיקע מעטאַפיזישע ספּע-קולאַציעס: „איך האָב שוין לאַנג פון מיר אָפּגעטרייסלט יעדער שפּור פון אַבערגלויבן און קוק אויף דער וועלט אָן דעם מינ-דעסטן פאָראורטייל"... „צו וואָס זיך שפּילן אין אונזיניקער מיס-טיק"... „ווען די טיר וואָס פירט אַריין צו דעם גאַנצן מעכאַניזם

פון וועלט=סיסטעם האָט זיך געעפנט; מיר זעען אַלע רעדעלעך און שרייפעלעך, מיר קענען אַלע פיזיקאַלישע געזעצן, וואָס באַוועגן אָט די גאַנצע קאָסמישע מאַשין און די אַלע עלעמענטן פון וועלכע זי בויט זיך אויף; מיר האָבן אָפּגעווישט דעם הויך איבער יענעם פענסטער דורך וועלכן מען קוקט אַריין אין די לעצטע טיפענישן". און ער דערלויבט זיך די סאַרדאָנישע איראָניע: „ווער איז שולדיק, ווען דער אַטעאיסטישער מענטש האָט פאַרלוירן יעטוועדעס מינדסטע געפיל פון ערפורכט" נאָכדעם ווי „די געטער האָבן זיך דערשראָקן פאַר די צעלן פון מענטשלעכן געהירן און ווי ביי=די=הענט=געכאַפּטע האָקוספּאָקוסניקעס געמאַכט פליטה פון די הימלען?". „מיר האָבן דורכגענישטערט אַלע הימלען און דאָרט נישט געפונען נישט קיין גאָט, נישט קיין שיקזאַל". „דאָס איינגערעדטע זיכערקייט, אַז ערגעץ=וווּ איז פאַראַן אַן אַלמעכטיק וועזן"... „נעמט אַראָפּ פון מענטשלעכן געדאַנק אַ סך פאַראַנטוואָרטלעכקייט".

כ׳האָב דאָ מיט אַ כיון צוזאַמענגעשטעלט די אַלע ציטאַטן, ווייל זיי אילוסטרירן אויסגעצייכנט ביי טרונקן דעם דואַליזם פון דער אָנשויונג, די שתּי רשויותדיקייט. איך וועל נאָך ברענגען עטלעכע פאַראַלעלן פֿון אַן אינדיווידועלן שניט. אין דעם נאָר וואָס ציטירטן „אַבערגלויבן" קלאָגט זיך דער געאָלאָג, פּראָפעסאָר האָרן, וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיין ספר „וועגן דער פאַונאַ און טריאַס אין דער קאַרראָן-צייט": „וואָסער גליק איז אין דער וויסנשאַפט, וואָס אין תּוך אַריין האָב איך זי געהאַסט תּכלית שנאה?". „אין מיין האַרצן האָבן געברענט גלוסטיקייטן צום לעבן וואָס האָבן מיך אויפגעפרעסן". כ׳בין שוואַך געווען קעגן מיין גורל ווי דער אָרעמסטער וואָרעם".

„— פאַר נקמה אין מיר אַליין, פאַר נקמה אין לעבן (פּראָפעסאָר האָרן קלאַפּט דערביי מיט זיינע קליינע הענטלעך אין טיש אַריין), האָב איך מיך געוואָרפן אויף דער וויסנשאַפט". לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט בין איך געזעסן איבער צוקרישלט געשטיין און אַלטע טויטע ביינער".

אַן אַנדער העלד (אין „אַ מעשה פון אַ ליבע") טענהט אַן

ענלעכע טענה: „טיילמאָל האָב איך ווירקלעך חרטה וואָס כ'האָב מיך איינגעלעבט אין די געטלעכע וואָרהייטן פון דער פילאָזאָפיע. בעסער וואָלט איך איך אַ מאָל אַ זופּ געטון פון דעם דאָזיקן פאַלשן בעכער פון לעבן און וואָלט מיינע אויסגעדאַרטע הענט אויסגעשטרעקט צו דעם כלומרשן זיין".

אפשר די טיפסטע טראַגיק איז פאַראַן אין דעם טעות וואָס מען נעמט-אָן דעם מענטש פאַר אַ ζῷον πολιτικόν; ניין, נישט קיין געזעלשאַפטלעך בעל־חי איז דער מענטש—„דער מענטש איז דאָס איינזאַמסטע באַשעפעניש וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט. אַך, ווי איינזאַם עס איז דער מענטש אין דעם אומענדלעכן דאָזיין! דאָס מענטשלעכע געפיל איז אַ יתום אין דעם שפּיל פון די וועלטן". „מיר זענען שטענדיק אַליין. אַרום יעדן איינציקן פון אונז ציט זיך אַ מדבר. די מדבר וואָס טיילט אָפּ איין ווירקלעכקייט פון דער צווייטער. אין דער דאָזיקער מדבר זענען מיר ווי רופער אין אַ הוילקייט. ווער הערט דען דעם אָרימען מענטשן אין דער גרויזאַמער וויסטעניש וואָס נעמט אַרום זיין באַוווסטזיין?".

פון אַ גאַנצן פּאַק אַזעלכע זאַצן, וועלכע לאָזן זיך זייער לייכט צוזאַמענגעמען, קאָן גאָר גרינג אויפגעשטעלט ווערן אַן אימהדיק פּעסימיסטיש בנין. איז אָבער די מעשה, וואָס אַזעלכע פּראַקטיקע פאָרשטעלונגען וועלן פאַרפירן. דאָס איז אַ פאַלשער איינדרוק, ווייל אַן אויבערפלעכלעכער, אַן אויסערלעכער. מיט דער הילף פון אַ טיפערן אַנאַליז אַנטדעקט מען אונטער דעם אַלעם נישט בלויז אַן אָפּטימיזם, נאָר אַ ביאָלאָגישן אָפּטימיזם. מען אַנטדעקט עס אין דעם טאָן. דער טאָן אינטערפּרעטירט צום בעסטן דעם אינהאַלט. דורכן בלויזן אינהאַלט קומט מען צו פאַלשע רעזולטאַטן.

אַן ענלעכער קאָנטראַסט צו זיינע אייגענע ביכער איז אַליין דער פּערזענלעכער, ל' יבהאַפּטיקער יחיאל ישעי' טרונק. איבעראַשנד אַנדערש פון יענעם אויסזען, ווי דער לעזער שטעלט זיך אים פאָר. די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט אַנטוישט אין פלוג. דאָס ברייטע פּנים מיט די מעכטיקע קיי-מוסקולן און דאַן די בערישע

שווערפעליקייט אין דער באַנעמונג, דאָס זאָגט נישט צו. אַ לענגערע אויפמערקזאַמע באַאָבאַכטונג און אַ נענטערער אומגאַנג העלפט צו דערזען דעם טעות. מ׳באַמערקט דעם איידעלן אויסדרוק פון די דינע ליפּן, די פיין־קנאָכיגע עכט־רוימישע נאָז, דעם אימפּאָזאַנטן שטערן און די איבער־נאַיווע בלאָע אויגן. און עס געלינגט טיילמאָ, אויפצוכאַפּן דעם שלייער פון דעם נאָכדענקלעכן, ווי אין דמיונות פאַרטועגעם בליק. מיט איין וואָרט: פיזיאָנאָמיש ווידער דאָס געמיש פון דעם טאָפּל־כאַראַקטעריסטישן. דער דאָזיקער נאָכדענקלעכער, ווי אין דמיונות פאַרטועגער בליק, גיט אונז דעם שליסל צו די געהיימנישן פון טרונקס פּערזענלעכקייט, פון זיין כאַראַקטער אַלס שריפטשטעלער.

אַלצדינג וואָס איז ביז אַצינד געזאָגט געוואָרן, וואָלט נישט געהאַט קיין שום ממשות, ווען ס׳זאָל אונז נישט געווען צוגרייטן יעצט זיך צו קאָנען מיט דעם אַלעם באַנוצן צום איינציקן און וויכטיקסטן צוועק אָט די געהיימנישן ענדלעך אויפצוקלערן.

נאָך איידער דאָס ווערט געטון, דאַרף פריער נאָך לוינען זיך אָפּצושטעלן אין עטלעכע ווערטער אויף דער באַקאַנטער היפּאָטעזע פון טאָפּל־עקזיסטענץ, וועלכע זאָגט: גלייכצייטיק מיט אונזער איך עקזיסטירט אין אונז נאָך אַן „איך”, דער alter ego, דעריבער איז מעגלעך, אַז צוזאַמען מיט אונזער געוויינלעך, נאָרמאַל לעבן, פירן מיר נאָך אַן אַנדער לעבן, אַזויצוזאָגן, אַן altera vita, אַ לעבן אויסער דעם לעבן, מצד דעם לעבן. אין דער געזעענערווירקלעכקייט זאָל נאָך עקזיסטירן אַ צווייטע ווירקלעכקייט, אַ באַהאַלטענע, אַן אַסטראַלע, אַ מיסטישע, אַ טראַנסצענדענטאַלע.

יעצט צום עיקר. דאָס גאַנצע געהיימניש פון טרונקס שריפטשטעלערישן ווערט, וועגן וועלכן איך רעד אַזויפיל, ערקלערט זיך צום איינפאַכסטן מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט דעם חוש צו זעען אומעטום אָט יענע פאַרבאָרגענע באַציונגען. עס איז דאָס העכערע זעען. ד אָ ס ז ע ע ן פ ו נ ם ק י נ ס ט ל ע ר.

עטלעכע פשוטע ביישפּילן וועלן דאָס אַמשטאַרקסטן באַגרינדן:

„שטענדיק ווען איך קום אַראָפּ פון דער יבשה אויפן ים”,

„באַפאַלט מיך אַ גרויסע איינזאַמקייט. נישט אין ערגעץ ווו מען פילט נאָר ערד אונטער די פיס, זאָגאַר אין די טרויעריקע זאַמד=ווייטקייטן פון דער מדבר, געפינט מען זיך נישט אַזוי אַליין. מיר זענען קינדער פון דער ערד". „ווילסטו אַריינגיין אין דעם גרויסן אַליין=זיין, טאָ פאָר אַרויס אין די קעניגרייכן פון ים. דאָס דאָזיקע עלעמענט איז נישט אונזער מוטער — זייערע נעכט זענען וויסט און אומפאַרשטענדלעך, זייער שפּראַך איז אונז פרעמד, אין זייער שטורם ליגט דער סוד פון דעם שווייגן".

„מיט אונז דאָ אויפן שיף פאָרט אַ פרוי, נאָך אַ גאַנץ יונגע פערזאָן, זי איז ווייס געקליידט, נאָר די ווייסקייט האָט נאָך אַ טיפערן אומעט ווי די שוואַרצע געווענדער פון טרויער. אירע אויגן זענען העל און אָפן. זיי זעען אָבער קיינעם נישט און קוקן בלויז אַריין אין דעם אייגענעם געמיט". („ליבע")

אברהם אבינו! ווי ווארים ציטערט עס אַדורך דעם אָרי=מען רוסישען פויער, ווען ער דע־מאָנט זיך דעם דאָזיקן נאָ=מען! אברהם אבינו איז אים דאָך דער איינציקער נאָנטער פון די אַלע יידן צווישן וועלכע ער לעבט און וועלכע ער מוז פון זיין רעליגיעזן שטאַנדפונקט אויס (אַלס גר—מ. וו.) באַטראַכטן פאַר ברידער. ברידער. אמת, ער קאָן זיך אינערלעך זייער שוואַך פאָרשטעלן דאָס ברידערלעכקייט מיט אַלע די דאָזיקע פרעמדלעכע יידן, וואָס ער זעט און טרעפט. איינער אָבער, דער איינציקער, דער פשוטסטער און האַרציקסטער, תרחס זון, דער געוועזענער גוי פון אור־כשדים, ער איז אים היימיש, ער איז אים אַן אייגענער" („רות").

אַזעלכע מיני געהיימנישפולע באַציונגען קומען ביי אים צום אויסדרוק אין אַלע זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן. אפילו אין דעם אַקצענטירט=רעאַליסטישן „איבראַהים" איז אים דאָס ערשטע אויפפאַלנדיק די קאָמישע אמביציע פון דעם נידריקן אונטערטעניקן אַראַבער צו שפילן דעם עפענדי.

•

וועגן דעם בוך „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור", וואָס טרונק גיט דאָ יעצט דעם לעזער, וואָלט מיר גויטיק געווען אויספירלעכער צו שמועסן, ווייל דאָס איז ווידער א שיינער שפרונג אין זיין אַנטוויקלונג. דערווייל וועל איך זיך דאָ באַגרענעצן מיט א פּאָר שורות. די אָריגינאַליטעט פון דער אויפפאַסונג ווייזט זיך אַרויס בעיקר דערמיט, וואָס אונזער אויטאָר מיינט צו זעען דעם זין פון דער יידישער געשיכטע אין דעם הונגער נאָך ווירקלעכקייט פון דעם טראַנסצענדענטאַלן יידישן געדאַנק, און קוים ווענדט זיך אָפּ די יידישע ווירקלעכקייט פונם דאָזיקן אור הגנוז, פאַרלירט זי אַלע ווערטן אירע, די לעבעדיקע זאַפטן טרוקענען אויס, ווערן אָפּגעשניטן אַלע וועגן, הערט אויף יעדע רעגענעראַציע — נישטאָ קיין אויסגאַנג, אַלץ דעגענערירט. אונטערגאַנג. און ער פּרוווט ערקלערן די הויפּט־ערשיינונגען און הויפּט־מאָטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דער יידישער געשיכטע. זייער געלונגען איז דאָס אַריינפירנדיקע קאַפּיטל „קאָמעדיאַנטן". אָבער דעם הויפּטווערט פונם דאָזיקן בוך זע איך אין דעם טייל, אין וועלכן עס ווערט געגעבן די אָפּשאַצונג פון ווייסענבערגן. דאָס איז א פּו׳ שטענדיקע אָפּרעכנונג, א סך־הכל, דאָס לעצטע וואָרט, דער בילאַנס. מיט דעם, דאַרף מען גלויבן, איז דאָס מיספאַרשטענדניש ווייסענבערג איינמאָל פאַר אַלעמאָל ליקווידירט. און מיט וואָס פאַר א פיינעם הומאָר דאָס איז געמאַכט געוואָרן!

און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם אידעישן אינהאַלט פונם בוך בכלל, דאַרף דאָ נישט זיין קיין גרויסע נפקא מינה צי די ריכטיקייט דערפון לאָזט זיך יאָ אָדער נישט אָפּווענדן, דער עיקר איז נאָר דער כח פון די געדאַנקען, דער אויסבליק. געדאַנקען מוזן זיין ווי אויפרייס־שטאָף, ווי עקראַזיט. זיי דאַרפן צינדן און א הויב־טון אין דער הויך. מיטן געדאַנק זאָל געאַרבעט ווערן, ווי מען אַרבעט אין די שאַכטן מיט דינאַמיט. דער געדאַנק רייסט־אָפּ פון דער וועלט־איינהייט שטיקער ווירקלעכקייט און באַנוצט זיך מיט זיי אויפן זעלבן אופן, ווי עס

ווערן אין די שאַכטן אויפגעריסן די שטיין־מאַסן און דאַדורך מעגלעך געמאַכט זייער פּאַרוועגדונג.

גאָר צום סוף זאָל אויך נישט איבריק זיין נאָך צו דער־מאָנען מיט עטלעכע ווערטער די „היסטאָרישע מיניאַטורן" זיינע. „סימפּאָזיאָן" איז אין דער קאָמפּאָזיציע פיל שוואַכער פון דעם „בריוו צו נאָוואַטוסן", פאַר דאָס איז זייער אָריגינעל אָהין אַריינגעפירט מיט דער הילף פונם שעקספיר־געשטאַלט דער מאָטיוו פון דעם נוצרי. ס'איז געהאַלטן אין אַנטיקן טאָן און מיט דער פּאַטינאַ פון קאַסטבאַרער אַלטקייט. אין דעם „בריוו צו נאָוואַטוסן" דערגרייכט ער מער מייסטערשאַפט. ער וואַקסט דאָ אויס מיט אַ קאָפּ העכער ווי געוויינלעך. דאָ דער־גייט ער מיט דער דיסקרעציע פונם טאָן צו דער הויכער קול־טור פון דער ראָמאַנטישער איראָניע — די גרויסע פרייקייט פונם גייסט, דורך וועלכן אַלצדינג איז פאַר אים איבערוואונדן און קיין זאַך בינדט אים נישט און איבער אַלעם שוועבט ער שפּילנדיק, די איראָניע, ווי עס האָבן זי פאַרשטאַנען די ראָ־מאַנטיקער. פיין און גרויסאַרטיק געצייכנט איז דאָס געשטאַלט פון סענעקאַ.

*

דער נאָוואַטאָרישער גייסט ביי טרונקן דריקט זיך אויס אויך דערמיט, וואָס עס בלייבט נישט שטיין אין דער אַנטוויק־לונג זיינער. ער וואַקסט־אויס גייסטיק וואָס אַ מאָל באַדייטנדער און ער מאַכט כּסדר פאָרטשריט. דאָס איז שטענדיק אַ סימן פון אַן עכטן טאַלענט. ווי ווייניק ענלעכקייט ער זאָל נישט האָבן מיט די העברעישע שירים, וואָס ער פלעגט שרייבן ייִנגל־וויז, מיט דעם העברעישן ראָמאַן אינם גייסט פון פייערבערגס „לאָן?", מיט וועלכן ער האָט אָפּגעשטאַט י. ל. פּרצן דעם ערשטן באַזוך און פּרץ האָט דערויף נאָכן איבערלעזן געזאָגט: „יונגערמאַן, וואָס טויג אייך איבערצוזעצן אייער יידיש אויף העברעיש, שרייבט עס גלייך אָן אויף יידיש" און אים געגעבן גרויסע האָפענונגען, און ווי ווייט ס'זאָל שוין יעצט נישט זיין דאָס שייכות זיינס מיט די העברעישע מליצות, וועלכע ר'האָט

אַמאָל אָפּגעדרוקט אינם וואָכנבלאַט װאַרשעװער „הקול" — עס איז דאָס אַ׳ן דערזעלבער טרונק, דאָזעלבע טאַלענט, נאָר אין דער פּראָטאָפּלאַזמע: די אַמאָליקע מליצה האָט זיך סובלימירט אין דער ליבע צום שיינעם וואָרט, צו דער באַפליגלטער פּראַזע. און דאָס אידילישע שעפער־שפּי׳, די אַרקאַדיען־שטימונג, געפינט דערנאָך דעם סובלימירטסטן אויסדרוק אין זיין באַציִונג צו די עראָטישע מאָטיוון, צו די פרויען, וואָס ער מאָלט. די פרויען אין זיינע ביכער זענען שטענדיק לעבנס־נאַיווע, סענטימענטאַל־שיינע, פּופּנהאַפטע, — אומשולד־ערשיינונגען. די עראָטיק — דאָס איז ווידער אַ מערקווירדיקער זייער אינטערעסאַנטער פּונקט אין טרונקס ווערק. נאָר וועגן דעם וועל איך באַלד רעדן נאָך אין אַן אַנדער צוזאַמענהאַנג.

זייער סובלים און קינסטלעריש־רייף איז דער שפּילנדיקער טאָן אַרויסגעקומען אין די העקזאַמעטערן, וועלכע טרונק האָט געשריבן מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, זייענדיק אין רוים, אין אַ בריף צו יצחק קאַצענעלענסאָגען און פון וועלכע ס׳איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אויסצוג. ווייל דאָס זענען די איינציקע פערזן זיינע אין יידיש, ברענג איך דאָ דעם גאַנצן אויסצוג, וועלכער איז דער כאַראַקטעריסטישסטער ביישפּיל פאַר דער רייפער קולטיווירונג פון זיין קינסטלערישן טאָן:

...„געווען אַ יאַריד, אָ, ברודער, אַ יאַריד פון מענטשן אונגעטער.
איצטער נאַקעטע חורבות, ווי טרוקענע וועלדער אָן בלעטער.
פאַרלאָזענע פּאַלאַצן און טעמפּלען. קראָען ווי שוואַרצע געדאַנקען,
באַפליען אַ פאַריתומטן אַפּאָלאָ, אַ קאַליקע, אַ קראַנקן,
אָן הענט, אָן פיס, מיט אַ געשפּאָלטענעם קאָפּ (ער האָפּט
נאָך אויף עפּעס אַ פּנים),
אַזוי שטייט אַן אָרימער גאָט ביי אַן אַלטן צובראָכענעם ברונעם.

אָ, געטער ליכטיקע, אַ ייד פון נצרת, אַ תּלוי, די הענט פול
מיט לעכער,
הענגט ווי דער טויט איבער רוים. שוואַרצע צלמים אויף אַלע דעכער.
גלאָקן קלינגען אויף שׂרפה. הע׳, דער קאַמף נאָך אין דער מיט איז!

איך האָב נישט פאַרשפּעטיקט, אָ, ברודער, איך בין געקומען
זעען און לאַכן,
ווי עס בעטלען די איידעלע רוימער שוין איצטער אויף
אַלערליי שפּראַכן.

אזוי שפּילט אַ קאָמעדיע דאָס שיקזאַל ביים חרובן אַרקאָ פון טיטוס.

טרונקס קומענדיקער ביאָגראַף וועט זיך נישט באַגיין אָן זכות אָבות. אַזאַ מין סינטעז פון דעם אינטעלעקטועלן און דעם סענסועלן געפינט זיין יסוד און שורש, דער אינטעלעקטואַליזם— ביים עלטער־זיידן זיינעם פון פאָטערס צד, דעם גאון עולם יהושעלע קוטנער, און דאָס סענסואַל־סענטימענטאַלע — ביים זיידן זיינעם פון דער מוטערס צד ברוך גזשיוואַטש, וועלכער איז זייענדיק אַליין איינער פון די רייכסטע וואַלד־סוחרים אין פוילן (מען האָט אים געשאַצט אין פינף מיליאָן גאָלד־רובל) אין אַ גוט באַזיצער, פאַרבליבּט ער כל ימיו אַ פּשוטער דאָרפס־מענטש און אַ „וואַלד־מענטש״ מיט לייב און לעבן

אַזוי ווי כ'האָב די זיכערקייט, אַז פון די קאָמפּלימענטן, וואָס איך מאַך טרונקן פאַר זיינע מעלות, וועט זיך אים נישט פאַרדרייען דער קאָפּ און ער וועט זיי קאָנען געמיטלעך רויק איבערקומען, אַזוי האָב איך אויך דאָס זיכערע געפיל אים נישט צו האָבן געטון קיין עולה, ווען איך וועל נישט פאַרמיידן אים מכבד צו זיין מיט דער ביטערער פּיל, אונטערשטרייכנדיק שאַר־פער אייניקע פון זיינע חסרונות. אין ביידע פאַלן איז מיין פונקציע א ריין דעסקריפּטיווע. איך נאָטיר, איך גלאָסיר. נאָר דער נידריקער, קורצזיכטיקער שכל פועלט ביי זיך צו גלויבן, אַז נישט־פאַראַנענע מעלות איז מעגלעך צו ערוואירן און פאַראַנענע חסרונות איז געװוּג, אַז מען דעזאַוואוירט זיי. ווען איך אַנטדעק אַ מעלה, מוז דאָך די מעלה זיין פריער אום אַנטדעקט צו ווערן, און ווען איך פאַרזע אַ חסרון, הערט דאָך דער חסרון נישט אויף צו עקזיסטירן, כאָטש איך זע איך נישט.

אַ קאַרדינאַלער חסרון אין טרונקס ביכער, דער הויפט־חסרון, איז דאָס צופיל פון דער שפילנדיקער באַציונג צום אינהאַלט אין זיינע באַוועלן און דאָס צו ווייניק פון דער שפילנדיקער באַציונג צום אינהאַלט אין זיינע עסייס. בנוגע זיינע באַוועלן אין אָט־אָ־דעם־אָ צוזאַמענהאַנג לאָזט זיך עס באַווייזן אַם קלאָרסטן, ווען מען זעט ווי אַזוי ער פירט אויס דאָרט די עראָטישע מאָטיוון. דאָרט איז די עראָטיק אָדער נאַיוו־סטיליזירט, ענלעך צו דער, פון די יונגע יאָרן זיינע, מאָלעריש־סענטימענטאַלער אידיליע „טרויבן", אָדער זי איז טעאַטראַל־דראַמאַטיש (פון אַמאָל: „אין די בערג" — נעזאַ אין דער פאַסטוך־היטע מיט די טוריסטן). אָדער דער עראָטישער עלעמענט איז איבערגעטריבן האַפטיש, אָדער איבערגעטריבן ספּיריטועל. צופיל פילאָזאָפיע, צופיל פיזיאָלאָגיע. דעריבער דאַכט זיך אָפט, אַז דאָס עראָטישע איז דאָ נאָר אַן אויסרייד. זאָגאַר די געשיכטע מיט ראַימונדוס לולוס (די ערשטע קוועלע, ווי מיר שיינט, באַטירט ערגעץ בראַנטאָם. איך קאָן מיך אָבער נישט דערמאָנען דעם נאָמען פון אויטאָר), וואָס טרונק מאָדערניזירט זי אויף אַ קונציקן אופן און אין וועלכער דער מאָטיוו פון ליבע בילדעט די הויפט־האַנדלונג, קומט עס אויך פאָר ווי דער עיקר זאָל גאָר זיין דער פילאָזאָפישער מוסר השכל.

אין די עסייס פעלט טיילמאָל מאָס. דער הינטערגרונט איז נישט אַלעמאָל צוגעפאַסט צום פאָרמאַט פון אינהאַלט. די ראַם איז צו גרויס. אויך די פילאָזאָפישע אויספירונגען גייען אַמאָל אַוועק ווייט פון די ליטעראַרישע טעקסטן, וועגן וועלכע ס'איז די רייד.

נאָר דעם שאַרפסטן פאָרוואורף האָב איך טרונקן צו מאַכן פאַר זיין איבערזעצונג פונם אשוריש־בבלישן עפּאָס „גילגאַמעש", און דער עיקר — ווי זונדערבאַר דאָס זאָל נישט קלינגען — דערפאַר, ווייל די איבערזעצונג איז זייער גוט געמאַכט. גראָד האָב איך זיך באַקאַנט מיט עטלעכע פרעמד־שפּראַכיקע איבערזעצונגען פונם דאָזיקן עלטסטן און זעלטן שיינעם עפּאָס, צווישן זיי איינע אַ העברעישע פונם דיכטער שאול טשערניכאָווסקי, און איך האָב זיך

איבערצייגט, אַז טרונקס איבערזעצונג קאָן מיט אַלע — בלויז איין־איינציגע אַרויסגענומען פון חשבון — דרייסט ריוואַליזירן, אויך מיט טשערניכאָווסקיס, הגם דער לעצטער האָט געהאַט דעם יתרון וואָס ער האָט צו טון מיט העברעיש, אַן אַלט־סעמיטישע שפּראַך, און ער האָט זיך געקאָנט באַנוצן מיט די מוסטערן פון די תּנ״ך־מיטן.

א גאַנצנדע געלעגנהייט פאַר דער גאַנצער ערקלערונג דאָ גיט מיר דער באַשערטער און גליקלעכער טראַף, וואָס ש. ביגער האָט פאַרשטאַנען, אויסצוזוכן אין דעם יידישן „גילגאַמעש״ פון טרונקן (אין אַ רעצענזיע וועגן „פייגנביימער און אַנדערע דערציילונגען״) אַזאַ מין חסרון, אַז ווען דער דאָזיקער חסרון זאָל דאָרט געווען ווירקלעך פאַראַן זיין, וואָלט עס געווען באמת — די גרעסטע מעלה. ער באַדויערט נעמלעך וואָס דאָס איז אַ פרייע איבערזעצונג(!), אין דער צייט ווען ס׳איז צו באַדויערן, וואָס די איבערזעצונג איז נישט קיין פרייע.

דאָס זעט אויס ווי אַ רעטעניש. מאַנכע פּרטים וועגן דער אַנטדעקונג פונם „גילגאַמעש״ און וועגן דער שריפט אויף וועלכער ר׳איז געשריבן וועלן דאָס רעטעניש קלאָר מאַכן און אָריענטירן דעם לעזער וואָס דאָס מיינט אַן איבערזעצונג דערפון. בקצור נמרץ איז די מעשה פון דעם אַזוי:

ביי קויונדשוק, אַ קורדן־דאָרף אויפן לינקן ברעג פון חדקל, אין דער כּביבה פון דער שטאָט מאָסול, אין דעם אַלו־וויאַלן פליין פון מעסאָפּאָטאַמיען, האָט מען אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט געפונען און אָנגעהויבן צוריק אויפצוגראָבן די פאַרשאָטענע אַלטע תּנ״ך־שטאָט נינוה. דאַן האָבן צוויי אַרכעאָ־לאָגן, דער ענגלענדער אָוסטן הענרי לעיערד (Layard) און דער קריסטלעכער כאַלדעער האָרמוזד ראַסאַם אין אָט דעם פאַרצייטישן נינוה אַנטדעקט אַ זאַמלונג פון העכער צוויי און צוואַנציק טויזנט געבראָכענע ליים־טאָוולען אין פאַרשידענע צילינדערשע און פּריזמאַטישע פאָרמען, אַ גרויסער טייל אין דער פאָרם פון אַ ציגל, אַ רעכטעק, אָדער אין דער פאָרם פון אַ האַרץ אָדער אַן אָליווע. אין דער קאָליר זענען זיי פון קויל־שוואַרץ ביז ברען־רויט. און זיי אַלע זענען זייער געדיכט

באַשריבן פון פאָרנט און פון הינטן, און פיל מאָל אַפילו די זייטן-ראַנדן, מיט אַ פיינער קלין-צייכן שריפט, וואָס מען דאַרף זי לייענען מיט אַ פאַרגרעסער-גלאָז. לויט ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן שטעלן-פאָר מיט זיך אָט די קופּעס שטיינדלעך און שערבלעך נישט מער און נישט ווייניקער ווי איינע פון די עלטסטע ביבליאָטעקן פון וועלכע ס'ווייסט די וועלט, די ביבליאָטעק פון דעם קעניג אשורבאַניפּאַל (סאַרדאַנאַפּאַל), וואָס האָט געלעבט פון 668 ביז 626 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. זיצן פון דעמאָלט-אָן פיל געלערנטע אַסיריאָלאָגן און פאַרברענגען זייערע יאָרן מיטן צוזאַמענקלייבן און סאָרטירן אָט דעם כאַאָס פון טאָוולען און טעוועלעך און שטיקלעך און ברעקלעך, און זיי פלייסן זיך צונויפצושטעלן און צוצופּאַסן וואָרט צו וואָרט, זאַץ צו זאַץ, טעקסט צו טעקסט, סעריע צו סעריע, און אַזוי אַרום דעם אינהאַלט פון די אַלטע שטיינביכער צוריק אַרויסצוגעווינען פונם כאַאָס.

אין אָט דער נינוהשער קעניגלעכער ביבליאָטעק איז עס געפונען געוואָרן דער וואונדערבאַרער אַלט-בבלישער עפּאָס, יענע אור-אַלטע געזאַנגען, וואָס דערציילן די מעשים און אָוואַנטוריעס פון דעם העלד דעם קעניג גילגאַמעש (מיט אַ געוויסער זיכערקייט איז אַצינד פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט) פון דער שטאָט אורוק (אין תנ"ך: ערך) אין דרום-בבל, באַזונדערס וועגן די הייסע באַמיונגען זיינע זיך צו פאַרשאַפן דאָס אייביקע לעבן. די ערשטע ידיעה פון די דאָזיקע לידער, ספּעציעל וועגן דעם פראַגמענט מיט דער מבול-דערציילונג האָט מיטגעטיילט דזשאָרזש סמיט אין 3-טן דעצעמבער 1872 אויף דער זיצונג פון Society of Biblical Archaeology אין לאָנדאָן. אייגנטלעך איז מאַנכעס שוין באַקאַנט געווען נאָך פון אַלטערטום, אָבער דורך אַ צווייענדיקער פאַרמיטלונג. דער „פאָטער פון דער קירכן-געשיכטע" פאַמפילי אייזעביאָס (4-טער יאָרהונדערט) ברענגט אין זיין „קראָניקאָן" אויסצוגן דערפון פון אַ בוך, פאַרפאַסט אויף גריכיש פון דעם כאַלדעישן פּריסטער בעראָסאָס (דריטער יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן). דער גאַנצער עפּאָס באַשטייט

פון צוועלף טאָוולען, יעדער טאָוול פון זעקס קאָלומנעס. פון מאַנכע טאָוולען זענען פאַראַן פיל פראַגמענטן און ברעקלעך, און פון איין טייל האָט זיך אַפילו איינגעגעבן צונויפצושטעלן פיר מער אָדער ווייניקער פולשטענדיקע עקזעמפּלאַרן. (אַרום און אַרום זענען דערווייל באַקאַנט עטלעכע און זיבעציק שטיקער.) און צווישן אָט די טאָוולען געפינען זיך אויך אַזעלכענע אויף וועלכע ס'איז פאַראַן אַ בפירושע צושריפט, אַז דאָס זענען קאָפּיעס פון עלטערע אָריגינאַלן. אַזעלכע עלטערע אָריגינאַלן זענען ביז יעצט באַקאַנט צוויי (פאַרעפנטלעכט דורך ב. מייסנער און דורך הוגאָ גרעסמאַן), זיי שטאַמען אויס דער צייט פון דער ערשטער בבלישער דינאַסטיע (2232—1933) און זענען שוין הייסט אַלט גאַנצע פיר טויזנט יאָר.

מיט דערזעלביקער קלין=צייכן שריפט געפינען זיך טעקסטן אויף פיר אַלטע, אויסגעשטאָרבענע שפּראַכן: אויף אַלט=פּערסיש, אויף סוזיש=עלאַמיטיש, און דאַן אויף דעם אַלטן אַזוי גערופענעם אשוריש=בבליש און אויף דער נאָך עלטערער סומערישער שפּראַך. אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון פאָריקן יאָרהונדערט איז עס דעם געניאַלן שאַרפזין פונם גרויסן געאָרג פרידריך גראָטעפענד און אַנדערע גרויסע פילאָלאָגן סוף כל סוף געלונגען צו געפינען דעם שליסל צו דעם אַלט=פּערסישן, און דאַן האָט מען זיך אויך אויסגעלערנט צו לייענען די סוזיש=עלאַמיטישע שפּראַך, אָבער צום שווערסטן איז אָנגעקומען דאָס טרעפן און פּותר=זיין די רעטענישן פון דער אשוריש=בבלישער שריפט. ס'איז דאָס גרויסע פאַרדינסט פון אַזעלכע געניאַלע קעפּ ווי דער דייטש=יידישער פראַנצויז יוליוס אָפּערט, דער „פאָטער פון דער אַסיריאָלאָגיע" דער ענגלענדער העברי ראַהלינסן (Rawlinson) און נאָך אייניקע עפּאָכע=מאַכנדע פאָרשער. זיי האָבן אַנטוויקלט אַ באַזונדער צווייג אויפן געביט פון דער סעמיטישער פילאָלאָגיע: די אַסיריאָלאָגיע. וואָס פאַר אַ באַדייטונג דאָס האָט אויף צו דערקלערן נעענטער די רייכע קולטור פון די פעלקער אין דער תנ"ך=און פאַר תנ"ך=צייט, דאָס קאָנען, למשל, באַווייזן אויגנשיינלעך די צוויי בענדער „Altorientalische Texte und Bilder

פון הוגאָ גרעסמאַן מיט ארטור אונגנאַד און הערמאַן zum A. T.‟ ראַנקע. אין דער יעצטיקער צייט אַרבעטן ביי די אויסגראָבונגען אין מעסאָפּאָטאַמיען און סיריען (און ספּעציעל אין ארץ־ישראל) עלף וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציעס פון אייראָפּע און אַמעריקע.

אַ סך אויפגאַבן וואַרטן נאָך אויפן פאָרשער. מען איז גאָר צו זיי נאָך נישט צוגעטרעטן. אויף פיל רעטענישן איז מען ביז אַצינד נישט אימשטאַנד געווען קיין באַשייד צו געפינען. די שוועריקייטן אין אשוריש־בבלישען זענען ווירקלעך אונגעהייערע. דער לעזער וועט זיך קוים קאָנען אַ באַגריף מאַכן פון זיי. דעם נאָמען פונם הויפּט־העלד פלעגט מען פריער לייענען נמרד אָדער איזדובאר. אַ צווייטן וויכטיקן נאָמען פלעגט מען לייענען עאַבאַני, דערנאָך איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז דאָס איז פאַלש און מען דאַרף אים לייענען סומעריש: ענקידו. דאָס גאַנצע שריפט־סיסטעם איז דאָ זייער פאַרוויקלט. בעת דאָס אַלט־יער־סישע פאַרמאָגט בסך הכל פערציק צייכן און דאָס סוזיש־ע אַ־מיטישע אפשר הונדערט צייכן, פאַרמאָגט זיי דאָס אַ שוריש־בבלישע נישט ווייניקער ווי דריי הונדערט! מיט דער הילף פון איינגעקריצטע קלין־צייכן, ווערטיקאַל־און האָריזאָנטאַל שטייענדיקע ווי אויך אין דיאַגאָנאַל־געשטעלטע, קאָמביִנירט אין זייער קאָמ־פּליצירטע גרופּעס דורך נעבן־און איבער־אַנאַנדער־שטעלונג און דורך ווידערהאָלונג קאָנען דיזעלבע צייכן אויסדריקן סיי גאַנצע ווערטער סיי איינצעלנע זילבן. און בכלל קאָן איין דאָס־זעלבע וואָרט אָדער איין און דערזעלבער זילב זייער אָפּט אויס־דריקן חוץ איין אָדער עטלעכע ווערטער נאָך דערצו איין אָדער עטלעכע זילבן. למשל, אָט־דער פשוטער צייכן דינט נישט נאָר אויף איבערצוגעבן דעם באַגריף „שטערן‟, אַשוריש: קאַקקאַבו‟, נאָר אויך אויף איבערצוגעבן די סינאָנימע באַגריפן „הימל‟ („שאַמי‟) און „גאָט‟ („אילו‟) און דערביי האָט ער נאָך דעם זילבן־ווערט „אַן‟ און „איל‟, ד. ה. אומעטום וווּ עס איז נויטיק אויסצו־דריקן איינע פון די דאָזיקע זילבן, אַשטייגער, אין אַן אייגנאָמען. באַנוצט מען אויך אַלץ דעמזעלבן צייכן.

אָט די אַלע שוועריקייטן מאַכן פאָרשטענדלעך דעם פּאָקטי

וואָס די אָריגינעלע ווערטלעכע טעקסטן פון „גילגאַמעש״ זענען אומעגלעך צו געניסן אלס לעזע-שטאָף, ווי ליטעראַטור. עס פעלן כסדר איינצעלנע טיילן פון די ציכן, עס פעלן גאַנצע ווערטער, גאַנצע שורות, גאַנצע שטיקער טעקסט, גאַנצע טעקסטן. און דער גאַנצער צוזאַמענהאַנג פון דער דערציילונג איז אָפט אַזוי שווער פאַרשטענדלעך. קיין וווּנדער נישט דעריבער, וואָס אין אַ סך זאַכן הערשן גרויסע חלוקי דעות צווישן די אַסיריאָלאָגן גופא. פּ. יענסן אין דעם גרויסן ווערק זיינעם „Das Gilgamesch-Epos in der Weltliteratur“ (מער נישט דערשינען ווי דער ערשטער באַנד), אין זיין פּאָלעמיק געגן פּ. האַופּט וואַרפט אים פּאָר ביי יעדער געלעגנהייט: עס הייבט זיך נישט אָן! אַ שרייענדיקער טעות! פאַלש! פאַנטאַזיע! די גאַנצע מעשה איז נישט ריכטיק איבערגעגעבן, זי איז פאַרטייטשט מיט כוונות, וועלכע זענען אינם טעקסט נישטאָ.

אַ ליטעראַרישע איבערזעצונג פון דעם „גילגאַמעש״ מוז, ווי מיר זעען, דוקא געמאַכט ווערן אַ פרייע, און דערצו זענען דוקא די געלערנטע אַסיריאָלאָגן נישט פעיק. אַ קאַפּאַציטעט ווי קאַרל בעצאָלד, ווען ער פּרוווט אין זיין נבוה-מאָנאָגראַפיע אַ ביסל צו אַרבעטן מיט „פּאָעזיע״, ווירקט ער דעמאָלט פּשוט ווי אַ טאַלענטלאָזיקייט. דערויף איז נויטיק דיכטערישער שווונג, זין פאַר מאָנומענטאַלער פאָרם; ס'איז נויטיק דערויף די גרעסטע פרייקייט פון דער פאַנטאַזיע. טיפע שפּורן פון אַזעלכע מעלות זענען פאַראַן אין דער גילגאַמעש-איבערזעצונג פון געאָרג ע. בורקהאַרדט (וועלכע כ'האָב פריער טאַקע אַרויסגענומען פון חשבון). טרונק האָט דעריבער זייער שלעכט געטון, וואָס ער האָט נאָר געגעבן אַ כמעט ווערטלעכע, כאָטש שטאַרק פאַרקירצטע איבערזעצונג פון בורקהאַרדטן. אפילו די קליינע פרייקייטן זענען נאָר אַנאַכראָניזמען. מאָדערן און פון אַנאַנדער קולטור-קרייז: אַלט-גריכיש אָדער רוימיש-קריסטלעך. און אַ פעלער איז אויך וואָס ער האָט נישט דערהאַלטן די איינטיילונג אין צוועלף קאַפּיטלען, ווייל די צאָל צוועלף איז אין אַלטן בבל בכלל אַ סאַקראַלע צאָל. אין דער רעליגיע, למשל, האָבן

מיר בײַ זיי צו טון מיט צוועלף הויפּט־גאָטהייטן. פון טרונקן מעג געפאָדערט ווערן מער גרינדלעכקייט, מער פאַרטיפונג. ער איז פעיק צו געבן א מער זעלבסשטענדיקע, מער מאָנומענטאַלע איבערזעצונג, אַזעלכע וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרגלייכן מיט דער בורקהאַרדטישער. און אויב ניגער האָט געוווּסט צו באַדויערן וואָס „די איבערזעצונג איז אַ פרייע" (?), האָט ער דערמיט נאָר באַוויזן, אַז ער האָט אינגאַנצן קיין אַנונג נישט געהאַט וועגן וואָס ער רעדט. ער האָט גערעדט פון אויסנווייניק און זיך דאָס אַלץ משער געווען על פּי השכל. איז טאַקע אַרויסגעקומען ונק קאַפּויער.

אַזעלכע חסרונות זענען זיך אַלעמאָל נוקם. צוריקקומענדיק צו דעם פריערדיקן, וועל איך דאָ בלויז נאָך באַמערקן, אַז פון שטודירן גרינדלעכער די קוועלן און פון אַ טיפערע באַקאַנטשאַפט מיט די לייסטונגען פון אַ קאַרל יאָעל און זיינסגלייכן, וואָלטן בײַ טרונקן געשטאַלטן, ווי למשל, דיאָגענעס, סאָקראַטעס, אַפילו נישט ווילנדיק פיל געווינען. זיי וואָלטן נישט אַזוי דערמאָנט די פּאָפּולערע, שולמעסיקע פאָרשטעלונגען וועגן זיי. און אין זיינע פילאָזאָפישע דיאַלאָגן וואָלט זיכער שטענדיק געווען קלאָר די דיפערענץ צווישן דער געדאַנקן־וועלט פון אַ סטאָיקער און צווישן דער געדאַנקן־וועלט פון אַ פּלאַטאָן־שילער, צווישן אַ פילאָזאָף פון אַ פּירהאָנישער שול און אַ פילאָזאָף פון אַ סאָפיסטן־שול. בײַ טרונקן איז דער סטאָיקער גיכער אַן עקלעקטיקער.

חיל טרונק צוקומען צו דויערנדע אוןווירקלעך בלייבנדיקע דערגרייכונגען — טאָר ער דעמאָלט נישט אויסמיידן גרינדלעך צו אַרבעטן. אַרבעט — דאָס איז דער גרויסער קרבן, וואָס עס פאַרלאַנגט אַ, עמאָל די שריפטשטעלערישע קולטור. דען קולטור מיינט: אַרבעטן, אַרבעטן, אַרבעטן אָן אויפהער.

מ. וואַנוויילד

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם
אין דער יידישער ליטעראַטור

(טענדענצן און וועגן
פון אונזערע מאָדערנע
שריפטשטעלער)

— איך בין דער טויט!
איך גיי אצינד נאָר פאַרביי,
איך וועל קומען צוריק.
פאַרזיגלען וועל איך דעם קוואַל, פון וועלכן דו טרינקסט!
פאַרלעשן די פאַרבן פון וואַלד און פעלד,
פון זאַנג און בליט, אויף וועלכע דו קוקסט.
און פון הימל און שטערן,
און פון אויג און געזיכט...
און די פרוכט פון בוים דיר פאַרגיפטן — — —

— ווי קאַלט זענען דיינע הענט, טויט,
ווי פראָסטיק דיין אָטעם איז, —
מיט מיר טו דיין װילן,
נאָר לאָז צורו מיין בוים...
(י. ל. פרץ)

קאמעדיאנטן

(אַ ריינפירנדיקע געדאַנקען)

איך וויל רעדן וועגן דעם „טעאַטער" און וועגן דער „פֿאַרשטעלונג". איך וויל רעדן וועגן דעם „טעאַטראַלישן", וואָס איז אַן עלעמענט נישט דווקא אין דער קונסט, נאָר אַן עלעמענט אַ זעעלישער, אַ געשיכטלעכער, און אַ פֿעלקער-פּסיכאָלאָגישער. אין די אומבאַקאַנטקייטן פֿון דער וועלט און אין די אומבאַקאַנטקייטן פֿון דער געשיכטע טויכן טיילמאָל אויף מאָמענטן, אין וועלכע מיר דערקענען אַליין אונזער פֿאַיאַצנטום, די גרויסע טראַגעדיע פֿון אונזער אומבאַהאָלפֿנקייט. מיר זעען זיך דאַן אַלס אויספֿירער פֿון אַ פֿרעמד שפּיל. היגטער אונזער מאַכט און פֿרייהייט דערזעען מיר פּלוצים באַהאַלטענע פֿעדעם, וואָס מאַכן אונז פֿאַר מאַריאָנעטן. דאָס גאַנצע לעבן אונזערס, אונזער געשיכטע, אונזערע קאַמפֿן און אידעען, באַקומען דאַן אַ פּנים פֿון אַ קלאָון-שפּיל. מיר פֿילן זיך „ביטער אַנטוישט" און — לעכערלעך. צום וויינען לעכערלעך.

דאָס דאָזיקע צום „וויינען לעכערלעכע", דאָס קלאָונישע, עס איז אפֿשר דער הויפּט-מאָמענט פֿון דער יידישער טראַגעדיע. אין דער עקזיסטענץ פֿונם יידישן וועזן שטייען מיר שטענדיק אַ טריט פֿאַר אומבאַשרייבלעכער גרויסקייט, און אַ טריט פֿאַר אומווירדיקן פֿאַיאַצנטום. אין דעם גרויסן ווערן פֿון די מענטשן בלאָנדזשען מיר אַרום, — די אייניציקע — אַלס נביאים און אַלס קלאָונס. יאָ, מיר ווייסן נישט די גרענעץ צווישן דעם העלדנטום און צווישן דעם חוזק. די טראַגיק פֿון יידישקייט. די טראַגיק פֿון יידישן געדאַנק. דער יידישער געדאַנק און דער יידישער מענטש ווערן אַליין אינערלעך צעריסן פֿון דעם דאָזיקן מאָדנעם צווישן-שפּיל. וואָס איז יידישקייט? אַ שמאָלע בריק צווישן אַבסטראַקטע

גרויסקייט — די לענקער פון דער געשיכטע! — און טראַגישן קאָמיזם. מען מוז האָבן כח די דאָזיקע בריק אַריבערצוגיין. דער יידישער מענטש וואַרפט זיך צווישן עקסטאַז און — פּאַראַכטונג. עקסטאַז און זעלבסט־פּאַראַכטונג, דאָס זענען פסיכישע עלעמענטן פון שוישפּילעריי. פּאַיאַצנטום. דעם קאָמעדיאַנט פעלט שטענדיק דער פעסטער גלויבן אין דער עכטקייט פון זיינע עמפּינדונגען. דאָס האַרץ ווערט אים צעבראָכן אין ווי. ער איז דיכטער, הערשער, העלד, נביא, אָבער די הענט זיינע באַטאַפּן דאָס באַ־פאַרבטע קלאָון־געוואַנט, וועלכעס ער טראָגט. זיין וועלט, די אייגנאַרטיקע וועלט דעם קאָמעדיאַנטס, שטייט אָן אַ זייט, זיין וועג פירט אים אָן דער זייט פון אַלע וועגן. דער גרויסער מרחק פון דעם שפּיל, אין וועלכן ער לעבט און דערווירקלעכקייט, אין וועלכער ער שפּילט, ליבט און ליידט, דער דאָזיקער מערקווירדי־קער דיסטאַנס מאַכט אים צווייפלען, אויב זיין וועזן האָט בכלל וועלכן עס איז ווערט. אויב זיין וועלט האָט יסוד. ווירקלעכקייט צי קאָמעדיע? אַ טרויעריקער פראַגע־צייכן, וואָס הענגט איבערן קאָפּ פון דעם שוישפּילער. אַ פראַגע־צייכן פון אַ וועלט, וועלכע ווערט „פאַרגעשטעלט”. וואָס איז הייליקער און אמתער, צי די ווירק־לעכקייט צי די קאָמעדיע? דער שוישפּילערישער מענטש ווערט געוואָרפן צווישן די דאָזיקע ספקות, ווי אין אַ כף־הקל. ער איז קעניג און קלאָון. ווער איז ער? דער גרעסטער? דער נישטיקסטער?

איך וויל דערמיט באַטאָנען אַ היסטאָרישן צווישן־שפּיל. דער יידישער עלעמענט אין דער געשיכטע איז דער עלעמענט פון טעאַטראַלישן. אויך די געשיכטע האָט אירע קאָמעדיאַנטן. דער מאָמענט פון דער יידישער געשיכטע אין דער אַלגעמיינער געשיכטע, נישט בלויז ער אַקצענטירט זיך באַזונדער מיט אַ שטאַרקערן קאָלאָריט, אָריגינאַליטעט, שעפערישקייט — ניין, ער שטייט מיט איר (מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע) אין אַ פּולקאָ־מענעם ווידערשפּרוך. ער באַאיינפלוסט זי, שטייט אָבער מיט איר אין קעגנזאַץ. גייט אַוועק פון איר אויף אַ באַזונדערן וועג. די יידישע געשיכטע באַגלייט די געשיכטע פון די מענטשן ווי אַ גע־

הײמנישפולער טראַבאַנט. וואָס איז זי, די יידישע געשיכטע? מיט וואָס איז גרויס איר כח? וואָס וויל דאָס פאָלק פון די יידן צווישן די מענטשן?

„עס איז אַ וווּנדערלעכער קאָנטראַסט צווישן דעם דאָזיקן יידישן פאָלק און אַלע זײַנע שכנים" — שרײַבט אַ היסטאָריקער*) — „בײַ דעם ים־ברעג מאַכן זײ וואָל, גלאָז, פורפור. אין צפון ווערבעווען זײ שיפן, ראַנגלען זיך וועגן דער הערשאַפט אויפן מיטללענדישן ים, מאַכן זיך די קאַראַוואַנען־וועגן צינזבאַר. אין דרום וואַקסט אויס אַ וועלט־האַנדל, וואָס דערקענט באַלד אַלע מעלות פון דער רוימישער אָרגאַניזאַציע פאַרן פאַרקער און נוצט אים אויס פאַר זיך. דאָס דאָזיקע פאָלק אָבער דיסקוטירט אין די בתי־כנסיות זײַן געזעץ און האַלט עס פאַר זײַן אײבציקן באַ־רוף אויסצודריקן אין לעבן די אידעע פון דער טעאָקראַטיע, כּדי זײַן שליחות זאָל מקוים ווערן. אַ שליחות, וואָס איז גישט פון דער דאָזיקער וועלט". גראָטעסק שאָטן־שפּיל! גרעבסטער מאַ־טעריאַליזם און טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליזם. „די וועלט" און „יענע וועלט". דער מאָטיוו פון אָט אָ דער סתירה חזרט זיך איבער במשך דעם גאַנצן יידישן זײַן, ווי אַן אור־עלעמענט; ערד און הימל, אין דעם יידישן וועזן זענען זײ צונויפגעמישט. מיר זענען מאַטעריאַליסטן און טרוימער, זולל־וסובהניקעס און אַסקעטן, באַזיצלאָזע און געלט־זעק. די דאָזיקע שרײַענדיקע סתירות. די מענטשן ווערן וועגן אונז אומרויק: זעען אין אונז אַ סכּנה, זעען אין אונז אַ התגלות. די יידן, ווער זענען זײ דען אײגנטלעך? מײנען זײ ערנסט? שפּילן זײ קאָמעדיע? דעריבער ווערן טײל מענטשן פון אונז מיטגעריסן און טײל גלויבן אונז נישט. די פּאָ־זיטיווע און נעגאַטיווע באַציִונגען צו אונז פון אַלע פעלקער און אין אַלע צײַטן שטימען פולשטענדיק מיט אונזערע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע באַציִונגען צו דער וועלט. אויך אונזערע באַציִונ־גען צו דער וועלט זענען פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע. מיר זענען די אײביקע, וואָס זענען זיך סותר. קײנמאָל קאָן קײנער נישט

*) Hausrath: Neutestam. Zeitgeschichte. 3. A. 1. 129.

באשטימט פארויסזאגן פון וועלכער זייט מיר וועלן אפוירקומען. צי ווי נביאים מיט הייליקן עקסטאז, אן „עם אלהים" און אן „אור גוים", משיחים, וואס וועקן אין מענטשן דאס געוויסן, צי ווי פאראזיטן, וואס דרייען זיך ביי די טישן פון די פעלקער, ווארפן זיך גיריק אויף זאק־רויב און ווילן צונויפזאמלען וועלט־גיטער. די שנאה צו יידן איז פונקט אזא געהיימנישפולער כח, ווי עס איז געהיימנישפול די יידישע היסטארישע השפעה. ווי עס איז געהיימנישפול די גאנצע יידישע עקזיסטענץ.

די דאזיקע גרויסע פסיכישע סתירות טוישן זיך ווי איבער־לעכע פארוואנדלונגען אין יידישן וועזן. ווייל מיר האבן נישט קיין אפענע ליניע, דעריבער דערשיינען מיר נישט אין דער גע־שיכטע אזוי ווי מיר זענען. מיר דערשיינען אין לבושים. גלייך דעם יידישן גאט, ווירקט אויך דאס יידישע פאלק הינטער א נעפל. עס באווייזט זיך נישט מיטן אמתן פנים. ווער קען דאס יידישע אמתע פנים? עס באווייזט זיך ווי א שוישפילער הינטער א מאסקע. עס רעפלעקטירט ארויס פון ערגעץ הינטער א באהעל־טעניש און באלייכט מיט אן אומבאקאנט ליכט דעם וועג פון די מענטשן. יידן, א, דאס זענען די גרויסע קאמעדיאנטן־באנדע. זיי וואגלען ארום אין די צייטן, צווישן די מענטשן, און שטעלן פאר די מענטשן פאר זעונגען, וואס ווערן קיינמאל נישט מקוים. די יידישע אידעען אין דער געשיכטע — ווי די פארגעשטעלטע ווירקלעכקייטן פונם שוישפילער — זענען חלומות, וואס סוגערירן זיך אלס ווירקלעכקייטן. געגלויבטע ווירקלעכקייטן. אויפגעפלא־קערטע עקסטאזן. זיי קילן אפ. דאס ביכטערע לעבן קילט זיי אפ. יידנטום איז ר ע וו א ל ו צ י ע, נישט ע וו א ל ו צ י ע. רעוואלוציעס זענען די פאטעטישע טעאטער־שטיק פון דער געשיכטע. זיי ביר־גערן זיך נישט איין ווי פארטיקע ווירקלעכקייטן, וואס פארבלייבן אזוי ווי זיי זענען. זיי טרעטן אויף פייערלעך. מיט פאמפ. זיי פירן זיך אויף אין מיטן דער אלטעגלעכקייט ווי יום־טוב־שפילן. טעאטער. די צייט לאזט אראפ הינטער זיי די פארהאנג.

דאס מיסטעריום און דער קערן פון דער יידישער עקזיס־טענץ שפילט זיך אפ הינטער א פארהאנג. מיר זעען עס נאר,

ווען עס טרעט־אויף פון הינטער באַהאַלטענע קוליסן. יידן — דאָס הענגט איבער דער געשיכטע ווי אַ שיקזאַל. אַ ביייזער? אַ גוּ־טער?*) שיקזאַל איז טראַגעדיע. קאָמי-טראַגעדיע. קאָמיש — ווייל דאָס שיקזאַל מאַכט אונז פאַר מאַריאָנעטן. מיר זענען דערקעגן אָנמעכטיק. אויך קענען יידן פילט זיך אָנמעכטיקייט ווי קעגן שיקזאַל. יידנטום — דאָס איז דאָס גרויסע טראַגי־קאָמישע שפּיל. אָ, געטלעכע קאָמעדיע! אַ פאָלק, אַ פאַראַכטעט פאָלק, אין דער אַלטעגלעכקייט בע־ונדביקעס, פאַראַזיטן, וואַנדערער אָן צוגעבונדנ־קייט, פלוצלינג — און זיי טרעטן־אויף ווי הייליקע, נביאים. מבשרים פון אַ הימל-רייך. ווו זענען זיי אויפריכטיק? ווו איז זייער אמת? פרעג דעם קאָמעדיאַנט, וואָס קומט אַרויס פון אָרעמע פאַרשטויבטע קוליסן. ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט: אין דער רגע ווערט ער אַ מלך. די באַפאַרבטע קוליסן־לייווּ־כער ווערן אַ מערכן־לאַנד.

די צושויער ווערן דערהויבן. די צושויער גלויבן. גלויבן די הייליקע. גלויבן די מלכים. גלויבן אין ליבע. כאָטש זיי ווייסן: עס שפּילן קאָמעדיאַנטן.

דער מאָמענט פון גלויבן אין אַ נישט ווירקלעכער ווירק־לעכקייט, דאָס סוגערירט ווערן פון טעאַטראַלישן, דער דאָזיקער מאָמענט איז איינער פון די וויכטיקסטע פסיכישע עלעמענטן אין דער באַציִונג פון די פעלקער צו יידן. ער שוואַנקט — אַזוי ווי די באַציִונג צו שוישפּילער — צווישן פאַרערונג און פאַראַכטונג. עס איז אַ גרויסער פעלער, וואָס מיר שאַצן נישט אָפּ גענוג אָבּ־יעקטיוו די באַציִונגען פון די נישט־יידן צו אונז. די דאָזיקע באַציִונגען גיבן זייער אַ וויכטיקן שליסל צום יידישן כאַראַקטער. מיר רעגן זיך ס׳רוב אויף, און נעגירן דערמיט זייער אַ וויכטיק געפיל**): אַ מיסטישע שנאה און אַ מיסטישע פאַראַכטונג. הגם די

---

*) „צי וואלט עס געווען א גליק פאר דער וועלט, אז יידן וואלטן פארשוואונדן געווארן פון דער ערד־פלאך — פרעגט מעטערלינק — צי וואלט עס געווען אן אומגליק?"

**) דאס דאזיקע געפיל פון שנאה צו יידן גייט אדורך במשך דער גאנצער מענטשלעכער געשיכטע.

יידן זענען אַ גרויסער היסטאָרישער כח, פונדעסטוועגן האָט מען צו אונז דאָס געפיל ווי צו מינדערווערטיקייטן. דאָס פאָלק פון „מלכים און נביאים" — דאָך געזעלשאַפטלעך נישט „סאַלאָן-פעיִק". אויך קאָמעדיאַנטן אַפּלאָדירט מען מיט באַגייסטערונג, און זיי בלייבן נישט „סאַלאָן-פעיִק". די סימפּאַטיע, ווי די אַנטיפּאַטיע צו יידן איז תמיד פון וועלכער זייט די יידן קומען אַפויר, פון וואָסערן שטאַנדפּונקט מען קוקט, ווי אַזוי די יידן זענען (שטענדיק וויל מען די יידן זאָלן עפּעס זיין!). די באַציִונגען טיילן זיך אויף פּילאָ-און פּאָבאָ-יידיש. על-פּי-רוב אויף פּאָבאָ-יידיש. די מענטשלעכע מאַסן פאַרהאַלטן זיך פּאָבאָציטיש קעגן יידיש און יידישקייט. זעלטן ווען זענען זיי צו אונז נייטראַל. צו וועמען, צו וועמען, נאָר צו אונז זענען די מענטשן קיינמאָל נישט גלייכגיל-טיק. מיר מאַכן זיי אומרויִק, זיי פילן זיך מיט אונז נישט זיכער. נביאים צי קלאָונס? אידעאַליסטן צי האָקוס-פּאָקוסניקעס? דער פראַגע-צייכן, וואָס עס שטעלט אונזער היסטאָרישער וועג, יאָ, אונזער גאַנצע עקזיסטענץ.

אַן אינערלעכסטע פראַגע פאַר די מענטשן. פאַר דעם דענ-קענדיקן יידישן מענטש — אַ טראַגעדיע.

איך וויל נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַזאַ ווערק ווי „שיילאָק".

שעקספּיר, דער גרויסער פון די דיכטער, דער געטלעכער קאָמעדיאַנט. שעקספּיר איז אַסקעט און וועלט-דערקענער. ער איז דער שטן פון געדאַנק. ווי אַן איוב האָט זיך שעקספּיר דערהויבן איבער אונז, זיין שאָטן פאַלט אויף דער וועלט און מיר זעען אין דעם וועלט-אַל דאָס שוישפּילערישע עלעמענט (אגב וויל איך באַ-מערקן: דאָס קלאָונישע, יאָ, דאָס „שונדישע" אין שעקספּירס דראַמען, זיי אַקצענטירן נעמלעך און גיבן דער גאַנצער עקזיסטענץ אַ „קאָמעדיאַנטישן" קאָלאָריט). דווקא ער האָט אַמטיפסטן פאַר-שטאַנען דאָס יידישע וועזן (ווי דער „קאָמעדיאַנטישער" געדאַנק איז נאָענט צום יידישן!). ווער איז שיילאָק? אין דער ווענעציאַני-שער קריסטנהייט לעבט ער אַלס פּאַראַזיט. זיין אַלטעגלעכקייט איז געלט און וווכער. אַ מעפיסטאָפעלישע פיגור, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן די קריסטן און לאָקערט אויף זייער האָב. שיילאָק

האָט באַהאַלטענע געדאַנקען, שיילאָק לאָזט זיך טרעטן פאַר געלט ווי אַ וואָרעם. אַ הינטישע נאַטור. און בייזוויליק. פאַר שעקספירן אַליין איז דער דאָזיקער קנעכטישער און בייסיקער ייד אַ סוד. פּלוצלינג: אָט אָ דער פּראָצענטניק אַנטפּלעקט געוואַלטיקן ראַסן־אַדעל. ער איז אַ היטער פון אַן אַלטער פּאַטריאַרכאַלישער קול־טור. הינטער זיין אַלטעגלעכער הינטישער פעל איז ער דער אַריסטאָקראַט. דער וועג צווישן רעאַלטי און זיין היים איז אַ וועג פון דורות. טויזנט דורות. (אָ, דער קנעכטישער שיילאָק טרעט אויף דעם וועג פון טויזנט דורות!) ווער איז שיילאָק? אַן אומ־באַקאַנטע קראַפט. האַלב דעמאָניש, האַלב געטלעך, וואָס ווייזט זיך אונז אין צוויי־פאַרביקע לבושים. אין רעאַלטי איז ער אַ מינדער־ווערטיקייט, אַ געמיינער מאַטעריאַליסט, אָן געוויסן, אָן מענטש־לעכקייט. פאַר זיין הויז, דאָרט שטייט ער פּלוצלינג ווי אַ שטאָלצער יעקב אבינו. דעם דאָזיקן טראַגיש־געהיימנישפולן לץ האָט אַ שיק־זאַל געגעבן אַ הייליקע לאַסט אַריבערצוטראָגן איבער די מענטש־לעכע דורות. זיין רוקן בויגט זיך, זיין וועג איז דאָרניק. ער טראָגט די לאַסט. דער אָנפאַרטרויטער אוצר ווערט געהיטן. וואָס איז די לאַסט? וואָס איז דער אוצר? שעקספיר האָט ערפורכט פאַר דעם טראַגישסטן סוד פון דער געשיכטע. ער שוויגט. ער פירט נאָר פאַרביי פאַר אונז דאָס דאָזיקע מיסטעריום: דעם א יי־ביקן ייד, דעם נע־ונעדניק, דער קלאָון פון דער געשיכטע. דער „קאָמעדיאַנט" שעקספיר פירט אַרויס פאַר זיינע צושויער דעם צווייטן, דעם עלטערן, דעם נאָך געהיימנישפולערן חבר זיינעם. שיילאָקן דעם ייד. נאַ זעט, אָט איז דער קלאָון פון אַ בלוטיקן שפּיל. אין דער וועלט גייט אַ שפּיל, אין מיטן דער גע־שיכטע גייט די טראַגי־קאָמעדיע. דער ייד שפּילט זי. אַ הוגט און אַ בן־מלך. ווער איז ער?

ווער איז ער? פראַגע. אַ יעדער וואָס פאַרטיפערט זיך ערנסטער אין דעם יידישן פּראָבלעם, פרעגט זי. שעקספיר האָט דרייסט (זאָגאַר פאַר די גוים!) געשטעלט דאָס פּראָבלעם אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט; שיילאָק. שיילאָק איז דער סימבאָל פון דער ראַסע. איר אינערלעכער שיקזאַל. דאָס גרויסע פּסיכאָלאָגישע רע־

טעניש: דער „איבריקער מענטש״ צווישן די מענטשן, דער „בזוי־
עם״, דער פּאַראַזיט, פּלוצלינג וואַקסט ער אויס אַלס דער אייבי־
קער רעוואָלוציאָנער, וואָס פאַרן געפיל וואַרפט ער אַוועק זיינע
רייכטימער, צעשטערט די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען און פירט אָן
מיט דעם מענטשן-געשלעכט אויף דעם וועג צו בייע ווערטן. דער
גאָטלאָזער און געוויסנלאָזער ייד, קאָן דעם וועג צו גאָט און דעם
וועג צום געוויסן. אָ, ווונדער! ווען מען גייט איר נאָך, איר פעלקער.

דאָ קומט דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער אָריגינאַליטעט.

די אַנטיסעמיטישע ראַסן־טעאָרעטיקער ווייזן דערויף אָן ווי
אויף אַ הויפּט־מאָמענט פון דער יידישער מינדערווערטיקייט.
יידישע שעפערישקייט? אַ שווינדל. שוין דאָס יידישע אַלטערטום
איז נישט אָריגינעל. דער מאָנאָטעאיזם איז גענומען פון בבל.
מעשה־בראשית, די איבריקע יידישע מיטען, אַט האָט מען זיי
אויסגעגראָבן פון אונטער אַנטיקע חורבות. די קייל-שריפטן אַנט-
פּלעקן פאַר אונז יענע ווונדערלעכע אוצרות פון וואַנען די יידן
האָבן גענומען. קריסטנטום איז נישט יידיש. ישו פון נצרת איז
אַ בלאָנד־האָריקער אינדאָ־גערמאַנער (טשעמבערליין). אויך דער
מאָדערנער מאַרקסיזם איז אַן אינטערפּרעטאַציע פון נישט־יידישע
סאָציאַלע טעאָרעטיקער. דער דאָזיקער גאַנצער בנין ווערט אויפ-
געשטעלט כדי צו באַווייזן ווי יידן באַנוצן זיך נאָר מיט פרעמדע
געדאַנקען. וויפיל בייז בלוט האָט עס אַרויסגערופן אין די יידי־
שע רייען! יידן האָבן זיך געפילט דערפון באַליידיקט און חושד
געווען זייערע שונאים אין בייזוויליקע רכילות. דאָך איז עס אמת:
די פאַקטן זענען אמת. אָבער נישט דאָס יידישע איז דאָ דאָס מינ־
דערווערטיקע, נאָר דער אמת איז מינדערווערטיק. נישט קוקענדיק
דערויף וואָס גרויסע קולטורן בכלל זויגן נישט פון אייגענעם
פינגער, און אין צוזאַמענשפּיל מיט דער גאַנצער הויה פון קול-
טור, צייכנט זיך אויס דאָס אייגנאַרטיקע, זענען דאָך די יידן
די גרעסטע „נעמער״ צווישן די שעפערישע פעלקער.*) די אָרי־

*) אין דעם מוז מען אפשר זוכן די סיבה וואָס דווקא די גייסטיק-
פּרוכטבאַרסטע עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע זענען געווע די אספּאַרא-
עפּאָכעס. דאָס „גלות״. נײַנציק פּראָצענט פון תנ״ך איז געשאַפן געוואָרן אין

גאַליטעט פון יידן שטעקט נישט בלויז אין די י י ד י ש ע א י־ד ע ע ן, דער יידישער כח איז אויך גרויס אין דער אינטערפּרע־טאַציע, אין דער געשטאַלטונג פון די אידעען. יידן נעמען אַן אידעע ווי עס נעמען שוישפּילער אַ דיכטער־ווערק און ווי שוי־שפּילער סוגערירן זיי זי אַלס ווירקלעכקייט. זיי פירן זי אויף אין דער געשיכטע ווי אַן אמת געוואָרענע טאַט. זיי מאַכן דעם עקס־פּערימענט אין די פאַנטאַזיע באַקומט געשטאַלט. ווער קען יענע מכשפים (צי כהנים) וואָס זענען געזעסן אין די צעללאס פון די בבלישע הייליקטימער און געחלומט וועגן אַן איין־איינציקן גאָט? ביים טייך פרת האָט זיך געוועבט די לעגענדע ווי אַזוי עס איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט, וועגן אובאַרו־טוטו דעם ליבלינג פון די געטער, וועגן גרויסן מבול. די ערד האָט מיט אירע זאַמדן פאַרשיט דעם עפּאָס פון גילגאַמעש, די אַנטיקע מיטען, און דאָס געזעץ־בוך פון האַמו־ראַבי. ווער קען זיי? זייער איינפלוס איז אונטערערדיש. דאָס וואָרט איז געבליבן וואָרט. אויך דאָס גרוי־סע וואָרט. די יידן האָבן פון אַזעלכע דיכטונגען, ווי אויף די ליים־טאָוולען, געמאַכט עלעמענטן פון ווירקלעכקייט. היסטאָרישע ווירקלעכקייט. ווירקלעכקייט פון מענטשלעכן גלויבן. די דיכטונג איז געוואָרן וואָרהייט. די לעגענדע איז פון בבל? די יידן האָבן זי אויפגעפירט פאַר די מענטשלעכע דורות, ווי אמת, ווי טאַט. אין דעם נעמלעך ליגט זייער כח: צו סוגערירן די אידעע אַלס עקזיסטענץ. זיי ש פּ י ל ן די אידעע גלייך ווי זי וואָלט געווען אַ קאָנקרעטע וואָרהייט. די דאָזיקע וואָרהייט ליגט זיך ווי אַ כשוף אויף דער נשמה פון די מענטשן, און זי גיט די וועלט אַן אייגנטימלעכן תוכן. די יידישע אינטערפּרעטאַציע פון וועלט־אידעען, פונדאַמענט־שטיין פון דעם מענטשלעכן דערקענטעניש. זי איז גע־וואָרן אַ זעונג. די יידן האָבן געזאָגט: קומט זעט, איר מענטשן,

---

„גלות בבל". דער „תלמוד", די „קבלה", די „חקירה" און די גרעסטע פּאָזיטיווע ווערטן פון אַסטיקער און מיטלאַלטערלעכער יידישער קולטור זענען „גלות"־ווערטן. דאָס זעלביקע אויך דער מאָדערנער סאָציאַליזם; ווי אויך די ווירטשאַפט־לעכע ווערטן (זע זאַמבאַרט). נעמלעך: אין מיטן דעם געשען פון פאַרשידענע קולטורן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס יידישע שעפּערישקייט.

דאָס איז די וועלט. אייער וועלט. די געשלעכטער זענען געקומען־געזעען, געגלויבט. אויפסנייַ איז די וועלט איבער־געשאַפן געוואָרן אין דער לעגענדע. די דערהויבענע פאַנטאַסטישע שקרים זענען געוואָרן ווירקלעכקייט. אָ, דו הייליקער שקר פונם גלויבן! דו געטלעכע מאַיאַ פון דער קונסט! דורות זענען געקומען דיך זעען, בלענד־ווערק פון דער שאַפונג! פעלקער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אויף דעם וווּנדער. אָ, גלויבן! אָ, שוישפּיל! פון דעם מערכען ווערט אמת. אַ דיכטערישער עפּאָס ווערט ווירקלעכקייט: ווירקלעכקייט פון דערקענטעניש.

דעם מענטשנס וועלט ווערט געבוירן. דאָס דיכטער־וואָרט ווערט קאָנקרעט.

איז דאָס דער אמת? די קאָמעדיע? די אָפּגענאַרעריי? ווער ווייסט עס? אויך דאָס געוויסן און דער גאָט איז אַבסטראַקציעס. דאָך רעדן מענטשן פון געוויסן, און מענטשן רעדן פון גאָט. די יידן האָבּן אָפּגענאַרט די געשיכטע מיט אידעען, ווי ס'גענאַרט דער קאָמעדיאַנט זיינע צושויער מיט טעאַטראַלע ווירקלעכקייטן. אויך מיט סאָציאַלע אידעען. ווער ווייסט, אויב דער סען־סימאָניסטישער חלום, וואָס יידן אינטערפּרעטירן אים אין דער לעצטער עפּאָכע, וועט אַ מאָל מקוים ווערן. אָך, דו גערעכטיקייט, אפשר ביסטו פּונקט ווי ליבע, נאָר בענקשאַפט. טראַנסצענדענטאַלע עטיק. דאָך גייען טויזנטער אויף דער תּליה פאַר דער גערעכטיקייט.
איבער דער וועלט גייסטו דורך ווי אַ שוידער, גערעכטיקייט!

גערעכטיקייט! די וועלט ווערט חרוב, נביאישער רוף!

און מענטשן שטרעקן נאָך איר אויס זייערע הענט ווי צו ב'אַפּאַטאַ־מאָרגאַנאַ. אין דער מדבר פון לעבן איז זי די איינציקע האָפנונג פאַר מידע. אַ חלום פאַר די שוואַכע. אַן אמונה. איר געקריוודעטע, אייער משיח איז ערגעץ אויפן וועג. די גערעכטיקייט איז דער איינציקער כּלי־זיין אין די הענט פון די שוואַכע. זייער איינציקע קראַפט. די יידישע סימפּאַטיעס ציִען שטענדיק אַהין, נישט וווּ ס'זענען דאָ די רעאַליטעטן פון דער ווירקלעכקייט, נאָר זייער אילוזיע: די רעאַליטעטן פון דער צוקונפט, די פאַנטאַזיע, דער גלויבן. דאָס רעאַלע האָט פעסטע גרענעצן.

צי מ׳וויל, צי נישט, אַזוי זעען זיי. דער טרוימער ווערט אין זיי געשטרויכלט. די ווירקלעכקייט איז אַ תפיסה פאַרן דיכטער. דאָס אַבסטראַקטע אָבער, אירע מעגלעכקייטן, ווער קען זייער סוף. דאָס מלכות פון אַבסטראַקטן ציט זיך צו דעם אומענדלעכן, צו דער אידעע. אין דעם אַבסטראַקטן הערשט דער דיכטערישער שווונג. דער ווילן. איר מענטשן, קומט, קוקט זיי אָן, די מאַיעסטעטן פון אַבסטראַקטן: עס איז דער דיכטער און דער קאָמעדיאַנט. דער דיכטער גיט דאָרט דעם ווילן, דער קאָמעדיאַנט — די טאַט. עס איז אַזוי ווי אויף דער טעאַטער־בינע. מיר וואָס לעבן אין דער ווירקלעכקייט קוקן אויף איר אַהין ווי ווייטע צושויער. ווי פרעמדע זיצן מיר אין דער פינצטער, אויף איר איז דאָס ליכט. זיי ביידע, די גרויסע טרוימער פון לעבן, דער קאָמעדיאַנט און דער דיכטער, זיי שפּילן דאָרט אונזער צוקונפט, די צוקונפט ווי מיר ווילן זי. אונזער בענקשאַפט. וועט די צוקונפט קומען אַ מאָל? וועט זי מקיים ווערן? פרעגט יענע בויער פון דער צוקונפט, דעם דיכטער און דעם קאָמעדיאַנט. עס איז זייער מלוכה, די מלוכה פון זעונגען און כימערעס. דער קאָמעדיאַנט באַוועגט זיך אין איר מיט זיינע חלומות. צוקונפט! דו ביזט די מלוכה פון דאָן־קישאָטן. העלדן (נישט ווירקלעכקייטס־העלדן) אָן יכולת אין די גלידער, בלויז געטריבן פון דער פאַנטאַזיע, רייטן דאָרט אַרויס איינעמען אַ וועלט. אַ כאָפּטע קאָמעדיאַנטן מאַרשירט אַרויס צו זיגן. אַ וועלט פון חלומות ליגט פאַר אייך אָפן ערגעץ־ווו, אַ גן־עדן, אַ געטער־וועלט, העי, צעלאָזט אייערע פאָנען, לאָזט קלינגען אייער וואָפן, איר דיכטער און קלאָונס!

דאָס פאָלק פון די יידן, דאָס טעאַטראַלישע פאָלק, די היסטאָרישע „פאָרשטעלער“ און אינטערפּרעטירער, זיי לענקען זייער אויפמערקזאַמקייט, יאָ, זייער גאַנץ וועזן, אַהין צו דעם אַבסטראַקטן, צו דעם מעטאַפיזישן, צו דעם געוואָלטן לעבן. אין דער נאָענטקייט, ווו עס פירט דער דאָן קישאָט זיינע קאַמפן, דאָרט פילן זיי זיך היימיש. אין דער מדינה פון דעם דאָן־קישאָט איז נישטאָ דאָס רעאַל־ווירקלעכע, עס איז פאַראַן בלויז דער ווילן.

דער ווילן אָן דער זייט פון רעאַלן האָט נישט פאַר זיך קיין מחיצה, קיין שום משא מאַכט נישט שווער זיינע פליגלען. די ווייטקייטן ציִען אים און ער וויל אין די ווייטקייטן. אויך דאָס שוואַכע וויל די ווייטקייטן. יידן דערנידריקן זיך אָפט און חנפענען דעם שטאַרקן. דאַן נישט אויפריכטיק. שיילאָק אויף רעאַלטי. צורך־שעה. (דער שטאַרקער וואָס לאָזט זיך נישט איינטערחנפענען גלויבט זיי טאַקע נישט). די אינערלעכסטע סימפּאַטיע פון די יידן איז אויף דעם צד פון דעם שוואַכן. דער פּראָלעטאַריער, דער אָרימער, וואָס די ווירקלעכקייט האָט פאַר אים פאַרשלאָסן אירע גלוסטיקייטן, דער וואָס האָט גאָרנישט אויף דער וועלט, דער געקריוודעטער — אָ, איראָניע! — ער האָט אויך אַן עשרות. אים געהער די צוקונפט. דער חלום פון דער צוקונפט. איר אָרימע, אייער איז דאָס מלכות־שמים. דער שוואַכער ווייסט: דאָן קישאָט שטייט דאָרט ביי די גרענעצן פון דעם וווּנדער־לאַנד. ער קעמפט פאַר אים. און — דער שוואַכער האָפט. אויך דעם יידישן וועזן איז פרעמד דאָס „וואָס עס איז". מיט דעם „וואָס עס איז" שטייט עס תמיד אין קאָנפליקטן. די יידן, גלייך ווי די שוואַכע, ווען זיי שטרעקן אויס די הענט צו די ווירקלעכקייטן אין מאָנען דאָרט זייער חלק, באַקומען זיי איבער די פינגער. עס איז נישט דאָ זייער אָרט. צווישן די יידן און די ווירקלעכקייטן איז אַן אינערלעכע דיסהאַרמאָניע, אַ פרעמדקייט, אַ מיספאַרשטענדניש. די יידענס איז די צוקונפט, זיי פילן זיך אין איר בעסער אין רויִקער ווי אין דער געגנוואַרט. זייער מלכות, זייער היימאַט, זייער חלום. וואָס איז די געגנוואַרט? אַפּרוזדור. די צוקונפט איז דער טרקלין, דער פּאַלאַץ, די הערלעכקייט. עס לעבן די יידן אין דער ווירקלעכקייט ווי דער שוישפּילער הינטער די קוליסן. הינטער די קוליסן איז אַלצדינג צופעליק, פונאַנדערגעוואָרפן, ציגיינעריש־מעסיק. הינטער די קוליסן איז דאָס לעבן וווּלגאַר, אָרים. ערשט דאָרט „אין דעם וואָס וועט זיין", וועלן אַלע אוממעגלעכקייטן ווערן מעגלעך. דער געפייניקטער קליינער מענטש, דער מענטש אָן יכולת, אויב ער איז נישט בכח צו ווירקן אין דער ווירקלעכקייט, גרויס איז דער כשוף פון זיין ווילן. די פאַנטאַזיע.

געשפּענסטער רופן אים, צוקונפטס-טרוימען. ער גייט צו די נעפּ־לען. אַ נייע וועלט ווערט געשאַפן. דעם דיכטערס וועלט. דאָן־קישאָט וועט פאַר דיר קעמפן, אָ דו גרויסע באַפרייונג! אַ קאָ־מעדיאַנט וועט דיר שפּילן דעם זיג. די ווירקלעכקייט? וואָס אַרט דעם קאָמעדיאַנט דאָס גראָקייט פון די קוליסן. ער זעט נישט די גראָקייט, אין שפּיל איז ער מלך. העי, איר ווירק־לעכקייטן, מאַכט אַ וואַרע! דאָן־קישאָט, דער גרויסער ריטער, גייט צו זיין מלוכה. שטילער זיין. איר וואַרפט נאָר שטויב אויף זיינע פיס, אויף די פיס פון דעם דאָן־קישאָט, וואָס טראָגן אים אין די ווייטקייטן.

ערשטער טייל

שלום אַש

ערשט קאַפּיטל

מען דאַרף נישט פאַרגעסן: ס׳איז געווען י. ל. פּרץ, וועלכער האָט געוויזן דעם וועג צום מהות. צום יידישן מהות. די אידעאַליסטישע אויפפאַכונג פּרצס פון דעם יידישן פּראָבלעם, איז נישט קיין צופאַל, אויך נישט קיין שטרעמונג פון יענער עפּאָכע, ווי דער אידעאַליזם אין אַנדערע ליטעראַטורן. ביי די אומות-העולם איז דער אידעאַליזמאַן אָפּרוּ, אַ טראַנסצענדענטאַלער אָרויספלי פון דער גרויסער מאַסע פון ווירקליכקייטן אין וועלכע די מענטשן האָבן זיך געשטיקט. אין געוויסע שייד-וועגן פון דער געשיכטע, מאַכט דאָס רייכקייט פון זיין די מענטשן מיד. פון גרויס איבערזעטיקטקייט ווענדן די מענטשן זייערע דורשטיקע ליפּן צו די קוואַלן פון דעם גאָרנישט. ווען די הימלען זענען פאַרשלאָסן און די ערד איז צו זיי ווי אַ מוטער, רופן דווקא די מענטשן די הימלישע געטער. אומרויִק דור! אויך די איבערמעכטיקע רוימער, ווען די וועלט איז שוין אינגאַנצן געווען די זייעריקע, שכורע פון גליק זענען זיי געלאָפן צו די סטאָאישע לערעס און צו דעם אַסקעטנטום פון אומבאַקאַנטע גלילער פישער. אַזוי ווייט דער אידעאַליזם ביי אַנדערע פעלקער. ביי יידן אָבער איז דער אידעאַליזם — דאָ האָט פּרץ געוויזן דעם ריכטיקסטן וועג — דער פּסיכישער פּועל-יוצא, יאָ, דער איינציקער ווערט-אַקצענט פון דער גאַנצער עקזיסטענץ זייערער. יידן זענען געגאַנגען צו די חלומות, נישט ווייל די זון פון דער ערד האָט זיי געבלענדט, יידן האָבן זיך נישט איבערגעזעטיקט מיט ווירקלעכקייט און פון „ווילטאָג" געוואָרן אידעאַליסטיש. זיי זענען געוואָרן אידעאַליסטן — ס׳וועט קלינגען איראָניש — פון „הונגער" נאָך ווירקלעכקייט. אָנשטאָט

דער ווירקלעכקייט האָבן זיי זיך קאָמפּענסירט מיט דעם אידעאַליזם.

אין דער נייער יידישער ליטעראַטור האָט פּרץ, דער ערשטער געהאַט דעם מוט, דאָס אָפן אַרויסצוזאָגן: אין שול אַריין! עס איז בשום אופן נישט געווען קיין רוף צו פרומקייט, צו אָרטאָדאָקסיש אָפּגעשטאַנענקייט.*) פּרץ האָט גערופן צו די קוואַלן פון יידישער שעפערישקייט, צו דעם אור-עלעמענט פון דעם יידישן וועלט-דאַזיין: צום אידעאַליזם. די גרויסע אייגנטימלעכע יידישע קולטור, די אַטמאָספערע פון די הייליקע ספרים, אין וועלכער ס'זענען אויסגעוואַקסן פּרצס העלדן, זיי נעמלעך, זענען געווען דער אויסדרוק פון אַ יידישן אידעאַליזם. דער „עם הספר" איז פאַר פּרצן נישט קיין בלויזער באַגריף, ער האָט פאַר אים אויסגעמאַכט דעם כאַראַקטער פון דער ראַסע, די גאַנצע וועלט-שטעלונג אירע. נאָר אין „ספרים-שטיב" ווערן אויסגעהאָדעוועט אַזעלכע אינדיווידואַליזמען ווי פּרצס העלדן. ספרים-שטיב. פאַר פּרצן האָט עס נישט אין זיך יענעם נעגאַטיוון זין פון אָפּגעשטאָרבנקייט, ווי מ'האָט עס פאַרשטאַנען אין דער עפּאָכע פון השכלה. אינם בוך אַריין אַנטלויפט דאָס לעבן ווען עס ווערט אידעאַליסטיש עס איז פאַראַן אָבער אַ לעבן, וואָס פון וווּרצל אויס איז עס אויסגעוואַקסן אינם בוך, עס שעפּט פון דאָרט די גאַנצע יניקה, עס לעבט זיך דאָרט אויס. אַזאַ מיסטעריעזער טרוימער, אַזאַ פערזענלעכקייט ווי דאָן-קישאָט, איז אינגאַנצן דער פּראָדוקט פון די פאָליאַנטן. דאָס געדיכטעטע און געשריבענע וואָרט האָט אים דערצויגן, די פאַנטאַזיע פונם שרייבנדיקן מענטשן. פאַר די אַרישע קולטורן איז דאָן-קישאָט קאָמיש, ווייל ער איז זיי פרעמדלעך. דאָן-קישאָט איז אַרויסגעוואַקסן איבער דעם אַרישן ווירקלעכקייטס-געפיל ווי אַ בעשפּענסט, ווי אַ געוויסן. הינטער דעם טריומף-צוג פון דער מענטשלעכער „הייטערקייט" האָט אָנגעיאָגט „דער ריטער"

*) וואָרום דער רוף „צו פרומקייט" איז פאַר אַ סך פון אונזערע „אַנטיוישטע ראַדיקאַלן" נישט געווען פרעמד. פון מורא פאַר דער וועלט האָבן זיי זיך געוואָלט באַהאַלטן הינטערן שטילן יידישן פּרוכת.

פון טרויעריקן געשטאַלט". דער וועג, וווהין עס האָט געוואָלט דער דאָזיקער דאָן-קישאָט, איז פאַר דעם אַרישן מענטשן נישט קלאָר. מען האָט אים דערזען, יענעם הערלעכן האָמונקולוס — דאָס קינד פון די ביכער — ווי ער טוט אַ פלי-אַרויס און גייט אויף וועגן, פאַר אים אומבאַקאַנטע. דער אַרישער מענטש האָט געקוקט אויף די מעכטיקע און טראַגישע פיגור דאָן־קישאָטס ווי אויף אַן אוניקום. ער האָט אים באַוווּנדערט — אינערלעך אויפגעציטערט געוואָרן — אָבער דאָך נישט היימיש געוואָרן מיט אים. הינטער דעם אַרישן אידעאַליזם זענען געווען גרויסע ווערטן, רעאַלע ווערטן, וואָס האָבן אים צוריקגערופן צו דער ווירקלעכקייט. דער רוף פון לעבן האָט אויסגעניכטערט זיין שכרות. דעם יידישן אידעאַליזם אָבער, האָט קיינער נישט צוריקגערופן. דאָס לעבן האָט אים נישט געלאָקט. עס האָט אים נאָך אָפגעשטויסן. אָן אחריות פאַר וועלט-גיטער, וועלט אָרעם ווי דער ריטער דאָן-קישאָט האָט דער יידישער אידעאַליזם אָנגעהויבן די גרויסע אַוואַנטורע פון אַן אינערלעכער וואַנדערונג. וואַנדלונג. סוביעקטיוויזם. הינטער זיך אַלע רייכטימער פון דער ערד, איז ער אויסגעוואַקסן אין די אַבסטראַקטע רעגיאָנען פון די ביכער. דער עם הספר.

פרץ האָט עס אָפן אַרויסגעזאָגט אָ, דו מוזט זיין ביטער קאָנסעקווענט אין דיין אידעאַליזם, עם הספר. די ערד, זי האָט זיך פון דיר אָפגעוואָנדן. אויף די פאַני דיר פרעמדע ווירקלעכקייט האָסטו זיך אויסגעבויט אַ טורעם פון ביכער — דיין וועג צו גאולה! — שטייג זשע מוטיק אויף אים אַרויף, זאָלן דיינע טריט זיין זיכער. דאָס קול פון די מענטשן אונטן, אונטער דיין טורעם, זאָל דיך נישט שטערן. (דאָס קול וועט דיך אויך נישט רופן). איר האָמונקולוסן פון ספרים, ווייזט אייער כשוף!

אויף דעם טורעם אויבן, איבער דער גאַנצער ליניע פון יידישן וועלט-דאָזיין וואָס ווערט אַהין אַרויפגעדרענגט, קלעטערט אַרויף דער לעצטער, דער גרעסטער, דער ייד פון די יידן, דער גאָלדענע רינג פון דער קייט — שלמה.

שלמה איז די לעצטע קאָנסעקווענץ פון דעם יידישן אידעאַליזם. פון יידנטום בכלל. אויך פרצס שלמה איז אַ דאָן-קישאָט

אַ העלד אויס דעם „קאַסטן שמות"*). ווו אַהין עס פירן די לעצטע וועגן פון דעם אידעאַליסטישן וועלט-געפיל, שטייט ער, דער יידישער איבער-מענטש. דער יידישער דאָן-קישאָט. דער דאָ-זיקער ספרים-ייד, דער שבת-משיח, זיין דאַרע איידעלע האַנט איז הויך דערהויבן צו געבן דער וועלט דעם לעצטן קלאַפּ. זאָל די וועלט ציטערן. דער גרייז-גראָער שלמה, אַ צובראָכענער ייד אין אַ ווייס-זיידענער שבת-זשיפּיצע, גייט חרוב מאַכן די וועלט. אַ היי-ליקער גלויבן פון דעם אידעאַליזם! חרוב זאָל ווערן די וועלט, שבת-יום-טובדיקע יידן גייען איבער אירע חורבות. די וועלט, די גרויסע, די מעכטיקע, זי ליגט צופיסנס פון יענע עקסטאַטישע דאָן-קישאָטן ווי אַ צובראָכענע שאָל. קאַמף! ווער וועט זיך אַקעגן שטעלן יענעם הייליקן מחריב, ווען דער בעכער איז פול, דער בעכער פון שבת? אָט איז דער יידישער צאַראַטוסטרא. עס איז זיין נשמה נישט איבערגעפלאָסן ערגעץ אויף וויסטע בערג, אין דער חברותה פון אן אָדלער מיט אַ שלאַנג. ספרים-בלעטער האָבן דערצויגן דעם יידישן איבער-מענטש. אָן דער זייט פון די ווירק-לעכקייטן, אין אַ וועלט פון אותיות — יסודות פון אַן אייגנטימ-לעכע אידעאַליסטישע קולטור — צווישן ליטעראַרישע טרוימערייען און גלויבונגען, איז רייף געוואָרן די לעצטע קאָנסעקווענץ פון יידישן וועלט-געפיל: דער העלד. דער ספרים דאָן-קישאָט. אין די מערה פון יידישע הזיות, ווערט זיין בעכער פול צו באַשעגקען. ער גייט דער וועלט אַקעגן מיט זיין פולן בעכער. די לעצטע שעה האָט געשלאָגן, משיחס שעה. די שעה פון שבת. דער יידישער איבער-מענטש טרעט אַרויס אויס זיינע איינזאַמקייטן. גאולה! לאַנג איז דער יידישער איבער-מענטש געזעסן צווישן זיינע ספרים און

---

*) „עס דוכט זיך אַז עס איז ערגעץ-ווו פאַראַן אַ יידישע וועלט, אַ יידיש לעבן, אַ גרויסער יידישער בית-המדרש און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק לעבט אין אַ גרויסן קאַסטן שמות, באַהויכט מיט הייליקן שטויב, און אויף דעם ליגט אויסגעגאָסן דאָס יידישע הימלעכקייט, בענקעניש..." — דאָס יידישע חנדל שלום אַש אין „שטעטל".

געוואָרט. איצטער קלאַפּט אויך ביי זיין טיר דער רופ ר:ע שטיי אויף, עס ווערט מקוים.

דער אַלטער ייד שלמה (פּרצס גרעסטער חלום), גרייז-גראָ ווי דורות, אין שטריימל און אין דער ווייס-זיידענער שבת-זשיפּעצע אייגעבויגן איבער הייליקע פאַרשטויבטע פּאָליאַנטן, האָט ער אויסגעקוקט אַ צייכן.

— שבת זאָל זיין, שבת! חרוב זאָל ווערן די וועלט! אָט קומען מיר, שבת-יום-טובדיקע, זינגנדיק, טאַנצנדיק.

אָ גרויסער טאָג, טאָג שב !

אַזוי האָט פּרץ צוגעפירט דעם יידישן אידעאַליזם צו זיינע לעצטע צילן. פאַר דעם יידישן אידעאַליזם איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג, ווי צו פאַרברענען הינטער זיך אַלע בריקן. נישטאָ פאַר אים קיין וועג צוריק. ווו אַהין צוריק? הינטער דעם יידישן אידעאַליזם — וועגלאָזיקייט. שוואַרצע האָפנונגסלאָזע נאַכט. (אָ יענע נאַכט, ווען דער יידישער דאָן-קישאָט קוקט זיך אום!) דער יידישער אידעאַליזם מוז אין עפּעס גלויבן אום עפּעס צו זיין. אום בכלל צו זיין. זיין טאָג איז ערגעץ-ווו ווייט. פאָרויס ווייט. אַ גרויס אומבאַקאַנטעס, אַ שטילער אייבי-קער שבת ברענט דאָרט איבער דעם מאָרגן פון דער יידישער געשיכטע ווי אַן אור הגנוז. דער לעצטער טאָג פון יידישן אי-דעאַליזם איז דער טאָג פון שבת.

דער לעצטער טאָג פון דער וועלט איז דער טאָג פון שבת.

שלמה וויל אַזוי.

וויל אים. אשרי המאמין. גלויבן איז די לעצטע האָפנונג פון דעם יידישן אידעאַליזם.

זיין כח. זיין אויסוועג.

„דער וואָס גלויבט, עקזיסטירט“.*

ווייסע טויבן פליסטערן אונטערן כסא-הכבוד:

— גלויב, גלויב!

---

*) י. ל. פרץ: „ביינאכט אויפן אלטן מארק“.

ווער זשע זאָל דאָס זיין דער גלויבער? דער גרויסער גלויבער? ווערמעס וואָרט זאָל עס זיין? וועמעס אמונה זאָל ברענגען משיחן?

זאָל עס זיין דער קאָלעקטיוו? דער גרויסער כּלל?

שלמה ווי צאַראַטוסטראַ וויל זיך דערקלעטערן צו די העכסטע שפּיצן פון דאָזיין. ביי די לעצטע וועגן פון דער געשיכטע ברענט אַ גרויס ליכט, וועלכעס גיט דער געשיכטע אַ זין, וועלכעס גיט דעם לעבן און שטאַרבן פון אומצייליקע דורות — תוכן. צו וואָס דאָס אַלצדינג? אויפן לעצטן בלעטל פון דער געשיכטע שטייט אָנגעשריבן דער ענטפער. ווער ווייסט, צי דער גרויסער ליידנס-וועג פון די דורות, דער שווערער, בלוטיקער און מיזאַמער שליאַך איבער דער געשיכטע (הערט דאָס געבריל פון די מיליאָנען! אָט שלעפּן זיי זיך מחנות־ווייז ווי די מתים אי־בער דעם דאָזיקן אומענדלעכן שליאַך), ווער ווייסט, צי ער ציט זיך נישט אַהין ווי אַ טיף בעני־שאַפט צו דעם דאָזיקן ליכט? איבער דעם שטראָם פון דור־המדבר — דער קאָלעקטיוו, פאַר וועלכן די געשיכטע איז אין דער אמתן נאָר אַ גיהנם — שטייען זיי די איינציקע, די יחידים, די פּערזענלעכקייטן, צו זיי געהער די וועלט. זיי טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף זייערע אַקסלען: די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דורות. די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם גאַנצן פּיין און ליידן פון די מענטשן. די יחידים מיט די אָדלער-בליקן וואָס זעען דעם לעצטן טאָג פון די דורות. זיי זעען דאָס ליכט.

— טרייסט, טרייסט, איר מענטשן. אייער ליידן האָט אַ ציל. מיר קענען דעם וועג צום גרויסן גליק.

דער אייביקער שבת.

און דער קאָלעקטיוו? הערט אַ דור-המדבר? ביי ביטשען איז דער „לעצטער מענטש" — דער אידעאַל פון קאָלעקטיוו — אַ פלוי. ביי שלמהן לעכצן זיי צו דער וואָך און בעטן ביים צדיק — פּרנסה.

דער קאָלעקטיוו וועט נישט דערגיין ביז צום לאַנד פון אייביקן שבת. די לעצטע האָפנונגען פון דער געשיכטע ליגן נישט

אויפֿן קאָלעקטיוו. ער וועט זיי בּישט דערפֿילן. דער קאָלעקטיוו איז בּלויז די בּריק וואָס טראָגט די פּערזענלעכקייט אַריבּער איבּער די אָפּגרונטן פֿון דער וועלט אַהין צו דעם לעצטן אויס־וועג. דאָרט בּיי יענע גרענעצן, פֿאַרלאָזט די פּערזענלעכקייט דעם קאָלעקטיוו, ווי מ׳פֿאַרלאָזט אַ לאַסט־טיר. איינער אַליין גייט די פּערזענלעכקייט אַוועק אויפֿן וועג פֿון די איינזאַמע. אָ, דו מיי־זאַמער וועג פֿון די איינזאַמע! נאָר דער וועג פֿון די איינזאַמע פֿירט אַהין — צום שבת.

צווייט קאַפּיטל

פרץ אַלס אינדיווידואַליסט האָט געמוזט זעען דעם לעצטן ציל פון דער יידישער עקזיסטענץ אינם יידישן יחיד. פרץ איז געווען צו פערזענלעך, צו פיל אין זיך געוואָנדן, אַז ער זאָל נישט זעען דעם סך־הכל פון אַלע מעגלעכקייטן בלויז אינם אינדיווידועלן. ווען אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“, פרווט פרץ דעם שווערפונקט פון זיינע האָפנונגען אַריבערצוליינען אויפן יידישן קיבוץ — טרעפט ער זיך אָן אויף דער ביטערסטער אַנטוישונג. דער יידישער קיבוץ — ווי דער קאָלעקטיוו בכלל — איז אַ פעלד פון טויטע, זייער התלהבות איז דאָס טעמפּעראַמענט פון מתים. און זייער ווילן? אַך, צי קאָנען טויטע ווערן? שטענדיק — און ביי פרצן איז בלי־ספק טיף אינערלעך פאַראַן געווען אַ בענקשאַפט נישט צו לאָזן הינטער זיך דעם קאָלעקטיוו — שטענדיק ווען ער שטעלט זיך אָפּ אויף זיין עקסטרעמען וועג און פרווט אויסצושטרעקן זיין האַנט צום קיבוץ, כדי אים מיטצונעמען, (פרצן האָט געשרעקן די איינזאַמקייט), בלייבט דער קיבוץ הינטערשטעליק. „קליינע שוואַכע יידעלעך. אַ מצוהלע, אַן עבירהלע“. פרץ מוז סוף כל סוף רעזיגנירן און צוריקגיין צום יחיד. ערשט ביי שלום אַשן הויבט זיך אָן די דערהויבונג פון קיבוץ.

שלום אַשס „שטעטל“ (אין אַלע פאַרשידענע וואַריאַנטן), עס איז דער ווייטערער המשך פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן“. די וועלט פון די הייליקע ספרים. יענע וואונדערלעך אידילישע וועלט. אויך שלום אַש שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון פּרצישן אידעאַליזם „דאָס יידישע לעבן איז אַ גרויסער בית־המדרש, דאָס יידישע

פאָלק לעבט אין אַ קאַסטן שמות". פרצס שטאַנדפּונקט. **פרצס** אויסבליק. אנשטאָט וואָס ביי פרצן אָבער, איז עס ש.מה, דער איינציקער יחיד, דער יידישער „איבער־מענטש" וואָס ער קריסטאַליזירט זיך אַרויס פונם יידישן עלעמענט, נאָך גרויסע אינערלעכע נסיונות, און נאָך אַ לאַנגן וועג — איז עס ביי אַשן דער קיבוץ וואָס טרעט איצטער אויף אויפן פאָדער־גרונט. **דער קיבוץ אַלס עלעמענט פון מענטשלעכן אידעאַליזם.** עס איז גישט פרצס סוביעקטיוו־דורכגעטראַכטער אינדיווידואַליזם וואָס טראָגט אויף זיך באַוואוסטזיניק אַ שיקזאַל און דערטראָגט אים ביז צו די לעצטע קאָנסעקווענצן. אויב דער פרצישער יחיד איז דער טראַגישער העלד פון דעם טיף־איבערלעבן וועלט־שפּיל וואָס רופט זיך יידנטום, איז דער אַשישער קיבוץ דער כאָר וואָס באַגלייט דאָס דאָזיקע וועלט־שפּיל, רופט עס אַרויס פון זיך ווי אַ שיקזאַל, דער כאָר וואָס גיט פאַר אָט אָ דעם וועלט־שפּיל דעם הינטערגרונט.

שלום אַש „שטעטל" אַלס אויסדרוק פון יידישן קאָלעקטיוו איז אידעאַליסטיש. פון „יענער זייט" ווירקלעכקייט. מער „לעגענדע" ווי „ווירקלעכקייט". גלייך ווי דאָס ווערן פון פרצס אויסדערלייזטן יחיד, געשיט דאָס אַשישע „שטעטל" אין די טיפקייטן פון די יידישע ספרים, פון יענע קוואַלן ציט עס יניקה. די יידישע מאַסע אין „שטעטל" איז אַרויסגעוואַנדערט ערגעץ פון יענע מדינות ווו ס'איז אייביק שבת. זי וואַנדערט, וואַנדערט. איצט האָט זי זיך צולייגט ווי אַ קאַראַוואַן אויף די ערדן פון קרוין־פּוילן. עם לבדד ישכון. ס'איז אַ גרויסער גלות, דאָס „גלות־ליידן" פון אַ קיבוץ. די בריקן פון דעם דאָזיקן קיבוץ צו דער וועלט, זענען שוין צובראָכן פון לאַנגע, לאַנגע דורות. ווער קאָן קומען פון דער וואָכעדיקער וועלט אַהין צו יענעם זעלטזאַמען כלל ביי וועלכן ס'איז אייביק שבת?

שבת. דאָס איז דער גרונדטאָן פון אַשישן שטעטל. מלכה־שבת. שטילע רו. אינערלעכע שטילקייט. התבודדות. הייליקייט. פאַר אַשס שבת דאַרף מען נישט קעמפן ווי פאַרן שבת אין דער „גאָלדענער קייט". אין דער „גאָלדענער קייט" — ווו דער

קאָלעקטיוו ווערט פאַרלייקנט, ווו דאָס גאַנצע אחריות פאַרן שיקזאַל טראָגט אויף זיך די איינצעלנע פערזענלעכקייט, און דער גרויסער יחיד, אויף אים אַליין ליגט די אויפגאַבע פון דער גאולה פון דער וועלט — דאָרט אין יענעם טיף-אינדיווידואַליסטישן וועלט-געפיל איז ניטאָ קיין אָרט פאַר מנוחה. אייביק מוז ווערן געקעמפט. סוף כּל סוף ליגן די לעצטע צילן אין די הענט פון גרויסן יחיד, די מאַסע איז אַ תהום פון פינצטערקייט, זי וויל קיינמאָל נישט דערהויבן ווערן, זי קאָן אויך נישט דערהויבן ווערן, זי שלאָגט אַרויס דעם שבת־פאַקעל פון יחידס האַנט. דער יחיד מוז פון איר אַנטלויפן. אייבער אַליין מוז דער יחיד אָנקלאַפּן ביי די טויערן פון די הימלען. אַזוי ווייט פּרץ. ביי אַש אָבער, איז נישט פאַראַן דאָס פּראָבלעם פון אינדיווידועלן מענטשן, ממילא נישט פון אינדיווידועלן יידן. ווו עס ווערט נישט דווקא אַקצענטירט די פּערזענלעכקייט און דער קיבוץ ווערט נישט נעגירט — דאָרט איז נישטאָ דער קאַמף. די גאולה ליגט נישט אין איינצלנעם, די גאולה פאַלט אַראָפּ ווי אַ טוי פון דעם ליכטיקן הימל. און די מענטשן אינעווייניק ליגט דער שבת, איז שבת. זעט, זאָגט אַש, וויפיל ליבע, וויפיל ליכט עס ווייעט ווי אַ ברכה איבער די קעפּ פון די מענטשן!

דער טריט ווייטער וואָס אַש טוט נאָך פּרצן. פּרץ האָט געוויזן דעם גייעם וועג וואָס פירט אַרויס פון דעם סוד פון יידישן פּראָבלעם. פּרץ ווייזט אויף שלמהן: אָט איז דער גרויסער יידישער יחיד. ער וועט ברענגען משיחן. נאָך שטייען מיר איבערלעבן אין שווערן קאַמף. מיר מוזן משיחן באַפרייען פון זיין גרויסן שונא — דעם קאָלקעטיוו. שלום אַש, אויף דעם זעלביקן וועג פון פּרצן, אויפן וועג פון יידישן אידעאַליזם, פּרוווט ער צו געבן פּרצס צילן אַן אַנדערע ווענדונג. יאָ שבת, אָבער מיר מוזן נישט דעם שבת זוכן דווקא אין די וויסטע איינזאַמקייטן פון דער פּערזענלעכקייט. הייליק איז די וועלט. די וועלט איז שבתדיק. דער יחיד איז אַן אילוזיע. דער יחיד איז די נישט דערגרייכטע האָפענונג פון די דאָזיקע, וואָס לעבן אין לעבן ווי פרעמדע. דער בעכער פון לעבן איז דער שבת-בעכער.

ווו איז דער בעכער פון לעבן? אָ גרויסע ווירקלעכקייט אַרום דעם שטעטל! אָ גרינע ערד פון די פעלקער! אָ דו עקזיסטענץ! דו ביזט געבענשט און טרינקסט פון אַלע קוואַלן. שוין דאָס לעבן אַליין איז דאָס גליק. די מענטשן טרינקען פון דעם דאָזיקן גליק ווי קינדער. אָ דו פרייד! איז אויך דאָס יידישע לעבן אַ פרייד? איראָניע פון שיקזאַל! די בלעטער יידישע ווירקלעכקייט מיט וועלכע די ערשטע שרייבער פון דער יידישער ליטעראַטור — ווי מענדעלי מוכר־ספרים — האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיגקייט — זיי זענען פול געווען מיט דעם עקל פון טרוקענע אַסקעטן. דער ברונעם פון יידישער ווירקלעכקייט האָט פאַר זיי נישט געהאַט קיין זאַפטן. די דאָזיקע שרייבער זענען אויסגעדאַרט געוואָרן פון אַ הונגער, זיי האָבן זיך געפילט ווי ווערים אין אַ געמויזעכץ. די אייגענע עקזיסטענץ? די אָרימע יידישע עקזיסטענץ? וויי איר. אירע ערשטע קינסטלער האָבן פון איר אַרויסגעהיילט ווי הונגעריקע היענעס. אָ „יידישע טאָרבע"! — האָבן זיי געזאָגט — וואָס קאָנסטו אונז געבן. ווער ווייסט צו וואָסערע אויספירונגען פרץ וואָלט געווען געקומען, ווען אַוועקאַנטלויפנדיק פון דער יידישער ווירקלעכקייט (אין זיין השכלה־יוגנד) וואָלט ער נישט געפונען די עקסטאַטישע פרייד פון דאָזיין ביי דעם דאָן־קישאָטישן יחיד וואָס קוקט אויס משיחן פון דער קולטור פון יידישן ספר.

שלום אַש, באַרוישט מיט טיפן אינערלעכן גלויבן, געבענשט מיט זעליקער לעבנס־פרייד, איז אַרויסגעגאַנגען זוכן דעם גאָלדענעם ברונעם פון דער יידישער ווירקלעכקייט. ער איז אויך אַ אַ משיח־זוכער. די נשמה אַשס איז צו ליכטיק, דער גלויבן זיינער צו הייליק, אַז די וואָיענדיקע אַסקעטן, ווי מענדעלי מוכר־ספרים, זאָלן וואַרפן אויף אים אַ מרה־שחורה. פרצס שלמה און די יידישע פערזענלעכקייט? שלום אַש, אין זיין כאַראַקטער שוין, קאָן ער נישט רעזיגנירן פון יידישן קאָלעקטיוו, ווי עס האָט געפרווט צו טון פרץ, און אַוועקגיין אין דער איינזאַמער מערה ווו שלמה וואַרט אָפּ דעם שבת. וואָס זאָל אונז דער שבת פּנים אייבצעלנעם, ווען אויף דער גאַנצער וועלט איז וואָך? מיר וואַרפן אַראָפּ פון

חיד די לאַסט פֿון כּלל, כּדי דער יחיד זאָל קאָנען שטייגן העכ־
כער. זענען אָט די שטאַרקע נישט מודה אין זייער שוואַכקייט?
ווער ווייסט ווי אומעטיק עס איז דעם אָדלער אײנעם אַליין אין
די ווייטע הימלען? אָ, דער גרויזאַמער שבת אין הויכע נישן ווי
מענטשן דערגרייכן אים נישט! אַ פֿרעמדער, שטיל ווי דער טויט,
אַזוי רוט יענער גרויסער טאָג בײַ די אָפּגרונטן פֿון דער וועלט.
דער רוף פֿון אַלע מענטשלעכע הערצער איז פֿאַר אים קיין רוף
נישט. נאָר אײנער איז דאָ פֿון אונדז אַלעמען: דער וואָס איז
גרויס און אײנזאַם. און מיר אַלע?

בײַ דעם דאָזיקן שייד־וועג, שיידט זיך אָפּ אַש פֿון פּרץ.
פּרץ גייט אַוועק אין אַ מלוכה ווו אומבאַקאַנטע שאָטנס וואַרטן
אָפּ זײַן שלמהן. ער גייט אַוועק אין די ווײַטקייטן, ווײַל צווישן
די מענטשן לאָקערט אויף אים דער אונטערגאַנג. נישט שיר־השי־
רים, קהלת איז דאָס שוואַנען־געזאַנג פֿון דער פּערזענלעכקייט.
פּרץ האָט נישט געגלויבט. אַ פֿאַרלײַקענער איז ער אַוועק צו די
געטער.

רו דעם דאָזיקן מידן יידישן דיכטער, דעם בעוונדניק, ער וואַרט
אויף אונדז ערגעץ בײַ אָפּגרונטן.

שלום אַש, זײַן תּלמיד, וויל נישט מיט אים מיטגיין אַליין.
ער וואַרט אויף משיחן מיט אַלע אָרעמע, מיט אַלע יידן, מיט דער
גאַנצער וועלט. און וועט משיח נישט קומען פֿאַר אַלע, צי קאָן
דאַן שלמה זײַן דער נאַציאָנאַלער תּוכן? נישט בלויז די ליבע
צו גאָט דערהויכט, די ליבע צו מענטשן איז פֿאַר אַשן דאָס
טיפֿערע געפֿיל. די גאולה, דער שבת.

— ווו אַהין? פֿרעגט שלום אַש. דער גרויסער פּרץ איז
אַוועק צו די אײנזאַמע. צו שלמהס שבת. דער יידישער כּלל
שטייט ווידער אַ וואָכעדיקער, אַ פֿאַריתומטער. ווער קאָן אים
געבן די פֿרייד פֿון עפּעס ווערט זײַן? ווער קאָן אים געבן אײנ־
האַלט? הינטער דעם געהיימנישפֿולן פֿאָלק הערט זיך דאָס מעפּיס־
טאָפֿעלישע לאַכן פֿון טוגעיאַדעווקער „מענדעלעך”. אין די יידישע
הימלען שטאַרבן אויס די לעצטע געטער. ווו אַהין גייען,

ווען דאָס יידישע וועלט־דאַזיין שטייט פאַר אַ נייעם פראַגע־צייכן ?

שלום אַש, אַן אומשולדיקער גלויבער, מיט שטילע הענט פרווט ער אויפצוציען דעם פאָרהאַנג פון דעם גרויסן היסטאָרישן שוי־שפיל : יידן. אָ, געטלעך שוי־שפיל ! אַ פשוטער ייד, אָן „וועלט־פראָבלעמען", אָן טיפערע גריבלערייען, אָן דעם בלוטיקן ספק, וואָס עסט שטענדיק דאָס האַרץ פון דער פערזענלעכקייט, אַ בלוי־זער מאמין, אַ נאַיווער פאַרסיפאַל — אַזוי לענקט ער זיינע טריט אַהין אויף אַ פונקט ווו עס דריקט ווי אַ באַרג די טראַגיק פון אַ מענטשלעכן שיקזאַל, ווו אינטער אַ יעדערן בליק לויערט אַן אונטערגאַנג, ווו אַ גאַנצע עקזיסטענץ פרעגט : זיין אָדער נישט זיין. דאָרט ווו דער טיפסטער געדאַנק קאָן נישט געבן קיין ענט־פער, פרווט דער פשוטער ייד צו זאָגן דאָס ריכטיקע וואָרט; ווו דער גרויסער יחיד בלייבט אָן אויסוועג, פרווט צו גלויבן דער קאָלעקטיוו.

אָ פשוטער יידישער מענטש, שטילע יידישע ליבע, וועסט דו אונז אדורכפירן דורך דער גרויסער נאַכט ?

און ער רופט אים אַרויס, שלום אַש, דעם אַהאַסווער, דעם מיסטישן וואַנדערער. „דעם וואַנדערער'ס וועג פירט אין שטעטל אַריין, קום מיט מיט אים !" אַש האָט אַנגערירט אַן אָרט. אַן אומבאַקאַנטער איז אַרויס פון דער פינצטערניש, אַ וויזיע... דער יידישער שיקזאַל אַליין. זאָל ער ענטפערן. דער מיטאָס פון כלל. מיט ציטערדיקע טריט גייט שלום אַש נאָך דעם דאָ־זיקן שטומען רופער. מיט אַ בוך אין דער האַנט צו „באַשרייבן". יידיש לעבן, אַ יידישער דיכטער, אָן דאָס גרויסע וויסן, בלויז זיין האַרץ שוידערט פון ליבע, האָט אַרויסגערופן דיין שאָטן־שטילער זיין. ער האָט אויפגעצויגן די פאָרהאַנג. דאָס שפיל הויבט זיך אָן.

ווער ווייסט, ווער ס'האָט אויף זיך גענומען די גרעסערע אחריות. צי פרץ ווען זיין וואַנדערער (אין פראָלאָג פון „ביי־נאַכט אויפן אַלטן מארק") שלאָפט מיד איין פאַרן פאָרהאַנג אין

הויבט זיין האַנט אויף צו אַ גרויסן ווילן, כּדי שפּעטער צו רעזיגנירן — צו יענער יידישער פּאַרסיפּאַל, שלום אַש, וואָס אין און זיין תּמימות רופט ער אַרויס דעם אַהאַסוער פון צווישן די ליפּן־בוימער, און זיי גייען ביידע אַהין אין יענע ווייטקייטן פון דעם אידעאַליזם — ווו די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" לעבן נאָך — אין „שטעטל" אַריין.

דריטע קאַפּיטל

דער קינסטלער שאפט אָדער פון פילאָזאָפישער רעזיגנאַציע — פּרץ, אָדער פון אַן אינערליכן נאַיוון גלויבן — אַש.

פּרץ האָט פון יידישן לעבן שוין גאָרנישט דערוואַרט. „איך זאָג מיך פון אַלעם אָפּ", שרייט דער בדחן מיט גרויס פאַרביטערטקייט. דער חלום פון אַ „תחית-המתים" איז אַ פּוסטע האָפנונג! דער בדחן טרייבט אַראָפּ די קלעזמער צוריק אין ברונעם אַריין. פּרץ רעזיגנירט, ער שטרעקט נאָך מוטלאָז זיינע שוואַכע הענט אויס צו שלמהן: זאָל ער ערגעץ פירן. אַש באַציט זיך צום יידישן דאָזיין מיט ליבע און גלויבן. פאַר אַשן זענען די ווערטן פון דער יידישערווירקלעכקייט, נישט קיין אכזריות-דיקע ספינקסן וואָס פרעסן אויף דעם, וואָס טרעפט נישט זייערע רעטענישן. ווו איז די אינדיווידועלע טראַגעדיע ווען דאָס דאָזיין איז נישט קיין ספינקס, נאָר אַן עקסטאַז, אַ קוואַל פון ליבע. אַש גריבלט זיך נישט איבערן לעבן. ער בענשט עס. דאָס יידישע לעבן איז פאַר אַשן אַ קוואַל פון ליבע, אַן אייגנטימלעכע יידישע ליבע, די ליבע פון אַ מאַמע. פרומע האַרציקע ליבע פון שרה בת טובים, פון דער מוטער רחל פון חומש. די אָרימקייטן פון די יידישער ווירקלעכקייט ווערלכע מענדעלי האָט אַזוי אויסגעלאַכט, און דער גרויסער י. ל. פּרץ איז געשטאַנען פאַר זיי ווי פאַר אַ בלוטיקע טראַגעדיע אָן אַן אויסוועג, די דאָזיקע אָרימקייטן צורינען פאַר די אויגן פון דעם נאַיוון דיכטער, שלום אַש, ווי נעפּלען. די פינצטערע נאַכט וואָס נעמט אַרום ווי אַ געהיימניספולע שרעק דאָס דאָזיין פון יידישן לעבן, און אין וועלכער נישט

איין דענקער פון יידישן געדאַנק האָט פאַרבלאָנדזשעט און זיך מיאש געווען, — פאַר יענער נאַכט האָט זיך דער יידישער פאַרסיפאַל נישט דערש־אָקן, ווי אַ קינד האָט ער גערופן אין איר. אים איינעם האָט עמעץ געענטפערט: אין די נאַכט, בא די אָרימע הייזלעך פון יידישן שטעטל גייט אַרום די מוטער רחל, אויס יריעות פון צוריסענע ספרי־תורות מאַכט זי לייַלעכער פאַר אירע קינדערלעך.

פאַר שלום אַש האָבן זיך די יידישע ווירקלעכקייטן אַנטפּלעקט ווי אַלטע געלע בלעטער פון הייליגע פאָליאַנטן, ווי אַ יריעה פון אַ ספר־תורה. ער האָט פון דאָרט נישט אַרויסגעלייענט קיין באַהאַלטענע געדאַנקען ווי י. ל. פרץ, אין זייערע אַלטקייטן איז זיין נשמה איבערגעפלאָסן מיט פרייד. די דאָזיקע פרייד האָט אים פול געמאַכט. שלום אַש שפּילט זיך מיט די יידישע ווירקלעכקייטן ווי אַ קינד מיט טייערע אוצרות. דאָס גרויסע מי טעריום פון דער יידישער געשיכטע האָט זיך פאַר אים געעפנט ווי אַ שפּילקאַסטן. אַלע זכרונות. דער גאַנצער הינטער־גרונד פון דער יידישער געשיכטע טויכט פאַר אים אויף. גליקלעכע נאַיוויטעט, אין מיטן דער גרעסטער טראַגעדיע קאָן זי זיך אויסשמייכלען אין ליבטיקסטע האָפנונגען. פּיצס שלמה קעמפט מיט דער ערד ווי דער געשמידעטער פראָמעטעוס, אונטער אַשס פרומקייט פאַרשווונדעט די אַלטעגלעכקייט ווי אַ פאַלשער חלום. וואָרים פאַרלייקענט איר דאָס גליק פון יידישן דאָזיין? זעט „ווי די הימלען איבערן יידישן שטעטל ציען זיך אַזוי לאַנג און ברייט אַוועק, ציען זיך אום ערגעץ־ווו אויף שבת אַהיים צו קומען". „גאָטס וועלט איז אַ פאַרליבטע צניעותדיקע כלה וואָס שפּאַצירט איינע אַליין ביים עק וועג אין געסל אַראָפּ צום שוואַרצן וועג צו". אַש קאָן נישט אַליין זיין אין דער וועלט מיט זיין גליק, ער וויל זיך מיט אַלעמען טיילן. זיינע הענט זענען אָפן פאַר אַלעמען. דאָרט ווו פרץ זעט אָפּגרונטן — און וועלבעס טיפערע אויג זעט דען נישט די אָפּגרונטן איבער וועלכע די יידישע ווירקלעכקייט הענגט — איבער יענע אָפּגרונטן זיצט דער יידישער פאַרסיפאַל און לייענט אין די בלוטיקע בלעטער פון יידישן געדאַנק ווי איז אַ הערלעך מערכן. צי זעט ער נישט

דעם גרויסן פראַגע-צייכן? ער וויל נישט טרעגן. ער וויל גלויבן, גליקלעך זיין. די פערזענלעכקייט קוקט צו טיף: הינטער די טיפקייטן פון דער עקזיסטענץ ליגט דאָס גאָרנישט און דער אונטערגאַנג — דער כלל ווערט שכור פון גלויבן און גייט צו די אומבאַקאַנטקייטן. „דאָרט ווו ס׳איז דאָ אמונה, איז דאָ גאולה" — זאָגט אַשס גאָסטינינער רבי. פאַר אַשן פאַרוואַנדלט זיך די יידישע ווירקלעכקייט אין אַן אמונה, די יידישע ווירקלעכקייט איז פולשטענדיג סוביעקטיוו. זאָגאַר די נאַטור אין וועלכער דאָס „שטעטל" עקזיסטירט, איז נישט עטוואָס רעאַלעס, נאָר אַ סוביעקטיווע „דעקאָראַציע" צו דעם טיפען יידישן געפיל אין אַשן. די פעלדער און די הימלען זענען יידישלעך. אַשס פייזאַזשן זענען דורכגעגנומען מיט פּאָלקסטימלעכער רעליגיאָזיטעט. אַש צייכענט נישט די נאַטור, אַזוי ווי ער צייכענט נישט דאָס יידישע לעבן. אַלצדינג ווערט דורכגעגנומען מיט איין גרויס געפיל, אַלצדינג גייט-אויף אין פרייד און אין אומעט. אַמאָל איז די ערד אַ פרומע צניעותדיקע כלה וואָס בענשט שבת-ליכט, אַ מאָל אַ מאמע וואָס טוליעט אים צו זיך ווען זיין נשמה איז טרויעריק, און ווישט אויס די טרערן פון זיינע אויגן. די פעלדער און די וואַסערן זענען דעם רבונו של עולמס, דער טאַטע אין הימל, וועמענס תורה יידן לערנן, ער שטייט זיי ביי אין אַלע צרות און פאַרזאָרגט זיי מיט פרנסה. „אַן עדה יידן, אַן עדה בוימער". אין אַשס נאַטור-שילדערונגען איז נישטאָ קיין שפור פון דעם וואָס מ׳ין רופט „ערד", עס פעהלט דאָרט דער געזונטער „ריח-השדה". איבער דער גאַנצער וועלט איז אויסגעגאָסן דאָס געמיט פון יידישן אידעאַליזם: איבער דער גאַנצער וועלט איז אַ פייערלעכקייט. עס איז אומעטום און תמיד שבת. צוזאַמען מיט דער יידישער ווירקלעכקייט טוען זיך אַלע ווירקלעכקייטן אויס דאָס וואָכעדיקע מלבוש. שבת, שבת, פליסטערט דער יידישער פּאַרסיפאַל, און אונטער זיין אמונה שפרייט זיך אויס דער שבת איבער דער וועלט ווי אַ צויבער. עס ווערט יום-טוב. אַש איז דער דיכטער פון יום-טובדיגקייט. אין שטעטל גייען יידן אַרום ווי אין ירושלים פראַנק און פריי מיט שטריימלעך, שיך און זאָקן, מיט פיאות און

ליולקעס. פון די הימלען וויינט גאָט אראָפּ אויף חורבן בית־המקדש. אַ פאַרגעסענע בענקשאַפט ווייעט צווישן דעם עולם, דאָס בענקשאַפט פון פאַרטריבענע פרינצן צו זייער פאָטער דעם מלך, און גייסטו אַמאָל איבערן שטעטל טרעפסטו גלאַט אזוי אַ ייד דוד המלך, דו גיסט אים אָפּ שלום־עליכם:

— שלום עליכם אַ ייד דוד המלך.

ווי גייט עס?

און מען הויבט אָן צו שמועסן פון מארק.

פערט קאַפּיטל

וי אַלע באַדייטענדיקע שאַפונגען פון אַ קינסטלער, איז די גאַנצע „שטעטל-עפּאָכע” אַשס, (די ייִנגע שטעטל עפּאָכע), פון די ערשטע נאָוועלן ביז צו „שלמה נגיד”, אַן אַנטוויקלונגס-פּראָצעס. אמתע קינסטלער הויבן אָן אַ וואַנדערונג אין דער אייגענער נשמה. אויך דער אידעאַליסטישער שלום אַש הויבט אָן זיין וואַנדערונג. נישט זייענדיק קיין אינדיווידואַליסט (אין גאַנץ ענגן זין), איז דער ערשטער פּונקט פון וועלכן ער גייט אַרויס, נישט קיין פּערזענלעכער: זיין אייגן וועזן איז פאַר אים נישט קיין פּראָבלעם, אויך נישט זיין אייגן יידישקייט. מיר קאָנען זיך פאָרשטעלן פּרצן אין דער פולשטענדיקסטער איינזאַמקייט, מיר קאָנען זיך אַשן אין דער איינזאמקייט נישט פאָרשטעלן. אַש קומט צום „שטעטל” ווי דער צושויער צום טעאַטער: דאָס ג ע ש ע ן מאַכט אים פול, אין ג ע ש ע ן ליגט דער רוף צום שאַפן. פּרץ ווערט געוועקט פון אינעווייניק, אַש — פון אויסענווייניק. פאַר פּרצן איז די וועלט און דאָס יידישקייט אַ פּראָבלעם. זיין פּערזענלעך פּראָבלעם. פאַר אַשן איז אַלצדינג אַ וואונדער. די וועלט זינגט אין זיינע אויערן איר געזאַנג. אַש ווערט מיטגעריסן מיט זיין געפיל. מיטגעריסן מיט זיין געפיל, הויבט ער אָן צו שאַפן. די דיכטער פון פּערזענלעכן רעדן פון זיך, פון אַ געשעען אין דער אייגענער נשמה, זיי ווערן מיד פון דער אייגענער לאַסט (אָ ווי יענע דיכטער ווערן מיד פון זיך אַליין!). די דיכטער פון קאָלעקטיוו שטייען פאַר אַן עלעמענט, פאַר אַ וועלט-עלעמענט. די עלעמענטן — אָדער זיי מאַכן אונז שכור

מיט עקסטאַטישן גלויבן, אָדער מיר ווענדן זיך אָפּ פון זיי ווי פון אָנמעכטיקע געצן. די דיכטער פון קאָלעקטיוו ווילן גליקלעך זיין אין זייער גלויבן.

זיי זענען די אָפּטימיסטן.

שלום אַש אין זיין התחלה איז צו פרימיטיוו, צו ווייניק אינטעלעקטועל, אַז ער זאָל באַוווסטזיניק משיג זיין דעם שיקזאַל פון זיין קונסט. נאָך ביז היינט האָט ער נישט באַוויזן מיט פולער קאָנסעקווענץ צו באַגרייפן זיין מהות; ווער עס רופט אים: דער עלעמענט פון יידישן כלל. דער אידעאַליזם פון די מאַסן. ער קאָן זיך אַליין נישט באַפרייען פון פרצס אינדיווידואַליזם און „באַרעט" זיך זיין לעבן לאַנג מיט אַ געפיל, וואָס איז אים אַבסאָלוט איבערלעך פרעמד. פון דאַנען נעמען זיך זיינע אונגעלונגענע דראַמאַטישע פרוון און אַ גרויסער טייל פון זיינע ראָמאַנען. דער ערשטער רוף אין אַשן, צו נעמען די פעדער אין האַנט אַריין און צו „באַשרייבן" איז נישט געווען דער אויסוועג פון אַ מענטשן וואָס וויל אין שאַפן זיך אויסלייזן פון זיך אַליין. עס איז געווען אַ גרויס גליקזעליקייט, וואָס איז אים באַפאַלן. אַ געפיל. איך חזור איבער: רוף. אַשן האָט עמעץ גערופן.

אָ איר ווונדערלעכע וועגן! די יידישע ליטעראַטור — דער וואָרט-אַקצענט פון דער יידישער ראַסע — דער ערשטער פון אירע בוייער איז געווען אַ שבת-יום-טובדיקער ייד. אין טראַגישסטן יאוש האָט ער געטראַכט איר טיפסטן געדאַנק. ווי אַ נביא האָט ער זיך געשטעלט אויפן שייד-פונקט פון אַ שווערן וועג און געוויזן: אַהין גייט, דאָרט איז אייער ציל. די יידישע ליטעראַטור וואָס איז געבוירן געוואָרן פון אַן איבערלעכער קאָנסעקווענץ, אַ מוז, פון אַ שיקזאַל פון אַ ראַסע, וואָלט זי, די יידישע ליטעראַטור, כסדר זיך געלאָזט אויף דעם עקסטרעמען וועג פון אינדיווידואַליזם (אויף וועלכן פרץ האָט זי געמיינט צו פירן) צי וואָלט זי נישט געהאַט דעם סוף פון דעם שבת-ברענגער שלמהן? ער האָט אויסגערופן: קומט מיט מיר שבת-יום-טובדיקע יידן, און האָט נישט געוווסט אַז אויך די „קליינע יידעלעך" קאָנען שיר-השירימדיק טרעטן איבער די חורבות פון דער וועלט. אפשר ווייל שלמה

האָט נישט געגלויבט אין דעם מיסטעריום פון קאָלעקטיוו, און די גאַנצע האָפנונג זײַנע האָט ער געלייגט אויף דעם ווילן פון יחיד, דעריבער האָט ער העכסטנס געקענט דערגרייכן אַ וועלט-בריחה, נישט קיין וועלט-דערלייזונג. ער איז אונטערגעגאַנגען פון אַ רצון אָן אַן אויסגאַנגס-פונקט. די וואָס אַקערן טיפער, גייען פּאַמעלעכער. ווער קאָן הערן די טריט פון קאָלעקטיוו צום שבת? דער קאָלעקטיוו מאַרשירט שווער און לאַנגזאַם איבער די געהיימנישפולע וועגן פון מענטשלעכן שיקזאַל: צום שבת. צום שבת פאַר אַלעמען. צום וועלט-שבת.

מ׳מוז צוגעבן: דער ערשטער רוף צו וועלטלעכן רענעסאַנס אין דער יידישער געזעלשאַפט, האָט געמוזט זײַן דער רוף פון פּערזענלעכן אינדיווידואַליזם. שוין דעריבער, ווייל דער חילוק צווישן דער וועלטלעכער פאַזע און די ביזאהעריקע רעליגיעזע פאָרם פון יידישן שאַפן, איז אין פלוג געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט ממש אויסגעקוקט ווי צווישן די דאָזיקע צוויי פאַזן הערשט אַ סתירה, אַ געוואַלטיקער קעגנזאַץ: זיי זענען זיך פון גרונט אויס סותר. ערשט די גרויסע פּערזענלעכקייט האָט געקאָנט האָבן דעם קלאָרן בליק און זען די גלייכע ליניע פון יידישן וועלט-דאָזיין, וואָס ציט זיך אין דער טיף. נישט די פאָרם, דאָס וועזן דעציידירט. די פאָרמען בייטן זיך לויט די דורות און צייטן, דאָס וועזן איז דאָס אייביקע. דאָרט ווו עס איז פאַראַן דאָסווירקלעך אייביקע, שפּילן נישט די פאָרמען די הויפּט-ראָלע. די פאָרם איז דאָס צייטמעסיקע. די צייט, איז דער „רעלאַטיווער” באַגריף. עס איז געווען זייער ערנסט, דער מאָמענט פון יידישן „שטורם און דראַנג”: נאָך דורות-לאַנגע אינערלעכע זאַמלעניש איז די יידישע קולטור אַרויס פון די שולן. פאַר דער יידישער געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן אַ שעה פון גרויסער אַחריות: „דער יידישער גאַנג אין דער וועלט”. נאָר די פּערזענלעכקייט האָט דאַן געקאָנט האָבן דעם מוט צוריק אויפצוכאַפּן דעם היסטאָרישן פאָדעם און מיט פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט זאָגן: „דאָס איז דער וועג!”. דער קאָלעקטיוו? ער איז געשטאַנען אומאַנטשלאָסן, געבלענדט פון נייעם ליכט. די אויסגע-

לײדיקטע שול איז פֿאַרבליבן אַ חורבה. פֿון דער דאָזיקער חרובער שול, האָט זיך די ייִדישע פּערזענלעכקייט, ווי אַ שטורעם, אַרויסגעריסן אין דער וועלט אַרײַן: רענעסאַנס. שבת זאָל זײַן. שבת פֿאַר דער וועלט. אַ וועלט אָן שבתדיקייט, בעסער זאָל זי אונטערגיין. די פּערזענלעכקייט און דער עקסטרעמער אינדיווידואַליזם, נאָר זיי האָבן געקאָנט צוריקברענגען די ייִדישע געשיכטע צו אירע עכטע צילן. אין דעם תּוהו ובֿוהו פֿון ווערטן־איבערשאַצונג האָט די פּערזענלעכקייט אויסגעפֿונען דעם פֿאַרלוירענעם וועג. ערשט שפּעטער איז געקומען די צײַט צו געבן אַ צייכן דעם הינטערשטעליקן קאָלעקטיוו, אַז ער זאָל זיך רירן, ער זאָל מיטגיין. די וועגן צום ציל, האָט די פּערזענלעכקייט אויסגעזוכט, זיי זענען פֿרײַ, זיי וואַרטן אויף אַלעמען.

דער ייִדישער קאָלעקטיוו האָט געענטפֿערט אויפֿן רוף, אַז ער גייט. דאָס נאַיווע פֿאָלקס־געפֿיל פֿון שלום אַש האָט זיך אָפּגערופֿן ווי אַ ווידער־קול אויף אַ גרויסן ווילן פֿון אַ פּערזענלעכקייט. אַש און פּרץ: דער העלעכסטער צווישן־שפּיל צווישן קאָלעקטיוויזם און אינדיווידואַליזם. די אידעע פֿון דער ייִדישער געשיכטע בינדט זיי צוזאַמען. שלום אַש טרעט אויף ווי אַ קינד, שטיל, באַשיידן. ער שעמט זיך נאָך. אַרום אים, נאָך דער געפּערלעכער צווישן־צײַט, לײַטערן זיך פֿאַמעלעך אויס די פֿאַרכמורעטע ייִדישע הימלען. ערגעץ־ווו דונערן נאָך שלמהס קולות, נאָר איבערן ייִדישן קאָלעקטיוו ווייעט שוין אַ נײַער פֿרי־מאָרגן. אין דער ייִדישער גאַס ווערט ערבֿ־שבת. אַלצדינג גרייט זיך. שלום אַש, אַ גרויסער גורל האָט אים געוועקט פֿון טיפֿן שלאָף, און ער הויבט אָן צו דערציילן פֿון אַן אידיליע, פֿון אַן אינערלעכן שבת אין דער ייִדישערווירקלעכקייט. די „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן“? די „גאָלדענע קייט“? יאָ, נאָר מיט אַ חילוק, בײַ פּרצן איז עס די זעונג פֿון אַ יחיד, בײַ אַשן — די איבערלעבונג פֿון אַ כּלל. אַ כּלל גרייט זיך צו שבת. אין די ערשטע נאָוועלן, איבערהויפּט אין „שטעטל“, שטאַמלט נאָך דערפֿון שלום אַש. די קאָנסטרוקציע פֿון „שטעטל“ איז נאָך צעשווימען, די פּערזאָנען זענען פֿראַגמענטאַריש. זאָגאַר דאָס אָרט פֿון „שטעטל“ איז אַמאָל קוטנאָ, אַמאָל

קוזמיר. ס׳איז נאָך אַ יוגנט־ווערק, נישט קריסטאַליזירט. ס׳איז נישט פֿאַראַן דער קינסטלערישער „פּאַרוואָס“, צו וועלכן אַלע ליניען פֿון דער דערציילונג זאָלן זיך צוזאַמענלויפֿן. אַש האָט אַ „פֿול האַרץ“ ער רעדט פֿון „אַלעם וואָס ער ווייסט נאָר“. אַזוי דערציילן קינדער, נאָכדעם ווי זיי האָבן איבערגעלעבט אַ גרויסע פֿרייד, און זיי ווילן, אַז אַלע זאָלן זיך מיט זיי מיטפֿרייען. די בלעטער איבער וועלכע זיין פֿעדער לויפֿט, זענען אים צו ענג. ווייל, וואָס עס טוט זיך אַלץ נישט אָפּ אין „שטעטל“ במשך דער צייט פֿון דער דערציילונג: אַ שריפֿה, אַ חלי־רע. אַנדערע טויזנט זאַכן. יעדע סצענע געשעט אָן אַ נויטווענדיקייט. אַלצדינג דערציילט שלום אַש, ער האָט מורא טאָמער וועט ער עפּעס דורכלאָזן דערפֿון, מיט וואָס זיין פֿאַנטאַזיע איז פֿול. ווי יעדער אָנפֿאַנגער איז ער נאָך פֿאַרנומען מיט דעטאַליזירן. ער אַנטציקט זיך מיט יעדן דעטאַיל. ער באַזינגט יעדן דעטאַיל. דורך דעם דעטאַליזירן פֿאַרלירט ער דעם איבערבליק איבערן גאַנצן און דאָס שטעטל מאַכט דעם איינדרוק פֿון באַזונדערע אָפּגעריסענע שטיקער מיט זייער אַ לויזן צוזאַמענהאַנג. דאָס „שטעטל“ האָט גרויסע חסרונות. און אפֿשר זענען גראָד די דאָזיקע „אָנפֿאַנגער“־חסרונות — מעלות. זיי מאַכן פֿאַר אונז אַ יעדעס ווערק פֿון אַ באַדייטנדיקן אָנפֿאַנגער אַזוי ליב־אומבאַהאָלפֿן. דאָך אָבער הויבט זיך שוין אַרויס, פֿון אָט אָ דער פֿאַרמלאָזער רויער מאַסע פֿון געפֿילן, תּפֿילות און געזאַנגען, דער גאַנצער גורל פֿון שפּעטערן אַש: פֿון דער גאַנצער פּערזאָן זיינער, וואָס נישט קוקנדיק אויף פֿאַרשידענע נישט געלונגענע אָפּוועגן, וואַקסט זי דאָך אַרויס פֿון אַלע זיינע ווערק קלאָר און קאָנסעקווענט.

דאָס „שטעטל“ הויבט זיך אָן פֿאַר שלום אַשס שאַפֿן ווי אַ פֿייערלעכקייט: דאָס רעליגיעזע כאָר־געזאַנג פֿאַר דעם שפּיל פֿון אַ גרויס געשעען. דערין ווערט גערעדט פֿון אַלצדינג וואָס ס׳וועט שפּעטער פֿאָרקומען. די „שטוב“, די „שותּפֿים“, די אַלע צענדליקער טיפּן אין דעם דאָזיקן קליינעם בּיכל — זיי זענען די ערשטע אָנזאָגן פֿון דער גאַנצער אידעאַליסטישער וועלט, וואָס וועט שפּעטער אויסוואַקסן אין אַשס וועלט־געפֿיל. דאָ איז נישט די געשיכטע

פון אַ הייליקן צדיק, די גאַנצע לופט פון „שטעטל״ איז אָנגעפילט מיט צדקות, פשוטקייט, תמימותדיקייט פון אַ מענטשלעכן קיבוץ. ר׳ יחזקאל גאָמבינערס „שטוב״, זיין שותף, ר׳ יחזקאל גאָמבינער אַליין, די טעכטער, איידעמס, בכלל די גאַנצע אַטמאָספערע פון דער שטעטלדיקער אַלטעגלעכקייט. רוף־אָן די דאָזיקע שבת־אידיליע אַלטעגלעכקייט! עס איז אַ לעבן, וואָס דו ווייסט נישט פון וועלכער ווירקלעכקייט עס ציט די יניקה. דער קאַמף וועגן דאָזיין דעצידירט נישט אין אָט דער גאַנצער עקזיסטענץ, ווייל מ׳לעבט אין דעם דאָזיין ווי די טרוימער. אויף וואָסערע סאָציאַלע שיקזאַלן איז אויפגעבויט דאָס אַשישע „שטעטל״, ווען אָט די אַלע יידן עקזיסטירן נאָר מיט איין גרויסן בטחון אין אַ מעטאַפיזישער אומבאַקאַנטקייט. עס איז נישט קיין ערדישער רעאַליזם פון וועלכן אָט דאָס יידישע לעבן דערוואַרט זיין תקומה, נאָר אַ טיפע רעליגיעזע ראָמאַנטיק. אין יענער רעליגיעזער וועלט לעבן נישט בלויז קיין סעקטאַנטישע אַסקעטן, נאָר אַ גאַנץ פאָלק, אַ גאַנצער קיבוץ, אַ גאַנץ דאָזיין. נישט קיין אַ ב ט ל ו י פ ע ר י ש ע ר י ח י ד האָט זיך אַדורכגעריסן דורך אַלע מחיצות פון דער וועלט און שטייט פנים אל פנים מיטן טראַנסצענדענטאַלן. ניין. שלום אַש יידן, די יידן פון „שטעטל״, אָט די אַלע „לופט־יידן״, זיי „עסן קעסט ביים רבונו של עולם״.

אין שלום אַשס „שטעטל״ זענען מיר ביי דער ערשטער טיר צו אַן אָפגעזונדערטער וועלט פון בטחון. אַ טרוים האָט גובר געווען די ווירקלעכקייט. די הימלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו די מענטשן. אָט פון יענע הימלען דערוואַרטן די מענטשן הילף און חיונה. „מ׳האַנדלט״, „מ׳רעכנט״, „מ׳פאָרט״, „מ׳טוט״, אָבער שלום אַשס יידן האָבן נישט קיין צוטרוי צו זייער אייגן טון, זיי טרויען נאָר דעם מעטאַפיזישן אומבאַקאַנטן: דעם שיקזאַל פון שטעטל. אין דער דאָזיקער אידיליע פון דער פרומסטער אמונה ווי אַ גאַנץ דאָזיין רעזיגנירט פון אייגענעם כח: אַ גאַנץ דאָזיין גלויבט, און דאָס גליק פון אַן אינערלעכן גלויבן באַשטראַלט דאָס דאָזיין, ווי זאָלן זיך, אין אַזאַ געלייטזעליקטן כלל, די מענטשן נישט פילן ווי איין משפחה!

„דיין פאָלק ישראל האָסטו געטרייסט, טאַטע אין הימל! אַלץ איז עפּעס ווי אויסגעלייזט געוואָרן, באַקליידט מיט דערבאַרעמדיקייט, ווי די שכינה וואָלט איר פאָלק ישראל אַרומגענומען, די טרערן פון געזיכט אָפּגעווישט, געטרייסט אים, די פּיאות אים אויף די באַקן געקרייזלט, ווי אַ געטרייע מאַמע געקרייזלט, חנדלעך געמאַכט און מיט ליבשאַפט צו אים געזאָגט: הבֿן יקיר לי אפרים".
די דאָזיקע ווערטער זעט שלום אַש אויפגעשריבן ווי אַן אַריינפיר פאַר די טויערן פון שטעטל. דער וואַנדערער וואָס איז אָנגעקומען האָט זיי איבערגעלייענט, אַ וואַרעמקייט איז אויפגעגאַנגען אין זיין נשמה. דער פרעמדער, דער נע ונדניק האָט אויך אָנגעהויבן צו גלויבן. צו וואָס ספקהנען? אין בטחון איז פאַראַן אַזוי פיל גליק. ברוגעמס מיט גליק. דער פינצטערער שיקזאַל ווערט אַ האַרציקע מאַמע, אַ שרה בת־טובים.

„גלויב, גלויב, גלויב", דערמאָנען מיר זיך אין די הייליקע ווערטער פון דער „גאָלדענער קייט", דאָרט זענען זיי געווען דער רוף, די תביעה. אַ היסטאָרישער גורל האָט געמאָנט.

שלום אַש זאָגט:

— זעט, נישט בלויז אַ שלמה, אָט די אַלע קליינע יידעלעך גלויבן.

און עס וויקלט זיך פאַר אונז אויף אַ וועלט מיט חסד, אַ פרומער גן־עדן, אַן אידיליע. איך האָב שוין אויבן דערמאָנט: אין זיין ערשטן ווערק האָט אַש נאָך נישט באַוויזן זיינע זעונגען אַריינצוברענגען אין אַ זיכערער פאָרם. אַלע זיינע טיפּן הויבן זיך באָר אַרויס ווי סקיצנהאַפטע סילועטן פון דעם דאָזיקן מאָזאַיק פון געזאַנגען. אָ, איר ליבע זומערדיקע פאַרנאַכטן אין שול־געסל! דו לייענסט די דאָזיקע פרומע בלעטער ווי אין אַ חומש. די פעלדער אַרום שטעטל. דער טייך וואָס רינט אַרויס פון משה רבינוס שטיין. דאָס בית־המדרש. די שול. דאָס הייזל ביי דער ווייסל. די יידישע הייזלעך. עס שטייט דאָס אַלצדינג אויסגעשטעלט ווי אַ דעקאָראַציע פאַר שלום אַשס אידיליען־שפּיל. אין דער דאָזיקער דעקאָראַציע וויקלט זיך אָפּ דער אומבאַקאַנטער עפּאָס וואָס הייסט יידישע ווירקלעכקייט. ער וויקלט זיך אָפּ, נישט ווי קיין טראַגעדיע

נאָר ווי אַ שעפּער־שפּיל. די מענטשן, ווי זיי אַלע וואָלטן געווען באַמלבושט אין זייד און אין סאַמעט, גייען דאָרט אַרום ווי אין אַ מעשהלע. נאָר אַן אילוזיע פון אַ ווירקלעכקייט: אַ לעבן ווי אַ טעאַטער־בינע. די פאַרשוינען באַוועגן זיך דאָרט לויט די חלומות פון אַ דיכטער. די פרויען זענען צניעותדיק ווי איידעלע בת־מלכּהס. די ליבע איז אַזוי ווי די ליבע פון די אמהות אין טייטש חומש: „לאהלע שטריקט אַ חלה־טישטוכל פאַר איר חתן און דאָס ווינטל הערט דעם סוד אין לאהלעס האַרץ און דערציילט עס פאַרן שבת־ליכטל". אין די פּוילישע קרעטשמעס זענען זיך יידן מפלפל וועגן די תנאים אביי און רבא. דער רבונו של עולם איז מיט די יידן אַ גאַנצער רב שמעלקע. די פענצטער פון אָרעמען בית־המדרשל עפענען זיך אויף קיין ארץ־ישראל. עס איז תמיד חול־המועד. די הערצער פון די מענטשן ציטערן פון פרייד און בטחון. צו דעם דאָזיקן פּשוטן תמימותדיקן קיבוץ, וואָס לעבט ווי נאַיווע קינדער ביי די גרענעצן פון אַ „מלכות־שמים", קומט אָן ווי אַ שאָטן אַ הויכער דאַרער ייד, אַן ארץ־ישראל־ייד, אין אַ ווייסן אַטלאַסענעם כאַלאַט, מיט לאַנגע שוואַרצע פּיאות און אַ בלייך יום־כּפּורדיק פּנים. „אַ ייד פון יענע יידן, וואָס מיר גלייבן, אַז זיי זענען ערגעץ־ווּ דאָ, נאָר מיר ווייסן נישט ווו". „אַלטע בעלי־בתּים פון די חברה תּהילים, משה רבּינוס לייב־גוואַרדיע און דוד המלכס גוטע פריינט האָרכן אים אויס ווי ער דערציילט. אין די קנייטשן פון זיין קאַפּאָטע האַלט זיך ארץ־ישראל־שטויב אויף, דער שטויב, וואָס ווייעט איבער די הייליקע קברים, איבער די מאַמע רחלס קבר"...

אַזוי ציען זיך בלאַט אויף בלאַט איידעלע יידישע געזאַנגען. פול יידישער שטאָלץ. פול יידישע מענטשלעכקייט. דאָס געזאַנג פון דער כּנסת־ישראל. דער פּשוטער ייד. דער שיר־השירים פון קאָלעקטיוו. איר קאָנט פון דאָרט נאָך נישט בולט אַרויסדערקענען וואָס אַש וויל און וועמען ער מיינט. ס'איז ערשט דער אָנפאַנג. דאָס כאָר־געזאַנג, דאָך זעט מען שוין די טענדענצן, ווו אַהין עס פירט דער וועג, אַרום די גרויסע איינזאַמקייט ווו ס'שטייט שלמה און רופט: שבת, — וועקן זיך די „עצמות היבשות". די „קליינע

יידעלעך". פּרץ האָט אויף זיי נישט געהאָפּט. „צי קענען טויטע העלן?" דאָס וואונדער איז נישט געשען דורך דעם ווילן פונם בדחן. דאָס נייע לעבן, דער גרויסער חלום איז דורך דעם בדחן נישט מקוים געוואָרן. דער בדחן איז אַוועק. קהלת. שפּעטער איז אַ פּראָסטער ייד פאַרבייגעגאַנגען יענעם „בית-הקברות". דער פּראָסטער ייד האָט נישט מער געהאַט ווי ליבע און בטחון — און דאָס וואונדער איז געשען.

זאָגאַר אין דעם דאָזיקן בין-השמשות פון אַ ניי יידיש וועלט־געפיל הערן מיר שוין ווי שלום אַש פּרוּווט זיך אַקעגנשטעלן פּרצן. אין שטעטל טרעפן זיך די „צוויי בערג": דער חסידישער רבי — אַ פולשטענדיקע פאַראַפראַזע (נישט אין דער זעלביקער טיפקייט) פון פּרצס אַ צדיק — און ר' דודל דער רב, אַ שניידערס אַ זון, אַ קינד פון פּראָסטן פאָלק. דער חסידישער רבי קומט אין שטעטל אַריין ווי פּרצס אַ שלמה, דער „הימל-מענטש" וואָס איגנאָרירט דעם „קליינעם" עולם און דעם שניידערישן זון וואָס איז צווישן זיי עולה לגדולה געוואָרן. אַש, נאָך יונג, אומאַנטשלאָסן, אונטער פּרצס איינפלוס, מאַכט ער אַלעמאָל אין זיינע שילדערונגען אַ ריק-צוג. ער ווערט בטל אונטער פּרצס אויטאָריטעט, ער זאָגט נישט קלאָר אַרויסצורוקן ר' דודלען דעם שניידערשן זון אין דער וואָג-שאָל אַקעגן דעם חסידישן רבין. דאָך אָבער ווען אַש באַפרייט זיך נאָר אַביסל פון פּרצס השפעה, קען מען שוין גענוג דייטלעך דערקענען, אַז די קליינע יידעלעך האָבן נאָך נישט אַלצדינג געזאָגט, און אַז ווען די „צוויי בערג" וועלן זיך נאָך אַמאָל צוזאַמענטרעפן, ווער ווייסט וועמעס וואָרט עס וועט דאַן קלינגען טיפער.

פינפט קאַפּיטל

צווישן „שטעטל“ און „שלמה-נגיד“ ליגט די גאַנצע עפּאָכע פון יינגן אַש. אין „שלמה-נגיד“ איז זי געקומען צום אָפּשלוס.

שלום אַש איז ערגעץ-ווו צוגעקומען. ער פילט זיך אין פולער רייפקייט. ער פילט זיין סטיל. נאָך א לאַנג בלאָנדזשעניש האָט ער פריי אויפגעאָטעמט. אין קאָנטראַסט צום „שטעטל“ איז „שלמה נגיד“ רייף ווי אַ צייטיק אויסגעשטאַנענע פרי. „שלמה נגיד“ איז אפשר דאָס רייפסטע ווערק פון שלום אַש.

צום כוף פון זיין יוגנט-פעריאָד פרווט אַש אין לעבעדיקע און שטאַרקע פאַרבן איבערצוחזרן דעם סך-הכל פון א גאַנצן ש׳פן. אין „שלמה-נגיד“ רעקאַפּיטולירט אַש כמעט אַלע זיינע פריערדיקע זאַכן, איבערהויפּט דאָס „שטעטל“. מיר זעענען נאָך אַמאָל אין „שטעטל“ אַשס. די לאַנדשאַפטן, די מענטשן, דאָס מיליעי, זיי זעענען אונז היימיש. מיר קאָנען זיי. אונזערע אַלטע באַקאַנטע. נישט בלויז די מענטשן און די אומגעבונג זייערע, אפילו די געשעענישן און די סצענעס ווערן ווידערהאָלט. כמעט אַלע סצענעס פון „שטעטל“ און פון די נאָוועלן. עס איז ווונדערלעך די רוּיקייט, מיט וועלכע שלום אַש קערט צוריק צו זיין מיליעי. ער איז שוין נישט מער דער אומבאַהאָלפענער אָנפאַנגער מיט א פול האַרץ, וואָס שטאַמלט. ער קומט אין שטעטל אַריין אַלס שריפטשטעלער פאַר עקסעלאַנס, צייטנווייז זאָגאַר אַלס מייסטער. הגב מיט געפיל אינערלעך די נאַטור וואָס ווערט פון דרויסן באַפאַלן, דער עקסטאַטישער צושויער, קאָן אַש פונדעסטוועגן זיך אָפּרוקן פון זיך אַליין, אין א געוויסער מאָס זיך האַלטן אָביעקטיוו. ער

באהערשט זיינע געפילן. מיר זעען דאָ דעם קלאָרן חשבון צווישן אשׂ מיט פּרצן.

אין די רייפע איבערגעהזרטע בילדער פון „שטעטל“, צייכענען זיך אַרויס אין זייער גאַנצער גרויסקייט צוויי הויפּט־פיגורן: ר' שלמה נגיד און דער גאָסטיניגער רבי.

דאָס „שטעטל“ איז פּרי־מאָרגן ציטער. יוגנטלעכע פאַרנעבלטקייט. „דער ניגון פון שטעטל האָט זיך געהערט ערגעץ הינטער דעם וואַנדערער אין נעבל“. אין „שלמה נגיד“ פאַרשווונדן פון אשס שאַפן אַלע נישט קלאָרקייטן. די אידעע פון יידישן קאָלעקטיוויזם פערזאָנעפיצירט זיך, זי נעמט אויף זיך פלייש און ביינער. אַקעגן די פּאַטריאַרכאַלע פיגור פון אינדיווידואַליזם — אַ קעגן שלמהן פון דער „גאָלדענער קייט“ — וואַקסט אויס אין דער דאָזיקער פּאָעמע פון יידישן לעבן אַן אַנדערע פּאַטריאַרכאַלע פיגור — ר' שלמה נגיד.

שוין אויף די ערשטע בלעטער פון דער פּאָעמע טרעט ר' שלמה נגיד אויף אין דעם ברייטסטן פאַרנעם. זיין מלכותדיקער אַריינפאָר אין שטעטל אַריין אויף שבת, גיט געווג בולט אָפּ, נישט בלויז די הערלעכקייט פון דעם דאָזיקן כאַראַקטער, נאָר אויך אַ שטאַרקע ליניע אין דעם קינסטלערישן פילן פון שלום אַש. פון דעם „שטעטלדיקן“ כאָאָס צייכנט זיך אַרויס די פעסטע ליניע. אַש קומט אַריין אין שלמה נגידס שטעטל לגמרי אַן אַנדערער ווי ער האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל פון ר' יחזקאל גאָמבינער. אין דער באַציונג צו זיינע העלדן האָט ער מער מוט, מער זיכערקייט, מער זעלבסט־באַוווסטזיין, מער זעלבסט־ווירדע. פאַר פּרצס שלמה וואָלט ר' יחזקאל גאָמבינער פאַרקראָכן אין אַ לאָך. וואָס וואָלט דער דאָזיקער פּראָסטער ייד געהאַט אַקעגנצושטעלן? ר' שלמה נגיד ווייזט שוין אויף די אַלע אייגנשאַפטן און די טיפע גייסטיקייט ווי אַזוי אַ ייד באַנעמט די וועלט. אין זיין גאַנצער עקזיסטענץ איז ר' שלמה נגיד נישט קיין נידריקערע מדריגה פון פּרצס אַ צדיק. אַן אַנדער געפיל לייכט אויף אין דעם יידישן עקזיסטענץ־באַוווסטזיין, נעבן דעם באַהאַלטענעם, סכנה־פולן סטעזשקעלע וואָס פירט צום איבער־ייד — און וואָס נאָר איינער, אַ דערליי־

טערטער גייט דערויף — האָט זיך אַנטפּלעקט נאָך אַ גרויסער ברייטער טראַקט ווו אַלע מענטשן קאָנען אַהין דערגרייכן צו יענעם גרויסן ציל. אַלע קאָנט איר געהייליקט ווערן דורך גלויבן און בטחון, זעט אָט איז אַ שלמה נגיד. „ווער איז דאָס וואָס פּאָרט פאַרביי? פאַר וועמען בויגן זיך עס דיביימער אין וואַלד, די זאַנגען אין פעלד? עס איז דער סוחר ר׳ שלמה נגיד וואָס פּאָרט אויף שבת אַהיים, פאַר אים שרעקן זיך עס די ביימער אין וואַלד און די זאַנגען אין פעלד. אָפּגעקויפט האָט ער זיי, די שטר־מכירות אין זיין בוזעם־טאַש. פאַר אים וואַקסט דער וואַלד, רייפט די זאַנג. ער ווייסט זיי וואַקסן לאָזן ווי לאַנג ער וועט וועלן, שניידן לאָזן ווען ער וועט וועלן.

נאָר אומזיסט שרעקן זיך פעלד און וואַלד פאַר ר׳ שלמהן. נישט האַנדלען פאָרט איצט אַ ייד, נישט שניידן לאָזן די רייפע זאַנגען, נישט האַקן דעם אויסגעוואַקסענעם וואַלד. עס איז פרייטיק. און כאָטש הויך שטייט נאָך די זון אין הימל פאַר דער מיטאָג־שעה, נאָר אויסגעטון איז שוין דער ייד פון געשעפטן. אַ צוואה פון טאַטן דעם זון — פרייטיק קיין געשעפטן נישט צו מאַכן. פאָרט ער איצט פון אַ גאַנצע וואָך האַנדלען און וואַנדלען אויף שבת אַהיים. אָנגעשטאָפּט איז דער בוזעם־בייטל. אַ האַלבע מדינה פעלדער און וועלדער, האָלץ אויפן וואַסער, וואָל אויף די שעפסן אָפּגעקויפט. און מיט אַ האַרץ פול בטחון אויפן רבונו של עולם האָט ער געענדיקט זיינע וואָכעדיקע עסקים און איז אינגאַנצן שוין אָפּגעגעבן דעם שבת“.

אַזוי לאָזט אַש אויפטרעטן זיין שלמה נגיד. דער פּשוטער געזונטער ייד, דער פּאַטריאַרך פון דער יידישער ווירקלעכקייט. ער וואַקסט אַרויס פון פּרצס „קליינע יידעלעך“ וואָס קאָנען נישט מער טון ווי אַ מצוהלע אָדער אַן עבירהלע, ווי אַ דערשיינונג. אַ גרויסער ייד! פּרצס שלמה וואָלט אַנטשוויגן געוואָרן ווען ער וואָלט דערזען ר׳ שלמה נגיד. אַקעגן דעם עקסטאַטישן אַסקעט, אַקעגן דעם טיפן אינטעלעקטועלן געדאַנק, שטייט אויף אַ היילי־קער בטחון, ליבע. דער גלויבן וואָס שטייגערט צום העכסטן וועלט־געפיל. ווער קאָן דען וויסן ווו עס שיינט אויף די זון פאַרן אי־

בער־מענטש, אין דערקענען צי אין גלויבן? פרצס שלמה וויל דערגרייכן — ער פאַרשווינט אין זיין אייגענעם תהום — אַשס שלמה גלויבט — איבער די מענטשן פאָכערט די ברכה ווי אַ לייטזעליקייט. אין אַשס נאַיווער ליבע צום יידישן כלל אַנטפּלעקט זיך די גרויסקייט פון ר׳ שלמה נגיד. „קיין למדן איז ר׳ שלמה קיינמאָל נישט געווען, נאָך יינגערהייט זיך גענומען צום האַנדל, און אַז ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער מענטש האָט ער זיך אָנגע־הויבן צו חברן מיט בעלי־בתים, מיט די פישערס און קצבים, מיט פּראָסטע יידן. געפאָרן איז ר׳ שלמה צום גאָסטינינער, און דער גאָסטינינער איז געווען אַן אוהב ישראל און האָט דוקא ליב גע־האַט זיך צו חברן מיט פּשוטע יידן. און געהאָלפן האָט דער רבי מיט תּ״ז זאָגן. איז אַ ייד געקומען צוגיין צו אים און אים דערציילט זיינע צרות, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיט דעם יידן תהילים זאָגן. ער אַ פּסוק, דער ייד אַ פּסוק. און מען האָט געזען בחוש ווי דער ייד ווערט געהאָלפן, ווי די ישועה קומט״

אַזוי זעען מיר אין „שלמה־נגיד״, אַ חוץ אַן אינערלעכע דערהויבונג פון שאַפן (פון אַ ר׳ יחזקאל גאָמבינער ווערט אַ שלמה נגיד, אין פון דעם רב ר׳ דודלען אַ גאָסטינינער רבי), אויך אַ דרייסטן קעגנזאַץ צו פּרצס אינדיווידואַליזם. דאָס געפיל פון יידישן קאָלעקטיוויזם — ביז אַהער פאַרדעקט פונם שאָטן פון פּערזענלעכקייט — הייבט אָן אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם איגנאָרירנ־דיקן ב טול מיט וועלכן די אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט האָט עס מבטל געווען. דער יידישער קאָלעקטיוו הייבט אָן אַרויסצו־ווייזן זיינע פאַרבאַהאַלטענע כּוחות. די דאָזיקע כּוחות פון יידישן קאָל קטיוו זענען פון אַזאַ פאַרנעם, זיי דרינגען אַרויס פון אַזעל־כע טיפקייטן פון מענטשלעכן געמיט — אַז צוקוקנדיק זיך, צו אָט אָ דעם גייסטיקן וועט־לויף צווישן קאָלעקטיוויזם און אינדי־ווידואַליזם, קאָן פ נדעסטוועגן קיינער נישט פאָרויסזאָגן ווער וועט דאָ פריער קומען צום ציל. אַ יעדע איינציקע אייגנשאַפט וואָס ביי פּרצן כאַראַקטעריזירט זי די עליה פון פּערזענלעכקייט — די דאָזיקע אייגנשאַפט איז אויך נאָכצוווייזן אין כאַראַקטער פון קאָ־לעקטיוו. אין פּרצס „אויב נישט העכער״, צ. ב. אַנשטאָט אין מיטן

דער נאַכט צו גיין אין הימל אַריין, גייט דאָרט אַ חסידישער רבי האַקן האָלץ ביי אַן אָרימער קראַנקער. דער דאָזיקער מאָטיוו פאַראַפראַזירט זיך אין „שלמה-נגיד". „ערב שבת גייט ר' שלמה נגיד אויפזוכן באַהאַלטענע נצרכים. אָנגעפילט די קעשענעס מיט קליינ-געלט, גייט ר' שלמה נגיד אין געסל אַרויס. אין געסל רעדט ער מיט קיינעם נישט. ער שטעלט זיך אין ערגעץ נישט אָפּ, כדי אַ נצרך זאָל זיך נישט שעמען צו אים צוצוגיין, און ער בעט אין האַרצן דעם רבונו של עולם ער זאָל אים צושיקן יידן נצרכים וואָס דאַרפן אויף שבת. ר' שלמה גייט אין אייניקע שטיבער אַריין צו קראַנקע יידן. קיינער ווייסט נישט פון זייער נויט, נאָר ער אַליין — דאָס איז ביי אים „צדקה-בסתר".

„אויסגעליידיקט די קעשענעס, קערט זיך ר' שלמה אום אַהיים מיט אַ האַרץ פול נחת און דאַנקט דעם רבונו של עולם וואָס ער האָט אים אויסגעקליבן פאַר זיין קאַסיר. וואָרום דאָס גאַנצע פאַרמעגן זיינס האַלט ר' שלמה איז אים פון גאָט איבער-געגעבן נאָר כדי ער זאָל דערמיט גוטס טון. ער איז גאָט נאמן — זאָגט ער זיך". אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור איז אין ערגעץ-נישט אַזוי אוממיטלבאַר, מיט אַזוי פיל פשטות, מיט דעם עלעמענטאַרסטן געפיל איבערגעגעבן דער מאָטיוו פון די ל"ו צדיקים, ווי אין דעם דאָזיקן ווערק פון שלום אַש. דער מאָטיוו פון די ל"ו צדיקים איז דער אייבציקער ליכטיקער שטראַל וואָס ווערט אין דער זייער יחידישער יידישער מיסטיק איבערגעלאָזט פאַרן קאָלעקטיוו. ביי די פראַגע אין וועמענס זכות שטייט דאָך די וועלט (דער אַזוי גערופענער „גרונד דער דינגע"), מוז דער אינטעלעקטועלער תלמיד-חכם, דער בעל-מקובל און דער נעדאַנ-קען-מענטש מודה זיין, אַז דאָס טירל צום לעצטן געהיימניש איז פאַר אים פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער. צו זיין גרויס פאַרוווּנ-דערונג טרעפט ער גראָד ביי יענעם טירל זיצן די ל"ו צדיקים: פּראָסטע יידן, וואַסער-טרעגער, האָלץ-העקער. זיי זענען די היי-ליקע פאָלקס-מענטשן וואָס גלויבן און האָפן. נאָר זייער אמונה (מענטשלעכער גלויבן, דו טיפסטעס מיסטעריום!) נערט זיך פון די קוואַלן פון וועלכע עס שטייט-אויף די וועלט. אויך שלום אַשס

קונסט, זיין בטחון און ליבע צום יידישן קאָלעקטיוו, וויל זיך דערנענטערן צום טיפסטן „פאַרוואָס" פון יידישן וועלט-דאָזיין. דער גרויסער תמימותדיקער בטחון אין דעם מעטאַפיזישן שיקזאַל פון דער יידישער געשיכטע — יענער בטחון פון דעם אורשפרינגלעך מענטשלעכן געמיט — פאַרוואַנדלט זיך אין ליבע. דורך ליבע צו דערלייזונג. דעריבער פילט זיך טאַקע אין שלום אַשס יידן ווי דאָס גרויסע רעטעניש ווערט געלעזט. קינדער האָבן אין זייער גליקזעליקייט געפינען דעם אוצר, וועלכן ערנסטע דערוואָקסענע האָבן אומזיסט געזוכט. די לעגענדע פון פאַרסיפאַל. דעם טיפהאַרציקן גלויבן פון מענטשלעכסטן געמיט עפענען זיך די הימלען און מיר זעען דאָס פאַרבאָרגנסטע ליכט, דעם אור הגנוז. די ווערטן פון דער עקזיסטענץ. אין די שטיבער און אין די שבתים פון שלום אַשס יידן רוט די שכינה. עס איז שטילער פרידן. בטחון. אינערלעכסטע דערגרייכונג. אין דער דאָזיקער יידישערווירקלעכקייט איז דער רבונו של עולם אַ תושב. ער האַנדלט מיט יידן בשותפות. אויף די מערק דרייט זיך אַרום צווישן יידן דעם רבונו של עולמס אליהו הנביא. און אין שבת זיצט דער רבונו של עולם אַליין אין קיך צווישן די אורחים. ר' שלמה נגיד אַהיימקומענדיק פרייטיק צו באַכטס צו זיין שיין־געדעקטן טיש און זעט די אורחים זיצן אין קיך, דערמאָנט ער זיך אין די ווערטער פון גאָסטינינער רבי אַז אַן אורח איז געגליכן צום רבונו של עולם און „ווער איז ער דען וואָס ער זיצט ביי זיין שיינעם טיש און דעם רבונו של עולם לאָזט ער אין דער קיך?". וויפיל אָפּטימיזם, וויפיל גליק און שלוה מוז מען האָבן, כדי אַזוי צו קוקן אויף דער וועלט! אָ, מיר אַלע, די גריבלער, די גאָט־זוכער, וויפיל מאָל ווילט זיך אונז פאַרמאַכן די אויגן ווען מיר פאַרנעמען דעם דאָזיקן אַשישן בטחון. דערציייל אונז באָר פון דיין הייליק גליק, דו פשוטער ייד, אַ וואַרעמקייט ווערט אין אונזערע הערצער ווען מיר הערן דיך, און מיר גלויבן...

אין „שטעטל" שטייגערט ביי אַשן די יידישע ווירקלעכקייט צו געזאַנגען. אין „שלמה-נגיד" דערהויבט ער זיך צום לירישן פּאַטאָס. די דריי גרויסע אין דער יידישער ליטעראַטור,

שלום-עליכם, פרץ און אַש, זיי פאַרקערפּערן צוגלייך די דריי הויפּט-יסודות אויף וועלכע די יידישע ליטעראַטור איז אויפגע-בויט — די יסודות פון דער יידישער געשיכטע בכלל: פּרץ — דעם יידישן געדאַנק, שלום-עליכם — דעם כאַראַקטער און דעם וועלט-היסטאָרישן עלעמענט פון יידן,*) און שלום אַש — דעם יידישן פּאַטאָס. שלום אַש איז אייגנטלעך מער ליריקער ווי עפּי-קער. ער איז דער געמיטס-מענטש. די געשעענישן ווערן שטענדיק אונטעריאָכט פון זיין אייגענעם הלך-נפש. פון דאַנען נעמט זיך אַשס שטאַרקע ליבע צום ספר תהילים. ער מאַכט פון דער יידי-שער ווירקלעכקייט אַ תהילימל. דער תהילים איז דורך דעם פאָלקס-באַוווסטזיין דערהויבן געוואָרן צום בוך פון יידישן געמיט. אויך ביי אַשן איז דאָס יידישע לעבן אַ געמיטס-ווירקלעכקייט. דער לויף פון די יידישע ווירקלעכקייטן, ווען זיי דערגרייכן צום טראַגישן, איז עס שטענדיק ביי אַשן דאָס אינערלעכע געמיט וואָס גיט דעם אויסוועג, די טרייסט, דעם כּוח אויף ווייטער. „יידן האָבן געהאַט אַ דוד המלך, איז נישטאָ קיין איין צרה וואָס דוד המלך האָט נישט פריער איינגעזען אַז עס וועט אויף זיין פאָלק קומען און דערויף אַ קאַפּיטל תהילים פאַרפאַסט. וואָס דו ווילסט בעטן צו גאָט, וואָס דיין האַרץ באַגערט — געפינסטו שוין אין תהילים. דערפאַר איז דער גאָסטינינער רבי אַזאַ גרויסער אָנהענגער פון דוד המלכס תהילים. דער רבי און די עדה יידן דערציילן דעם רבונו של עולם וואָס פאַר אַ צרות עס שטייט פאַר. און עס דוכט זיך דער רבונו של עולם זיצט דאָ און הערט אויס אַלץ וואָס יידן דערציילן". נאָר דורך די עלעמענטן פון מענטשלעכן געמיט קומט אַש צו די טיפסטע געהיימנישן פון דעם יידישן דאָזיין. דאָרט איז אויך פאַראַן אַלדאָס פּאָזיטיווע, דאָס וואָס איז אַ ווערט: פון דאָרט שעפּט ער אויך זיין איבער-מענטשלעכן בטחון. בטחון — דאָס איז פּרוכטבאַרע רעזיגנאַציע: דער שפּרונג אין אָפּגרונט, נישט אונטערצוגיין, נאָר געבוירן צו ווערן. בטחון איז פאַר אַשן אַ גרויסער מעטאַפיזישער כּח, דאָס ראַדיקאַלסטע

*) זע י. י. טרונק: „די וועלט אַ חלום", טרוימער.

וועלט־געפיל, אַן אור־יסוד. נאָר אַ מענטש וואָס האָט אַזויפיל בטחון ווי אַש, קאָן קומען צו אַזאַ סטאָאיציזם. אין דער סטאָאישער זעלן־שטימונג, דוקא דאָרט איז פאַראַן יענער פונקט, ווו עס טרעפן זיך צוזאַמען, דער וואָס גלויבט שוין גאָרנישט, און דער וואָס גלויבט אַלץ. אַ סטאָאַ, אונטער דיר, שאָטנדיקער בוים, געפינען מנוחה דער גאָט־לאָזער און דער מאַמין. אויך שלום אַש רוט זיך אָפּ אונטער יענעם קילן שאָטן. שיקזאַל? אין די תהומות פון שיקזאַל איז דאָ שטילקייט. דאָס האַרץ פון שלום אַש איז פול מיט אָט אָ דער שטילקייט, די שטילקייט וואָס אין די טיפע ימים. דעריבער ווערט אונז אַזוי גוט און לייכט אויף דער נשמה ווען מיר לייענען אים. מיר ווערן רויקער אין זיין נאָענטקייט: אין דער נאָענטקייט פון אַ מענטשן וואָס גלויבט און ליבט, און פון גרויס ליבשאַפט איז ער מוחל דעם פאַרשטויסענעם און דעם זינדיקן. „אַזוי זענען מיר מענטשן" — טראַכט זיך ר' שלמה נגיד ווען מען רודפט אין שטעטל אַ בעל־עבירה — „דער מענטש איז זינדיק, און אַ גאָט איז דאָ אַז ער זאָל מוחל זיין אונזערע זינד. און גאָט איז מוחל! וואָרום ווי וואָלט דען דער מענטש געקאָנט לעבן, אַז גאָט וואָלט נישט געווען קיין אל רחום וחנון?" און דער גאָסטינינער רבי האָט אַמאָל געזאָגט צו ר' שלמה נגיד: „אַז אַ ייד אָן אַן עבירה איז גאָר נישטאָ. אַ ייד מוז האָבן עפּעס אויף דער נשמה כדי ער זאָל קאָנען זיין אַן אמתער ייד. אַ ייד דאַרף אַלץ פילן אויף זיך, אי רעגן, אי ווינט, ווי דער בוים אויפן גאַס. אַ גרויסער צדיק און אַ גרויסער ייד איז דער גאָסטינינער רבי". אַזוי האָט פאַרסיפאַל מוחל געווען. אַזוי האָבן מוחל געווען די גלילער פישער.

אַ יעדע עקזיסטענץ, לויט ווי די טראַגעדיע פאַסט זי אויף, איז עס דער מאָטיוו פון שולדיקייט וועלכער גיט איר דעם טראַגישן אַקצענט. דאָס דאָזיקע שולדיקייט ווערט געטיליגט דורך דעם אונטערגאַנג פון דער שולדיקער עקזיסטענץ, אָדער דורך גרויס מיט־ליידן: מוחל זיין. ליבע. אויך אין דעם טראַגישן וועלט־דאָזיין פון יידן האָט שוין פרץ געוואָלט אויסגעפונען יענעם מאָטיוו פון שולדיקייט. ווו טראַגעדיע, דאָרט שולדיקייט.

אין „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" פּרוּבט פּרץ דעם שולדיקײטס־מאָמענט אַרײַנצופֿירן אין די פּערזאָן פֿון „עמיצער", אין „פּאָליש אויף דער קייט" — דער זינדיקער. פּרץ טוט עס אַלס פֿילאָזאָף, דער אינטעלעקטועלער. שפּעטער, ווען די טראַגעדיע שטײַגערט, און עס טויכט פֿאַר אים אויף די פֿראַגע: צי ליגט נישט די לעצטע לעזונג פֿון אָט דעם טראַגישן שפּיל, פֿון אָט דער ייִדישער שולדיקייט, אין אונטערגיין? האָט פּרץ מורא צו ענטפֿערן: יאָ. פּרץ וויל קיינמאָל נישט צו גיין צו דער לעצטער קאָנסעקווענץ פֿון זײַנע אויספֿירונגען. דעריבער פֿירט זיך אין דער „גאָלדענער קייט" דאָס שפּיל ווײַטער, הגם עס ווערט נישט שבת און דער באַזיגטער שלמה פֿאַרשווינדט. (וואָס איז דען פֿאַר פּרצן, ייִדישקייט אָן שלמה?) אַלצדינג איז פֿאַרלוירן — און אויף דער בינע וועגעטירט עס כּסדר. די „גאָלדענע קייט" איז אַ קלײנער און שוואַכער צוזאַמענהאַנג: פּרץ האָט נישט דעם מוט זי איבערצורײַסן. אין „בײַנאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" פּטרט ער אָפּ דאָס טראַגישע שולדיקייט מיט אַ קהלת־שטימונג. ער שיקט דאָס נישט געלעזטע רעטעניש צוריק אין הימל אַרײַן צום רבונו של עולם. דער פּרצישער מענטש קאָן אויף דעם געשטעלטן רעטעניש נישט געבן קיין תשובה. ער איז דער מוטלאָזער מענטש: פֿון לעבן פֿאַרלאַנגט ער אַזוי פֿיל, צו שטאַרבן איז ער אַזוי שוואַך. דאָס דאָזיקע געפֿיל גייט דורך ווי אַ רויטער פֿאָדים אין אַלע אינדיווידואַליסטישע דראַמען פֿון י. ל. פּרץ. ווען עס קומט דערצו, דאָס ייִדישע שולדיקייט צו טיליגן מיט אונטערגאַנג, פֿאַרהילט זיך פּרץ דאָס פּנים פֿאַרן טויט, ווי דער שטאַרבנדיקער צעזאַר.

אַזוי ווײַט די דראַמע, ווי עס איז זי משיג דער אינדיווידואַליזם. (אויך די גריכישע שיקזאַל־דראַמע, איז די דראַמע פֿון אינדיווידואַליזם. שיקזאַל — דאָס איז די קאָסמישע איראָניע פֿאַרן אינדיווידועלן העלד.)

בײַ אַשן פֿירט אָבער דאָס געפֿיל פֿון מענטשלעכער אונמעכטיקייט צו אַן איבערלעכער גבורה. אויך פֿון ייִדישער אונמעכטיקייט. אַ ייִד אָן אַן עבֿירה איז גאָר נישטאָ, אַ ייִד מוז האָבן

עפּעס אויף דער נשמה כדי ער זאָל קאָנען זיין אַן אמתער ייד״, ציטיר איך נאָך אַ מאָל די ווערטער פון גאָסטינינער רבי. אין די דאָזיקע ווערטער ליגט אפשר דער שליסל, ווי אַזוי אַש גייט צו צום פּראָבלעם פון דער יידישער טראַגיק. אַזוי ווערט באַטראַכט די געשיכטע—אויף אַזויפיל, וויפיל געשיכטע איז דאָס ווערק פון קאָ־לעקטיוו — אין ליכט פון שולד־פּראָבלעם: די טראַגיק פון מענטשלעכן דאָזיין. אַ קעגן דעם שולדיקייט פון דער וועלט, איז דאָ אַ גרויסע קעגן־קראַפט: ליבע. „דאָרט ווו ס׳איז דאָ אמונה איז דאָ גאולה״, זאָגט דער גאָסטינינער רבי. ווען די אינטעלעק־טועלע פּערזענלעכקייט בלייבט שטיין פאַרן שיקזאַל, ווי פאַר אַ מויער, און די פּערזענלעכקייט קאָן אויך אין אירע העכסטע דער־גרייכונגען נישט אויסלייזן די וועלט פון איר חטא — צווישן יענע געפערלעכע תהומות האָט דער קלענערער ברודער — דער בעל־אמונה — אויסגעפינען די בריק, וואָס פירט אים אין דער זייט פון שיקזאַל, ווייטער. בטחון און ליבע הייסט די בריק. דער וואָס ליבט און דער וואָס גלויבט דערלאַנגט אַהין צו די טיפקייטן, ווו מען דערפילט דאָרט, אַז די טראַגישע וועלט־שולד איז בלויז אַ מחיצה צו דער גרויסער געטלעכער וואָרהייט. די שולד פון דער וועלט איז נישט קיין וועזנטלעכער עלעמענט פון דער וועלט. דאָס האָבן די אינדישע רעליגיעס דערקענט. דעריבער איז דעם גלויבערס האַרץ פול מיט אהבה און ער קאָן אַזוי טיף מוחל זיין דעם חטא פון דער וועלט און דעם חטא פון דעם מענטש. שלום אַשס אַ ייד, דער גרויסער בעל־בטחון, וועט זיין געניג שטאַרק אין דעם מאָמענט ווען מ׳דאַרף נישט צו מאַכן קיין הבדלה, כדי איינצוהאַלטן דעם שבת.

און מיר זעען טאַקע ווי ווייט דאָס בוך „ר׳ שלמה נגיד״ איז שבתדיק. עס איז דאָס בוך פון מנוחה. דאָס ייד־זיין איז שוין מער נישט קיין טראַגעדיע. „קוים רוקט דער שבת צו, גייט אַוועק דער יידישער טרויער מיט די יידישע צרות״. אַז דער רבי (דער גאָסטינינער) האָט דעם כוס גענומען אין האַנט אַריין און קידוש געמאַכט, איז די קדושה אַראָפּגעקומען איבער דער וועלט. האָט זיך אַלץ באַרויקט, און אַלץ האָט זיך געהייליקט. און יידן האָבן

זיך ווידער דערמאָנט ווער זיי זענען, ווער עס איז זייער באָס, און אַ רויִקייט איז געקומען איבער זיי אין דער גרויסער שבתדיקער הייליקייט״... מיר געפֿינען זיך מיט אַש אויף אַן אָרט, ווו מיר האָבן דעם שיקזאַל נישט איבער אונז, נאָר אין אונז. די יידישע האָריזאָנטן זענען אָפֿן. פֿול מיט ליכט. די אויסגעלייטערטע אויגן פֿון די מענטשן קוקן אין די ווייטסטע ווייטקייטן פֿון דער עקזיסטענץ. טראַגישער שיקזאַל? אַ מרה-שחורהדיקע פֿאַרבלענדעניש. אויך די טראַגישע שולד איז פֿאַרבלענדעניש. דאָס געפֿיל פֿון אמונה און בטחון האָט דורכגעריסן די דאָזיקע מאַיאַ וואָס האָט געמאַכט דאָס יידישע דאָזיין פֿאַר אַ טראַגעדיע. „די וועלט וואָס וואַקלט זיך צווישן טויט און לעבן, די וועלט וואָס זינקט אַריין אין מרה-שחורה, ווערט אויסגעלייזט פֿון איר פּיין און שרעק״: אַ פּראָסטער ייד, אַ ל״וניק, האָט אויפֿגעהויבן זיין גראָבן שטעקן אויף דעם שוואַרצן ספֿינקס—דעם שיקזאַל, און האָט דעם שיקזאַל גובר געווען. אַזוי איז יענער טראַגישער חטא פֿון דער יידישער עקזיסטענץ, איבער וועלכן פּרץ האָט נישט געקאָנט אַריבער, פֿאַרשווינדן געוואָרן אין דער איבערלעבטער פֿרייד פֿון שלום אַש. אין דער אַטמאָספֿער פֿון אַ וועלטדאָזיין ווי די דאָזיקע פֿון „שלמה-נגיד״ קאָן מען רויִק אָפּוואַרטן דעם שבת. ער וועט קומען. ער מוז קומען. ווו איז דער שאָטן וואָס זאָל פֿאַרשטעלן דעם וועג צו דער גרויסער האָפֿנונג? דאָס היסטאָרישע שליחות איז איבערגעגאַנגען פֿון יחיד צום כּלל. דער „אינדיווידועלער ווילן״ האָט זיך איבערגעבראָכן פֿון דעם לאַנגן וואַרטן. „קיין כּח צום וואַרטן איז נישטאָ״, זאָגט שלמה אין דער „גאָלדענער קייט״. דאָס געהיימנישפֿולע זעלבסט-געפֿיל פֿון קאָלעקטיוו אָבער, האָט אין זיך יאָ געהאַט דאָס דאָזיקע אויסהאַלטן, און ס׳איז געוואָרן ערב-שבת.

דעריבער לויפֿן טאַקע אַלע ליניעס פֿון דער דאָזיקער דערציילונג שלום אַשס צו צום פּאָזיטיוון. אַלצדינג ווערט אויסגעגליכן. די שיקזאַלן וועלכע טויכן אויף פֿון די געשעעניש, לאָזן זיך אויס צום גוטן. דער „אור התורה״ וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן אין ר׳ שלמה נגידס משפּחה איבער אַ „זיידן אַ מומר״ שיינט

צוריק אויף. די סכנה וואָס איז געהאַנגען איבער ר' שלמה נגיד און איבער די יידן פון שטעטל, גייט ווי תמיד פאַרביי, דורכן גאָסטינינער רבינס תהילים און דורך יידנס בטחון. וואָס האָט אַ ייד מורא צו האָבן, ווען „ער גלויבט באמונה שלימה אַז דאָ קאָן העלפן נאָר דער רבונו של עולם"? „אַ ייד דאַרף צו זיין תמיד גרייט". ווי אַן אמתער ייד איז אויך ר' שלמה נגיד „שטענדיק געווען גרייט אָנצונעמען גאָטס רצון, נעמען דעם שטעקן אין האַנט און צו גיין און אָנצוהייבן אויפסניי". אין דער דאָזיקער גליקזעליקער רעזיגנאַציע: — אין „תמיד זיין גרייט" און אין דעם גלויבן אַז מ'קאָן שטענדיק אָנהייבן אויפסניי — ליגט דער גאַנצער כח מיט וועלכן שלום אַש — הינטער אים דער יידישער קאָלעקטיוו — קאָן איבערטראָגן די טראַגישע אומבאַ-שטימטקייט פון דעם יידישן דאַזיין. דער איינציקער אויסוועג פון דאָרטן ווו ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג: האָבן אין זיך דעם מערק-ווירדיקן בטחון, אַז ס'איז פאַראַן די מעגלעכקייט זיך צו דער-הייבן איבער די געשעענישן. צו דער מעגלעכקייט: „תמיד זיין גרייט".

אָט אַ דעם היסטאָרישן עלעמענט אין אונזער ראַסע: דאָס קאָנען דערהייבן זיך איבער די געשעענישן, האָט אַזוי מייסטערהאַפט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריינגע-פירט דער געניאַלער שלום עליכם. אַלע זיינע טיפּן, איבערהויפּט מנחם מענדל און טביה, האָבן אין זיך יענעם וווּנדערלעכן כח. ביי שלום עליכמן, ווערט דער דאָזיקער אַרויספלי פון די ווירק-לעכקייטן, געמאַכט מיט אַזאַ אָפּטימיזם, וואָס ער גרענעצט שוין אין הומאָר. ער איז ממש דעם שיקזאַל מבטל מיט דעם געמיט פון די אַלטע חסידים. מנחם מענדל קאָן שטענדיק „אָנהייבן אויפסניי", ער איז „תמיד גרייט". טביה איז דער פּרימיטיווער פילאָזאָף פון אָט דעם באַטראַכטן די ווירקלעכקייט אַלס צופעלי-קייט. טביה ווייסט, אַז אין בטחון איז דאָ דער טראַנסצענדענטאַ-לער אמת און ער גייט אַדורך די שווערסטע אומגליקן מיט דעם באַוווסטזיניקייט פון בטחון. איך שטרייך אונטער: ביי שלום עליכמן איז דער בטחון אַ וועלט-אַנשויאונג, אַ געוואַלטיקער

זשעסס, אַ באַוווסטזיניקער קידוש-השם. ביי אַש אָבער, ווי בכלל ביים קאָלעקטיוו, איז עס מער וועלט-געפיל, ווי וועלט-אָנשויאונג וואָרום אויך די ל״ו צדיקים לעבן נאָר מיט זייער וועלט-געפיל. די ל״ו צדיקים, דאָס זענען יענע וווּנדערלעכע בלינדע וואָס באַדאַרפן נישט קיין אויגן צום זעען, זיי זעען מיט זייער דאַזיין. ווען אין קאָלעקטיוו וועקן זיך די קוואַלן פון אמונה, דאַן צוטרעט דער קאָלעקטיוו דאָס שיקזאַל מיט די פיס. פאַר דעם קאָלעקטיוו האָט די וועלט נישט אין זיך קיין שולדיקייט, דעריבער איז די וועלט נישט קיין טראַגעדיע. דער קאָלעקטיוו האָט בטחון. און דאָס דאַזיין פאַרוואַנדלט זיך אין עקסטאַז. אין דעם גליקזעליקייט פון קאָלעקטיוו פאַרנעמען מיר דאָס גליקזעליקייט פון דער וועלט. אָ בעכער פון לעבן, דו ביטערער, דו כּוס-התרעלה, דער גלויבנדיקער פשוטער מענטש קאָן דיך מאַכן פאַר אַ קידוש-בעכער. שלום אַש, דער דיכטער פון גלויבנד קן פשוטן ייד, מאַכט דאָס שווערע און האָפנונגסלאָזע יידישע לעבן פאַר אַן אייביקער פרייד. וואָס קאָנען אַלע ווירקלעכקייטן טון אַקעגן יידנס תהילים-זאָגן? „אַפילו אַזעלכע פורכטיקע טעג ווי ימים נוראים האָבן יידן אויך זייער מליץ-יושר וואָס טענהט זיך אויס מיטן רבונו של עולם פאַר זיי״. דער גאָסטינינער רבי. דער גאָסטינינער רבי איז דער אינדיווידואַליסט, דער שלמה פון דער „גאָלדענער קייט״, וואָס האָט סוף כּל סוף רעזיגנירט פאַרן קאָלעקטיוו. פון די הימלען האָט ער אַראָפּגענידערט זיך וואַרעמען ביים פייער פון די פשוטע יידן. דער אינדיווידואַליסטישער געדאַנק האָט דערקענט, אַז אין דער אמונה פון קאָלעקטיוו, נאָר דאָרט איז דאָ די גאולה. ביי די קוואַלן פון דאַזיין זענען אויך די קוואַלן פון פּאָזיטיוון. הינטער דעם שאָטן פון קאָלעקטיוו באַקומט די פּערזענלעכקייט איר תּיקון: עס איז אויסגעוואַקסן אַ גאָסטינינער רבי. אין דער נאָענטקייט ווו עס גייט די וועלט, הערט ענדלעך אַמאָל אויף די פּערזענלעכקייט צו זיין דער טראַגישער העלד. די איינזאַמע פּערזענלעכקייט? די פּערזענלעכקייט וואָס איז אָנגעוויזן אויף זיך אַליין? די פּערזענלעכקייט וואָס וויל זיך דווקא אויסלעבן אין די אייגענע גרענעצן או, אין זיך געפונען דעם אויסוועג? עס מוז אויס-

געזוכט ווערן דער וועג וואָס זאָל אַרויס פון זיך צו אַלע. אינדי־ווידואַליזם וואָס קאָן זיך נישט מנצח זיין, איז תמיד טראַגעדיע. דער ברונעם וואָס קאָן נישט אויסגעפינען דעם וועג צו די ימים, מוז אויסטרוקענען. אויך יידישער אינדיווידואַליזם איז טראַגעדיע. דאָס זעען מיר אין פּרצן. שלום אַש, דער פּשוטסטער משיח-זוכער, איז אַריינגעקומען צום גאָסטינינער רבין. דאָרטן האָט ער זיך באַרויקט. דאָרט האָט אויך באַקומען אַ תיקון דאָס יידיש-טראַגישע. דער גאָסטינינער רבי האָט געהייסן פאַר אַלעמען אויפמאַכן די טירן פון זיין התבודדות־חדרל. דער יחיד האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויפן כלל ווי אויפן גרויסן גואל. זיי ביידע באַדאַרפן זיך איינער דעם אַנדערן. איינער ציט זיין עשרות פון אַנדערן: דער קאָלעק־טיוויזם און דער אינדיווידואַליזם. „דער גאָסטינינער רבי איז גע־ווען זער גוט אויפגעלייגט און צוגעלאָזט, איז געזעסן מיט זיין לאַנגע ליולקע און גרויסער באָרד אין מיטן־שטוב אויפן פּאָטער־שטול און געהייסן אַלעמען אַריינלאָזן. דער עולם האָט זיך גע־שטופּט ביי דער טיר, אָוועקגעשטופּט די שמשים מיט די גבאים און אַריין אין שטוב. דער רבי האָט געשמייכלט און זיך מיט אַלעמען געזעגנט און אָנגעוווּנשן יידן אַלדאָס גוטס". פּרצס שלמה, דער גרויסער רינג פון דער „גאָלדענער קייט", איז צוריקגעקו־מען צו די „קלייניע יידעלעך". די „קליינע יידעלעך" זענען תמיד גרייט, זיי קאָנען שטענדיק אָנהייבן אויפסניי. אָן דעם דאָזיקן כח פון קאָלעקטיוו, וועט קיינמאָל נישט קומען דער שבת. פּאַרייניקן זיך ביידע, דער אינדיווידואַליזם און דער קאָלעקטיוויזם, דאַן קאָנען מיר וואַרטן אויף דעם מאָרגן פון דער גרויסער האָפענונג. די וועלט וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט איר ווילן, וועט שוין עטוואָס דערגרייכן. דער גאָסטינינער רבי איז זיך משדך מיט ר' שלמה נגיד, און די טראַגישע געשעעניש פון דער דערציילונג דערהייבן זיך צו פרייד. די ביידע ווערק פון שלום אַש, דאָס „שטעטל" און ר' „שלמה נגיד" ענדיקן זיך מיט אַ שמחה.

אָ, איר וווּנדערלעכע כחות, ליבע און בטחון, איר וועט די יידישע טראַגעדיע אומקערן צו גליקזעליקייט, צו פרייד דער

וועג צום גרויסן גליק פאַנגט אָן דאָרט, ווו די טראַגעדיע גייט
אַריבער אירע גרענעצן.

„דען יעדער ייד האָט זיין קאַפּיטל תהילים". אויך דער
יידישער קאָלעקטיוו האָט זיין קאַפּיטל תהילים, „וועלכעס ער
זאָגט ווען ער איז אין דער גרעסטער נויט און אין דער גרעסטער
שמחה". נאָר וועלכעס קאַפּיטל תהילים רב שלמה נגיד האָט געזאָגט,
וויל שלום אַש נישט דערציילן. דאָס איז דער גרויסער סוד.

צווייטער טייל

י. מ. ווייסענבערג

ערשט קאַפּיטל

אין מיטן דער גאָלדענער צייט פון יידישן אידעאַליזם ווען שלום-עליכם, י. ל. פּרץ און שלום אַש, נישט בלויז זיי האָבן געלייגט די יסודות פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך דעם גרונד-שטיין פון אַ נייער עפּאָכע אין דעם יידישן וועלט-דאָזיין, — איז גע-בוירן געוואָרן די בענקשאַפט נאָך אַ קעגנזעצלעכן עלעמענט. תּמיד איז אַזוי. אין די פּרוכטבאַרסטע זמנים פון דער נאַטוראַליסטישער וועלט-אַנשויונג, ווען עס דוכט זיך אַז דער גראַנדיעזער בנין פון מאַטעריאַליסטישן וועלט-באַנעמען דערגרייכט שוין צו זיינע העכסטע שפּיצן, אַז אָט ווערט ער דער בבל-טורעם פון וועלכן אַראָפּ דער פּאָזיטיווער מענטשלעכער שכל וועט אויסרופן זיין זיג איבער אַלע געהיימנישן פון דער וועלט, גראָד פאַר דעם ענדגילטיקן נצחון הייבן זיך אָן צו וואַקלען די פונדאַמענטן פון מאַטעריאַליזם. די אידעען און די אָנשויונגען וואָס שטייען אויף אַקעגן מאַטעריאַליזם זענען נישט בלויז דער פּועל-יוצא פון קאַלטער שכלדיקער איבער-צייגונג אַז דער מאַטעריאַליזם מוז סוף כל סוף אַנטוישן אָט די אַלע שיינע האָפנונגען וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. דאָס אָפּווענדן זיך פון די מאַטעריאַליסטישע צוזאָגענישן האָט מער גע-שטאַמט פון אַן אינערלעכן דורשט צום טראַנסצענדענטאַלן, צום מיסטישן, צום באַהאַלטענעם אייביקן איבער דערווירקלעכ-קייט. די מענטשן האָבן ענדלעך אַליין נישט געוואָלט אַז מ'זאָל די וועלט און דאָס לעבן צולייגן אויף טעלערלעך. די מיסטעריען וואָס רוען ווי נעבלען איבער די ווירקלעכקייטן, זיי זענען נישט קיין נישט-קלאָרע פאָרשטעלונגען, אָדער פּרימיטיווע בלאָנזשענישן

אַרום די ווערטן און די אמתן פון דער עקזיסטענץ. ניין, יענע מיסטעריען זענען אַליין אמתן און ווערטן, און די מענטשן קאָנען זיך קיינמאָל נישט אָפּזאָגן צו די דאָזיקע טיפע אינהאַלטן פון דאָזיין צו שטרעבן. פון אָט אָ די איבערלעכסטע שטרעבונגען ווערט געבוירן דער אידעאַליזם און דער גרויסער אומווילן אַז דער מאַטעריאַליסטישער געדאַנק זאָל איבערנעמען די הערשאַפט איבערן מענטשלעכן דערקענען.

דער אומרויקער גייסט פון די מענטשן שוועבט תמיד ווי אַ געפאַנגענער פויגל צווישן פאַרשידענע קעגנזאַצן. די קעגנזאַצן שטאַרען אַרויס פון דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק ווי פעלזן אין אַן אומבאַקאַנטן ים: קיינער ווייסט נישט ווו אַפרו, ווו אונטערגאַנג. אָרעמע מענטשהייט! די געשיכטע פונם מענטשלעכן געדאַנק איז די געשיכטע פון אָט דעם דאָזיקן שטענדיקן מאַטערן זיך צווישן די צוויי פאָלן: אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. דער אמתער פילאָזאָף, זאָגט פּלאַטאָ, שטייט אויף די גרעניץ פון וויסן און נישט-וויסן: צווישן אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. דער מאַטעריאַליזם איז דאָס קאָנקרעטע, דאָס אָפּגעגרענעצטע, דאָס געווסטע, די וועלט פון דער קויזאַליטעט. דער אידעאַליזם איז דער פּרווו זיך אַדורכצוברייסן דורך די גרענעצן פון די סיבות און צו זוכן די עקזיסטענץ אין דעם אומבאַקאַנטן, אין דעם נישט-געווסטן. אין דעם נישט געוווסטן פּרווון די מענטשן אויסצוגעפינען דעם אמת ווען זיי האָבן אים אומזיסט געזוכט אין דעם געוווסטן. אַזוי בלאָנדזשען אייביק די מענטשן פון איין קעגנזאַץ צום צווייטן. די געגעזיס פון דער קולטור.

אין די צייטן פון מאַטעריאַליזם, מיט ביידע פיס פעסט אויף דער ערד, האָבן מיר אויפגעהויבן די קעפּ צו די הימלען. אין די צייטן פון אידעאַליזם זענען מיר געגליכן געווען צו די מאַטראָזן אויף קאָלאָמבוסעס שיף. אויך זיי האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער ענדלאָזע ימים און אויסגעקוקט די ערד. אַזוי בלאָנדזשען מיר, וועלן מיר תמיד בלאָנדזשען. אָרעמע מענטשהייט!

דעם זעלביקן פּראָצעס זעען מיר אין דער יידישער ליטעראַטור.

הגם פּרץ, און מיט אים אַלע יידישע אידעאַליסטן, האָבן נישט אויפגעהערט צו אַקצענטירן, אַז גראָד די יידישע עקזיסטענץ קאָנען מיר נישט אַנדערש מְהַוֶה זיין אַ חוץ דורך דעם עקס־טרעמסטן שטאַנדפּונקט פון אידעאַליזם. אַז אַוועקגייענדיק פון אַן אידעאַליסטיש יידישן וועלט-באַנעמען און אַנגעוויזן זיין אויפן הוילן ממשו דיקן לעבן, קאָן פאַרן יידישן געדאַנק — און דורכדעם פאַר דער יידישער עקזיסטענץ — אויפ־שטיין די סכנה צושטויבט און אויפגעריבן צו ווערן אָן ציל און אָן באָדן. נאָך מער: — דאָס איז דאָס ערגסטע — אָן גלויבן.— פונדעסטוועגן האָט מען פון דעם דאָזיקן אידעאַליזם אַרויס, נישט אויפגעהערט אויסצוקוקן דעם נאַטוראַליסט. דער אויסגעשפּראָכע־נער קעגנזאַץ, רייצט תמיד, וואָס געפערלעכער ער איז. גראָד פּרץ, דער פּרץ פון „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" און פון דער „גאָלדענער קייט", דער דאָזיקער, וואָס האָט דאָס אָפּזאָגן זיך פון יידישן אידעאַליזם אידענטיפיצירט מיטן ענדגילטיקן אונטער־גאַנג, גראָד דער דאָזיקער קאָנסעקווענטסטער אידעאַליסט איז געווען דער אומגעדולדיקסטער. ער האָט זיך קוים געקאָנט דער־וואַרטן אויפן יידישן נאַטוראַליסט. דער וועג פון עקסטאַז איז דער זעלבסטבאַוווסטסטער, אָבער אויך דער געפערלעכסטער וועג. פּרץ האָט דערפילט, אַז דער וועג פון אידעאַליזם איז אַ געפערלעכער, און ער האָט מיט שרעק געוואַרט, טאָמער וועט דאָך עמעץ קומען; דער פּאָזיטיווער יידישער נאַטוראַליזם — וואָס ער אין זיין שאַפן האָט אים נישט געזוכט — און דער יידישער אידעאַליזם וועט נישט געטויט זיין אויף זיך צו טראָגן די גאַנצע אחריות פאַר דעם יידישן גורל. אַזוי צי אַזוי, מ'האָט אַרויסגעקוקט אויפן יידישן נאַטוראַליסט ווי אויף משיחן, און דער נאַטוראַליסט, דאָס דאָזיקע ציטערדיקע אין דער שטיל אויסגעהאָפטע בן־יחידל איז געבוירן געוואָרן אין דער פּערזאָן פון י. מ. וויסענבערג.

זעלטן ווען עס מאַכט אַ דערשיינונג פון אַ שרייבער אַזאַ רושם ווי עס האָט געמאַכט די דערשיינונג פון י. מ. וויסענבערג. בשום אופן איז עס דאָ נישט געווען דער טאַלאַנט וואָס האָט אַזוי פאַרבליפט. דאָס קומען וויסענבערגס, בלויז זיין דאָזיין האָט

געוועקט אַרום זיך די אַלגעמיינע צופרידנקייט. ענדלעך איז דאָ דער יידישער נאַטוראַליסט! אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מען פשוט אויפגעאָטעמט מיטן קומען פון ווייסענבערגן. ראשית: ער איז דער קעגנזאַץ צו אַלעמען. דאָס האָט מען געוואָלט. שנית: טאָמער האָט די גרויס־אָנגעהויבענע אידעאַליסטישע ליניע אין דער יידישער ליטעראַטור נישט דעם כח צו דערפירן איר אויפגאַבע ביז צום ענד — כדי ביי דער אַנטוישונג זאָל אַלעס נישט פאַרלוירן גייען — וועט זיך דאָך אפשר דער פאָדעם פון דער ליטעראַטור אָנהויבן צו שפּינען פון דער צווייטער זייט: דורך אַ יידישן נאַטוראַליזם. ביי לעבעדיקע אידעען, הגם דער קאַמף וועגן זיי איז און דאַרף זיין האַרטנעקיק און קאָנסעקווענט ביז גאָר, איז ממש וווּנדערלעך ווי ערגעץ־ווו, טליעט תמיד באַהאַלטן אַ שטילער גלויבן אינם קעגנזאַץ. דער דאָזיקער, אויף יעדן פאַל אָנגעגרייטער „איבערנעמער פון דער מאַכט" אין דער יידישער ליטעראַטור האָט געזאָלט זיין ווייסענבערג. מ'האָט געטייט אויף אים מיט די פינגער: אָט גייט ער, אָט טוט ער, דאָס דאָזיקע „ווונדער־קינד". נישט קיין קלענערער ווי י. ל. פרץ האָט נישט איינמאָל געזאָגט, נישט מער און נישט ווייניקער (עס זאָל אים נישט זיין צו קיין גנאי), נאָר אַז דאָס „שטעטל" פון ווייסענבערגן איז אַ בעסער בוך ווי דאָס „שטעטל" פון שלום אַש. דאָס וואָס מ'האָט געוואָלט אַז עס זאָל זיין, דאָס האָט מען געזעען אַז עס איז. ווייסענבערג איז געווען די „זייטיקע" האָפענונג, די „אַסעקורירטע" האָפענונג, מען מעג עס איינמאָל זאָגן אָפן: די איבערגעטריבענע האָפענונג פון דער יידישער ליטעראַטור. אויף די פּלייצעס פון דעם דאָזיקן ווונדער־קינד האָט מען אַרויפגעלייגט אַן עול, וואָס עס איז גאָרנישט בכח געווען צו דערשלעפּן. ווייסענבערג זאָל דאָס טראָגן די שטיינער צו אַ בנין וואָס וועט דינען צום „לעצטן" פעסטונג, דאַן ווען פונם אידעאַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזן. מ'איז געגאַנגען זאָגאַר אַזוי ווייט און צוזאַמענגענומען די צוויי נעמען, אַש און ווייסענבערג, אַלס סינאָנים פאַרן צווייטן דור פון דער יידישער ליטעראַטור. אַש און ווייסענבערג. ביידע האָבן זיי געשריבן אַ

„שטעטל״, נאָר אָנשטאָט וואָס אַש איז שוין געווען אַ טאַט, איז נאָך ווייסענבערג געבליבן די מעגלעכקייט. אַ מעגלעכקייט, וואָס מ׳האָט פשוט קיין צייט נישט געהאַט אָפּצוּוואַרטן וואָס פון איר וועט ווערן און מ׳האָט זיך שוין געפּאַטשט אין די הענט אַריין פאַר נחת.

אין דער אידעאַליסטישער און ראָמאַנטישער יידישער לי־טעראַטור איז ענדלעך אויסגעוואָקסן דער שטאַמיקער „דעמבּ״ (ווייסענבערג !), אַ שטיק מגושמדיקע „געזונטקייט״, ווו מיר וועלן זיך קאָנען אָנשפּאַרן (די אַלע „קלוגע ריידעלעך״, מיט וועלכע מ׳האָט געצערטל: די ליטעראַרישע טעטיקייט פון י. מ. ווייסענ־בּערג). אַן אורשפּרינגלעכע נאַטוראַליסטישע קראַפט, דורך וועלכער מיר וועלן אַמאָל קאָנען אַרויסקומען פון דעם כשוף־ראָד פון אידעאַליזם. דערביי דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז אויף וויפיל ס׳איז נישט געווען ביי אונז אַן אָנגענומענע אַקסיאָמע, דאָס מענדעלע מוכר־ספרים איז דער „זיידע״ פון דער יידישער ליטע־ראַטור און דער „קלאַסישער מײַסטער״, האָט דאָך מענדעלעס נאַטוראַליזם געווירקט אויפן יידישן שאַפן ווי אַ העסלעך געשפּענסט. אויב מענדעלעס נאַטוראַליזם איז פּאָזיטיווע יידישע ווירקלעכ־קייט, אַז אָך און ווי איז צום יידישן וועלט־דאָזיין. האָפנונגסלאָזע און צעפוילטע וועגעטאַציע—דאָס איז דאָך דאָס קבצנישע פנים, וואָס די יידישע ווירקלעכקייט האָט געזאָלט באַקומען אונטער די פּריזמע פון מענדעלע מוכר־ספרים. אפשר האָט די דאָזיקע בלוטלאָזע קאַריקאַטור פון מענדעלעס נאַטוראַליזם אַזוי אָפּשרע קעדיק געווירקט אויף דער ליניע פון יידישן שאַפן, אַז מ׳האָט דערזעען, דאָס יידישער נאַטוראַליזם הייסט: ענדגילטיקע אינער־לעכע קאַטאַסטראָפע. און אַז נאָר, אין אַ טראַנסצענדענטאַלער אידעאַליסטישער ווירקלעכקייט קאָן דאָס יידישע שאַפן האָבן, ניט בלויז אַ קיום, נאָר אויך אַ מעכטיקן אויפשוווּנג. דער יאָדערדיקער „מענדעליזם״ אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט געהאַט די גוטע פעולה, וואָס ער האָט אַזוי אונצווייידייטיק אַלצ־דינג געשטעלט פאַר דער אַנטשיידונג. זיין אָדער אונטערגיין. דורך דער דאָזיקער געוואַלטזאַמער רעאַקציע האָט אַ י. ל. פּרץ

אָפּן אין דרייסט אַרויסגעשטעלט אין דער „גאָלדענער קייט“, אַזוי צו זאָגן, דעם גאַנצן פּראָגראַם פון דעם נייעם בלאַט יידישע געשיכטע. ס'איז געווען די לעצטע צייט זיך אַרויסצוזאָגן. יעדנפאַלס זענען נאָך נישט אַלע בריקן צום יידישן נאַטוראַליזם געוואָרן פאַרברענט. מ'האָט נאָך געוואַרט. דעריבער איז דאָס קומען פון י. מ. ווייסענבערג געווען אַזוי צו דער האַנט. אַלטע און נייע האָפנונגען האָבן זיך געוועקט: ענדלעך ווערט אָפּגעטון דאָס טונעיאַדעווקער געשפּענסט פון יידישן נאַטוראַליזם. פון ווייסענבערגן הויבט זיך אָן די פּאָזיטיווע ליניע פאַר דעם נאַטוראַליסטיש־יידישן וועלט־דאָזיין. די מאַטעריאַליסטישע יידישע ווירקלעכקייט באַקומט איר ווערט־אַקצענט, איר קינסטלערישן אויסדרוק, איר קערן.

צווייט קאַפּיטל

אט אָ דער מין אָפּטימיזם איז בכלל געווען צו פֿרי, בפרט וועגן ווייסענבערגן.

דאָס אויסגעהאַפּטע, אויסגעצערטלטע, נאַטוראַליסטישע בן-יחידל, ווייסענבערג, איז געבוירן געוואָרן אַ „זיבעלע".

דוקא די סאַמע געלונגנסטע זאַך ווייסענבערגס, די סאַמע דייפּסטע, ווי דער „בעל-תשובה", געהער גראָד צום אידעאַליסטישן שניט. הגם עס האָט נישט אין זיך דעם פּרעציזשן אינטעלעקטואַליזם, שטייט דאָך דער „בעל-תשובה" בולט אונטער פּ־צס איינפלוס. דאָס אַליין איז שוין גענוג כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָריגינאַליטעט און „זעלבסטשטענדיקייט" פון ווייסענבערגס טאַלאַנט. גראָד איז ער גוט, דאָרט ווו ער איז נישט „זעלבסטשטענדיק". דאָס זעלביקע איז אויך מיט די צווייט-בעסטע נאָוועלע ווייסענבערגס, מיט „אַ מעשה מיט אַ ציג" — אַ געמיש פון פּרצס אַ חסידישע הומאָרעסקע און אפּיקורסישע פאָלקס-מעשיות. אַלצדינג נאָך, ווו ווייסענבערג האַלט זיך אָן פּרצס פּאָלע. די אידעאַליסטישע שולע. דאָרט אָבער ווו ווייסענבערג קומט אַלס דער זעלבסטשטענדיקער אָנזאָגער פון אַ יידישן נאַטוראַליזם, הויבן זיך אָן ווייסענבערגס דעפעקטן, אַ מענגע סטיללאָזיקייטן, נאַיווע אומבאַהאָלפנקייטן, אָהויבן אָן אַן אויסוועג

וועגן דער נאָוועלע „אַ טאַטע מיט בנים" רעדט די יידישע קריטיק ווי וועגן ממש אַ שעדעווער פון נאַטוראַליזם. אונזער קריטיק טרייבט געוואַלטיק איבער דעם ווערט פון דער דאָזיקער נאָוועלע. „אַ טאַטע מיט בנים" האָט געזאָלט זיין דער באַווייז, וואָס עס איז אַזוינס יידישער נאַטוראַליזם, און וויפיל

געזונטקייט און כח עס שטעקט אין איר מחבר. מוז מען אָבער נישט פאַרגעסן אונטערצושיידן צווישן נאַטוראַליזם און נאַטוראַליזם. צווישן אַ נאַטוראַליזם אַ סטיל-באַוווסטן, אַן אינטעלעקטועלן, אַ נאַטוראַליזם אַלס קינסטלערישע אויפגאַבע, אַלס גייסטיקע באַנעמונג, און צווישן אַ נאַטוראַליזם אַ געדאַנקען-לאָזן, וואָס לאָזט אַלץ איבער דעם צופאַל, אַ צייללאָזן נאַטוראַליזם, וואָס מ'שפּירט אויף שריט און טריט דאָס פעלן פון געשמאַק. פשוטע מגושמדיקייט. ווען דער נאַטוראַליזם פון אַ פּאָזיטיווע בלוטפולע ווירקלעכקייט איז די אָפענע הויה פון אָט אָ דער ווירקלעכקייט: דאָס שטאָלצע מודה זיין אין איר, דער פעסטער ווילן אין איר פולקאָם זיך אויסצולעבן, רעאַלע ווירקלעכקייט, וואָס איז דורך אַ קינסטלער-האַנט געקומען צו טיפּסטע באַוווסטקייט וועגן זיך אַליין, אָן דער באַדערפעניש זיך צו אַבסטראַהירן אין וואָסער עס איז אידעאַליסטישן וועלט-געפּיל. ווען דאָס אַלצדינג זענען די אייגנשאַפטן פון אַ גוטן נאַטוראַליזם, פעלן דעם צווייטן אַרט פון נאַטוראַליזם, דעם צופעליקן נאַטוראַליזם, אָט די אַלע גוטע אייגנשאַפטן. דעריבער בלייבט דער צופעליקער נאַטוראַליזם — אפילו ווען אין אים איז דאָ די פעיקייט פון באַאָבאַכטונג — תמיד אַ קונסט אָן אַן אויסוועג (מיט בלויזער באַאָבאַכטונגס-פעיקייט, אָן סטיל-באַוווסטקייט, אָן אינערלעכן קינסטלערישן אויסוועג קאָן מען קיינמאָל נישט דערגרייכן עטוואָס באַדייטנדעס.) צופעליגער נאַטוראַליזם, דאָס איז דער נאַטוראַליזם אָן האָריזאָנטן, נישט בלויז ער אַבסטראַהירט זיך נישט צום טראַנסצענדענטאַלן, ער אַבסטראַהירט זיך בכלל נישט צו קיין שום וועלט-אָנשויונג. קונסט איז אַ דינאַמישער ענין. אַבסטראַהירט זיך נישט אַ קונסט סוף כל סוף איבער זיך אַרויס (די אַבסטראַקציע פונם ווערטפולן נאַטוראַליזם גייט איבער זיך צוריק צו זיך), דאַן בלייבט זי ווי אַ שטייענדיק וואַסער. אַ וואַסער אָן אַפלויף. אָן דעם וועג אין דער ווייטקייט. פון אַזעלכע שטייענדיקע וואַסערן ווערן ענדלעך פשוטע זומפּן. דער נאַטוראַליזם פון דעם שטייגער וואָס „אַ טאַטע מיט בנים" געהער צו יענע מינים פון שטייענדיקע וואַסערן. ער דערהייבט זיך נישט. ס'איז נישט פאַראַן אין אים דאָס זוכן

נאָך קיין שום אויסגאַנג. דעריבער זענען אָט אָ די אַרטן נאַטוראַליזמען אין אַ ליטעראַטור, נישט קיין עלעמענטן אין וועלכע ס'זאָל זיך ווער עס איז קאָנען אויסלעבן. בפרט אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס האַלט זיך ערשט אין אויסבויען און קעמפט נעמלעך דערפאַר צו באַקומען איר פּנים אין דער געשיכטע פון די ליטעראַטורן — זענען בודאַי אַזעלכע שאַפונגען בלויז צווייט-ראַנגיקע שריפטשטעלערישע ווערטן. אויב זיי זענען נאָר טאַלענטירט אָנגעשריבן, בלייבן זיי אין דער ליטעראַטור אַלס דאַטע. זיי זענען בשום אופן נישט קיין יסוד. דאָס איז טאַקע דער חילוק צווישן אַ דאַטע — און דוקא נישט פון ערשטער באַדייטונג — און אַן עלעמענט. אַ דאַטע איז אַ נעבן-ערשיינונג. די „דאַטע" האָט נישט צו טון מיט דער וועזענטלעכער ליניע פון אַ קולטור. דאָס ע ל ע מ ע נ ט איז פון די פונדאַמענטאַלע יסודות וואָס גיבן אַ יעדער קולטור איר באַזונדערן ווערט. קולטור איז נישט עפּעס גלאַט אַזוי אַ זאַך וואָס וואַקסט ווילד און אָן שום ליניע. געוויס ווערט אַ קולטור-ליניע נישט „געמאַכט פון דרויסן" און פון „פאָרנט אָן". אין דער גאַנצקייט, אין דער לעבנס-פעיקייט, אין דער פּסיכאָלאָגיע פון אַ קולטור איז שוין ממילא דאָ די „אינערלעכע" ליניע.

אייגנטלעך, נאָך איידער מיר האָבן געהאַט דאָס „גרויסע געווינס" — די „וויסענבערג'שע געזונטקייט", איז אין דער יידישער ליטעראַטור געווען דערשיינונגען פון נאַטוראַליזם. איינער פון די זיילן פון אונזער קולטור, דער אייגענער שלום אַש, האָט במעט ווי אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט אַלס נאַטוראַליסט. שוין אַזעלכע נאָוועלן ווי „דאָס קוילער געסל", „די יאַטישע טאָכטער", „דער יינג מיטן קינד" און די ערשטע העלפט פון „מאָטקע גנב", שטייען אַלס נאַטוראַליסטישע שאַפונגען אומפאַרגלייכלעך העכער ווי די צוויי דריי געלונגענע זאַכן פון י. מ. ווייסענבערג. די דאָזיקע נאַטוראַליסטישע ווערק אַשס זענען אָבער דורך די האָפענונגען אויף ווייסענבערגן געשטעלט געוואָרן אין שאָטן. איבער צוויי טעמים: ערשטנס האָט מען איבער דעם אומגעדולדיקן וואַרטן אויף „געזונטקייט" — דערצו ווען דער וו אַ ר-

טער איז גראָד געווען דער עקסטרעמסטער אידעאַליסט! — זיך שוואַך אָריענטירט אין דעם קאַרדינאַלן אונטערשיד צווישן נאַטוראַליזם און נאַטוראַליזם, פאַרקערט: ווען מ׳לעבט כסדר אין אַבסטראַקציע, איבערהויפּט, ווען דורך אינערלעכע טראַגעדיע ווערט די אַבסטראַקציע די איינציקע פאָרם פון אַ מעגלעכן דאָזיין — דאַן איז די שוואַכסטע אויסזיכט אויף אַ רעאַליסטישן אָנהאַלט, — וואָס גראָבער דער דאָזיקער רעאַליזם איז, וואָס ווײַניקער ער באַווייזט די קלענסטע נטיה פאַר אַבסטראַקציע, אַלץ מער דוכט זיך אויס אַז עס וועט באַפרידיקט ווערן די הונגעריקייט נאָך רעאַלע ווירקלעכקייט. דער אידעאַליסט וואָס געפינט פאַר זיך דעם איינציקן אויסוועג אין דעם טראַנסצענדענטאַלן, גראָד ער פאַרגעסט, אַז אויך דער נאַטוראַליזם — ווען ער איז נאָר זייער באַדייטנדיק — אַבסטראַהירט ער זיך ממילא. דאָס איז געווען די ערשטע סיבה פאַר וואָס מ׳האָט דווקא אַזוי פיל אַקצענטירט דעם ווייסענבערגישן נאַטוראַליזם, הגם מ׳האָט געהאַט ביי דער זייט אַ פיל וואָגיגערן נאַטוראַליזם. דער דאָזיקער פון שלום אַש. די צווייטע סיבה איז נאָך אַ טיפערע, די רעאַליסטישע זאַכן אַשס, שוין אין זיי פילט זיך דאָס אויפשטרעבן צום אידעאַליסטישן. די ליניע וועלכע איז צוגעקומען צום „שטעטל“, צו „שלמה נגיד“, צו אַזאַ אידעאַליסטיש געזאַנג ווי „די כשוף מאַכערין פון קאַסטיליען“ און „קידוש השם“ — די דאָזיקע ליניע הויבט זיך גענוג בולט אָן אין דעם פריען אַשישן נאַטוראַליזם. אין יענעם קוילער-געסל ווו עס לעבן די געזונטע ווילע ייִנגען, די פערד-שמייסער, די קצבים און ר׳ ישראל מיט זיינע בנים — אויך „אַ טאַטע מיט בנים“! — טאַקע אין יענעם קוילער-געסל טרעפט מען אָן „אַ ייִד דוד המלך“. אַ/ע אָט די בראָבע מגושמדיקע יונגען, די „שטיקער געזונטקייט“, גייען אַרום מיט אַ גרויס בינקשאַפט, מיט אַ טיפן, ממש טראַגישן דרך-ארץ פאַר עפּעס אַן אומבאַקאַנטן טראַנסצענדענטאַלן חערט וואָס הענגט איבער זייער לעבן ווי אַ שיקזאַל. „פלעגט קומען ראש-חודש אלול, דעמאָלט איז דאָס קוילער-געסל גאָר געוואָרן ווי אַ כּושל פאַרן בית-המדרש-געסל. מען האָט דרך-ארץ געהאַט פאַרן קלענסטן ייִד פון

בית־המדרש־געסל. און ערב יום־כּפּור איז פאַר דער טיר פון דער
שול געלעגן אויסגעצויגן אַ הויכער געזונטער ייִד, אַ בעל־עגלה
אָדער אַ פישער, און דאָס בית־המדרש־געסל האָט פאַר גאָט אין
הימל מיט אַ פּאַסיק מלקות געטיילט דעם קוילער־געסל..." דער
טיפער אָפּגרונט צווישן קוילער־געסל און בית־המדרש־געסל, וואָס
בלויז אין די הייליקע טעג ווערט ער אַריבערגעגאַנגען — און
נאָר דורך אַ פולשטענדיקן אונטערגעבן זיך פון קוילער־געסל —
עס זאָגט שוין גענוג דערפון ווי אַהין עס צילט דער „נאַטוראַ-
ליזם" פון שלום אַש. אַ נאַטוראַליזם וואָס ווייסט אַז זיין ענדגילד-
טיקער ווערט געפינט זיך אין דעם „קאַסטן שמות", דער ספּעצי-
פישער ייִדישער אידעאַליזם. אַז אָן דעם דאָזיקן אידעאַליזם
בלייבט דער ייִדישער נאַטוראַליזם אַ הוילע וועגעטאַציע, אָן שום
פאַרוואָס. נאָר דורך אַ פולשטענדיק מכניע זיין זיך אונטער דעם
דאָזיקן — גוטן אָדער גרויזאַמען — גורל פון אַ היסטאָרישן
אידעאַליזם, באַקומט אַלצדינג וואָס הייסט ייִדיש לעבן אַ ווערט
און אַ זין. דאָס איז געווען דער איינציקער אויסוועג פאַרן אַשישן
„נאַטוראַליזם". אפשר איז עס געווען דער אויסוועג פון פאַר-
צווייפלונג. אָבער פאַר אַשן, פאַר פּרצן, ווי בכלל פאַרן ייִדישן
אידעאַליסט איז נישט פאַרבליבן קיין אַנדערער אויסוועג. די
שפּעטערע שאַפונגען אַשס זענען נאָר געווען דער קאָנסעקווענ-
טער גאַנג צו דעם דאָזיקן אויסוועג: אָפּצושאַפן דעם „קרע שבלב",
דעם „אָפּגרונט" אין דער ייִדישער ווירקלעכקייט דערמיט, וואָס
דאָס קוילער־געסל וועט אומבאַדינגט מודה זיין אין איר אָפּהענ-
גיקייט אָן בית־המדרש־געסל. דאָס דאָזיקע מודה זיין איז נישט
בלויז דער נצחון פון דעם אידעאַליסטיש־ייִדישן וועלט־באַוווסטזיין,
עס איז אויך דער איינציקער תּיקון פאַרן קוילער־געסל, די איינ-
ציקע גאולה פאַר דער ייִדישער ווירקלעכקייט, דער איינציקער
וועג וועלכער פירט דאָס קוילער־געסל צו לעבנס־פעיקייט. דער-
מיט צו גרויסקייט.

די דאָזיקע צוויי מאָטיוון זענען געווען די הויפּט־סיבות,
פאַרוואָס מ'האָט אין אַשס נאַטוראַליזם נישט געזען דעם רעאַ-
ליסטישן ווערט פון דער ייִדישער עקזיסטענץ. פון אָט דעם אַשישן

„נאַטוראַליזם“ האָט דער יידישער אידעאַליסט, וואָס איז געווען אויסגעהונגערט נאָך מאַטעריאַליזם, נישט געקאָנט דערוואַרטן דעם אויסגאַנגס־פּונקט פון דעם אינערלעכן מצב אין וועלכן דער פּאַטוס פון דער יידישער געשיכטע האָט אים געשטעלט. אַש׳ס נאַטוראַליזם איז נאָר געווען אַ פּרווו, וועלכער האָט ביים ערשטן טריט שוין גערופן צום ריק־צוג. פאַרן יידישן אידעאַליסט איז נעמלעך נישט געבליבן קיין אַנדער עצה, ווי צו בלייבן אידעאַ־ליסט. די טירן פון דעם דאָזיקן „פרייליכן דלות“ (ווי פּרץ האָט אין זיינע יאוש־מאָמענטן אירעאָניזירט איבער דעם יידישן אידעאַ־ליזם) האָט דער „נאַטוראַליסטישער“ אַש נישט אויפגעשפּאַרט. דער יידישער ליטעראַט איז ווידער פאַרבליבן אין זיין כשוף־קרייז. ער האָט אונערמידלעך געמוזט קעמפן פאַר דעם הייליקן ווילן, דעם דאָזיקן היסטאָרישן גורל זיינעם, דעם אידע־אַליזם, צו מאַכן פאַר אַ פעסטונג, פון וואַנען אויס ער וועט דער־הייבן די גאַנצע וועלט צו זיך. אין מיטן דעם קאַמף אָבער, האָט ער תמיד נישט פאַרגעסן אויסצושטרעקן די האַנט נאָך יעדן „קנה רצוץ“, נאָך יעדע „נאַטוראַליסטישע“ שטרוי. נאָך אַ יעדע מעג־לעכקייט נאָר. טאָמער וועט דאָך איבערגעדרייט ווערן דאָס בלעטל פון שיקזאַל. דאָס האָט אין יידישן שריפטשטעלער געוועקט ביי־ע האָפענונגען.

איינער פון די „צעבראָכענע שטעקעלעך“ וואָס האָבן צו גאָרנישט נישט געקאָנט פירן איז געווען — י. מ. ווייסענבערג.

דריט קאַפּיטל

דאָס שוישפּיל „ווייסענבערג" אין די פּערספּעקטיוון פאַר דער יידישער ליטעראַטור, נישט בלויז עס האָט זיך געמוזט אויסלאָזן פאַר דעם נאַטוראַליסטיש אַנגאַזשירטן יידישן אידעאַליסט מיט אַ שרעקלעכן „קאַצן־יאַמער", עס האָט אויך י. מ. ווייסענבערגן זעלבער געשטעלט אין אַן אומאָנגענעמער לאַגע. אַ שריפטשטעלער וואָס איז נאָר אַ „דאַטע" האָט אויף זיך נישט די אייגענע אחריות וואָס אַ שריפטשטעלער אַ „יסוד". אויף אַ „דאַטע" האָפט קיינער נישט אַזוי פיל. קיינער פאַרבינדט נישט מיט דער „דאַטע" דעם גורל און די וועגן פון דער ליטעראַטור. ווייסענבערג, הגם אַ רויער נישט געשליפענער שרייבער, איז ער דאָך זיכער פון באַדייטונג. וואָלט ווייסענבערג געבליבן די „דאַטע" און מען וואָלט אים נישט געשטעלט בראש פון אַ „ליטעראַרישע באַוועגונג", יאָ, אויף דער „מזרח וואַנט" פון דער ליטעראַטור, וואָלט ווייסענבערג נישט געהאַט אויף זיך די „לאַסט" צו זיין אַ „גרויסער שרייבער", — ער וואָלט דאַן זיין טאַלענטירטקייט נישט צופיל איבערגעשפּאַנט. און ווייסענבערג אין זיינע מעגלעכקייטן איז ער, — אמת נישט גרויס — דאָך אַ שרייבער פון ווערט. אויף ווייסענבערגן אָבער, איז אויסגעפאַלן די אומגליקלעכע ראָליע פון דעם פּראָש וואָס מוז דוקא ווערן אַן אָקס. דער אומגעדולדיקער אידעאַליסט אין דעם אידעען־קרייז פון יידישן שאַפן, האָט נישט געקוקט צי דער, אויף וועמען ס'איז געפאַלן די אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע אָנצוהייבן דעם יידישן נאַטוראַליזם, איז ראוי צו דער דאָזיקער מיסיע, צי ער האָט בכלל דעם כח דערצו. דער אידעאַליסט האָט מיט אַמאָל אויסגעשריגן

יחי המלך! ער האָט פון ווייסענבערגן געמאָנט. און — י. מ. ווייסענבערג האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל און גענומען זיך צו דער מלאכה.

דאָ הויבט זיך אָן די טראַגעדיע פאַר ווייסענבערגן אַליין. עס איז לייכטער אָנצונעמען דעם כבוד פון אַ באַדייטנדיקע ליטע-ראַרישע פּערזאָן, איידער די פּאָדערונגען וואָס ווערן דער דאָזי-קער פּערזאָן געשטעלט צו באַפרידיקן. נאָך אַלע זאַכן, הגם מ׳האָט כסדר גערעדט וועגן אַש און... ווייסענבערג, איז אַש נאָכאַנאַנד טריט ביי ט״יט אויסגעוואַקסן, באַקומען פּנים, און ווייסענבערג איז פאָרט נישט מער געבליבן ווי „צוקונפט-מוזיק״. ער וועט, האָבן געגלויבט די „ווייסענבערגיסטן״. ס׳איז עפּעס גלאַט געהאָנגען אין דער לופט פון אונזער ליטעראַרישן וועלטל (נאָך פון פּרצס צייטן) אַ גרונדלאָזע אמונה אַז ווייסענבערג איז פון די ערשט-ראַנגיקע טאַלאַנטן אין דער יידישער ליטעראַטור. אַזאַ נישט פאַרדינט אָרט האָט דעם אומגליקלעכן ווייסענבערג צו עפּעס מחייב געווען. (ער האָט נישט געוווּסט, אַזער איז בלויז דער „קרבן״ פון דעם אומגעדולדיקן אידעאַליסט.) די עטלעכע געלונגענערע זאַכן זיינע, זענען דאָך נישט געשטאַנען אויף דער הויך, וואָס מיט זיי אַליין זאָל שוין זיין אָפּגעטון די גרויסע טאַט. דער ווייסענבערגישער רעאַליזם איז געבליבן שטעקן אין די ווינדעלעך. ער איז געווען שווערפעליק און האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט. דאָס פּאָזיטיווע ווייסענ-בערגס איז אין זיינע בעסערע שאַפונגען געבליבן אָן שום ליניע פון אַנטוויקלונג. ווייסענבערג איז פאַרבליבן דאָס וואָס ער איז — אַ וווּנדער-קינד.

ווייל ווייסענבערג האָט אפשר איבערלעך דערפילט זיין שאַ-פערישע געליימטקייט: אַז וויפיל ער זאָל נישט אויסשטרעקן זיין האַנט נאָך די דערגרייכונגען פון אַ גרויסן קינסטלער, וועט ער עטוואָס ווירקלעך באַדייטנדיקעס נישט דערגרייכן — איז עס גע-ווען פאַר אים אַ טראַגעדיע. צו ווייניק אינטעלעקט אַז ער זאָל קאָנען מיט זיך אַליין כאָטש מאַכן אַ שטיקל חשבון-הנפש און זיך ווי געהעריק אָפּשאַצן. אַרום אים, אין זיין סביבה, אָדער מ׳האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ גרויסן טאַלאַנט, אָדער מ׳האָט פאַר

לאַנגט ון אים מעשים, וואָס זענען געווען איבער זיינע כחות — איז די דאָזיקע טראַגעדיע ווייסענבערגס געוואָרן פאַר אים שוין נישט טראַגיש, נאָר אַ פּשוט אומגליק. זי האָט נישט — ווי יעדע טראַגיק — קלאָר געמאַכט פאַר ווייסענבערגן זיין אייגענעם ווערט און דערמיט געשטאַרקט אים אין זיינעווירקלעכע מעגלעכקייטן. גיין, ווייסענבערג האָט זיך געלאָזט מיטרייסן מיטן שטראָם, ער האָט פאַרלוירן יעטוועדע קאָנטראָל איבער זיך אַליין. ער איז גע-וואָרן פאַר זיך אַליין אַ פעטיש. ער האָט געגלויבט אין דעם וואָס מ׳זאָגט וועגן אים און אָנגעהויבן אויף זיך צו קוקן ווי אויף אַ פונדאַמענט פון דער יידישער ליטעראַטור. אין דעם דאָזיקן אין-זיך-זעלבסט-פאַרגאַרט-זיין, און דאָך פאָרט נישט קאָנענדיק אַרויס איבער די גרענעצן פון זיינע פעיקייטן, האָט ווייסענבערג אָנגע-הויבן אָט די גרענעצן מיט געוואַלט איבערצורייסן. ער האָט זיך גענומען אויפס כח, ער האָט דוקא געוואָלט אַרויס פון דער איי-גענער הויט. אָנשטאָט צו אַרבעטן איבער זיך — וואָס וואָלט זי-כער פאַר אים נוצלעכער געווען — האָט ער זיך נאָר באַמיט מיט אַלע מיטלען צו דערהאַלטן אויף דער פּאָזיציע, אויף וועלכער דער יידישער אידעאַליסט, און פאַרשידענע אַנדערע אויסערלעכע סיבות האָבן אים אַוועקגעשטעלט. דאָס אַלצדינג קאָן קיין גוטס נישט ברענגען. פאַר אַ קינסטלער איז אָט אַזאַ מין וועג זייער אַ גליטשיקער און זייער אַ געפערלעכער. ווייסענבערג האָט זיך טאַקע אויסגעגליטשט. ער האָט געמוזט אָנהויבן צו לעבן אין שטענדי-קער איבערגעשפּאַנטקייט. אין איין ציטערן איבער זיין שטעלונג, און — דאָס איז תמיד דער פּועל-יוצא פון אַן אומנאַטירלעכן מצב — אין כסדרדיקע איינרעדעניש. (איינרעדעניש איז דער ערזאַץ פון אַן אמתער טאַט.) ער האָט געמוזט אָנהויבן צו זען אין יעדן וואָס קוקט אויף אים אַנדערש — אַ „שונא". די מחנה פון „שונאים" וואָס „גייען אים אויפן לעבן" און דערמיט אויפן „לעבן" פון איינעם פון די פונדאַמענטן פון די ליטעראַטור, איז אין זיין אַמביציע אויסגעוואַקסן פון טאָג צו טאָג. ער האָט באַ-קומען אַ מאַניע אַז מען פאַרפאָלגט אים שוין דערמיט, וואָס מ׳איז נישט מודה אין זיין גרויסקייט. אויך די קרענקלעכע קנאה אויף

אַשן איז געקומען דערפֿון, וואָס מ'האָט דורך אַ מיספאַרשטענדע־ניש געזעען אין זיי ביידן צווילינגס־טאַלאַנטן און צוויי קאָנקו־רענטן אין דער יידישער ליטעראַטור. ווייסענבערג האָט געזעען אין דעם בנצחון־צוג פון אַשס שאַפן אַ „פּערזענלעכע קריוודע". אַש איז גרויס געשט דורכדעם, ווייל ער איז פיל גרעסער פאַר אים, ווייסענבערגן, נאָר פשוט אַש גייט ווייסענבערגן אין די „נכסים" אַריין און וואַקסט אויס אויף ווייסענבערגס חשבון. אַש שטעלט בייז־וויליק ווייסענבערגן אין שאָטן אַריין. אָט די פאַרפאָלגונגס־מאַניע פון „שונאים" און די אומבאַרעכטיקטע קנאה אויף אַשן האָבן איב־פאַרביטערט דאָס לעבן און געטריבן פון נאַרישקייט צו נאַריש־קייט: זייגע אומגעלומפּערטע קאַמפן אַ קעגן פאַרשידענע יידישע ליטעראַטן. נאָך אומגעלומפּערטערע פאַמפלעטן אַקעגן זיין הויפט „קאָנקורענט", אַקעגן שלום אַש.

וואָלטן זיך אָט די אַלע נאַרישע איינרעדענישן ווייסענבערגס אויסגעדריקט בלויז אין זייגע דאָן־קישאָטישע „מלחמות", איז עס נאָך נישט דאָס ערגסטע. עס ליגט שוין אין דעם כאַראַקטער פון אַ געקרענקטן ווונדער־קינד אָפּצוטון נאַרישקייטן. פאַטאַל איז עס אָבער פאַר אים געוואָרן דערמיט, וואָס אַלע אָ די קליינלעכע אַמביציעס און פאַרביטערטקייטן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוּוואַקסן ווי שעדלעכע קרייטעכצער אין די גרענעצן פון זיין טאַלאַנט. זיי האָבן אין די כּחות פון זייגע פעיקייטן אָנגעמאַכט אַ תּוהו ובוהו און אים אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ אַז אָנשטאָט עפּעס ווירקלעכעס צו שאַפן, האָט ער נאָר געוואָלט באַווייזן „ווונדער". זיך כּסדר מעסטן ווער ס'איז גרעסער. ווייסענבערג האָט עס מסתּמא אין זיין אונטער־באַוווסטזיין דערפילט אַז אין זיין „געיעג" צו זיין דער „גרויסער מאַן", איבערהויפט אין זיין שוואַכסטן פּונקט — אין דעם „וועט־קאַמף" מיט אַשן — וועט ער בלייבן הינטערשטעליק: אַז זיין נאַטוראַליזם, און דער מכלומרשט בייער און מעכטיקער קוואַל פון „געזונטקייט" וואָס איז דורך אים אַריינגעבערענגט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט נישט קיין שום אויסוועג. דאַ־מאָלס ווען גראָד ביי אַשן ווערט דער דאָזיקער טיפּסטער, פון אַ יעדן באַדייטנדיקן קונסט־ווערק זיך אַבסטראַהירנדיקער אויסוועג,

קלאָרער און בולטער פון ווערק צו ווערק. ווייסענבערג האָט עס אפשר דאָך ערגעץ־ווו אין זיך דערפילט, אַז אין זיין נאַטוראַליזם דרייט ער זיך אַרום אין אַ לאַבירינט וואָס ער איז נישט אים־שטאַנד אים אַדורכצוברעכן. אין דער דאָזיקער נישט־אויפשטרעבנדיקער שווערקייט פון ווייסענבערגס נאַטוראַליזם, נישט ער, נישט מיר זיינע לעזער, וועלן קאָנען ווען עס איז אַמאָל אויפאָטעמען. אין ווייסענבערגס רעאַליזם איז שטענדיק געווען עפּעס פון אַ טעמפּקייט, פון אַ בלייערנער משא, עס האָט אים נישט געלאָזט זיך דערהויבן. תמיד האָט עס נאָר אַראָפּגעשלעפּט. ווייסענבערג האָט עס, אַזוי צו זאָגן, דערפילט אַז אים פעלט די „אידעע״; די גרויסע אַבסטראַקטע אידעע וואָס אויך דער נאַטוראַליזם מוז אין זיך האָבן כדי צוצוגיין צו וואָסער עס איז הויך: דער אויסוועג. ווייסענבערג האָט די נויטווענדיקייט פון דער דאָזיקער „אידעע״ צו וועלכער עס אַבסטראַהירט זיך יעדע באַדייטנדיקע קונסט, נישט פאַרשטאַנען. (אויך שלום אַש איז אויבערפלעכלעך באַטראַכט אַ שרייבער אָן אַן „אידעע״, זיינע ווערק זענען אָבער פול מיט אידעע ווי אַ קוואַל מיט וואַסער.) נישט האָבנדיק אין זיך אָרגאַניש קיין קינסטלערישן אויסוועג, טאַקע דעריבער ווייל ווייסענבערג איז נישט קיין וויכטיקער קינסטלער, האָט ער געמיינט אַז די אידעע צו וועלכע יעדעס גרויסע שאַפן מוז סוף כל סוף צו קומען, איז עפּעס אַ זאַך, וואָס מ׳קאָן אויסקליגלען, אויסחכמהנען, מיט געוואַלט די דאָזיקע „אידעע״ אָנכאַפּן פאַר די הערנער. ער האָט זי זייער שלעכט אָנגעכאַפּט פאַר די הערנער. צום אומגליק איז ווייסענבערג נישט קיין אינטעלעקטועלער קאָפּ, און די „אידעאישע״ ווערק, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן כדי צו באַווייזן אַז ער איז אַ „גרויסער שרייבער״, זענען אַרויסגעקומען שלעכט ביז גאָר, און זייער געשמאַקלאָז. אין אַזאַ „זאַך״ ווי „אַ טאָג אין געריכט״ קלעבט זיך דאָרט ממש נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט און עס איז פול פון ווילדקייטן און נאַרישקייטן. אין דער היפּער־פּסיכאָלאָגישע עראָטישע נאָוועלע „זעלבסט שיק״ קריכט ווייסענבערג פּשוט אויף די ווענט כדי צו באַווייזן זיין „מייסטערשאַפט״ אין דעם ענין פון עראָטיק, און עס קומט אַרויס קלעגלעך. הגם

גראָבע עראָטישע זאַכן ווי „דבורהלע" און אַנדערע, זענען אים
דאָך אין זיינע יונגערע יאָרן געראָטן. תמיד זענען איבערגע־
שפּאַנטקייטן פאַר אַ שריפטשטעלער געפערלעך. זיי פירן אים
אַראָפּ פון וועג. פאַר וויסנבערגן אָבער, האָבן זיי געדראָט מיט אַ
טויט־קלאַפּ. דער טויט־קלאַפּ פאַר אים איז געקומען. זעלטן־ווען
ענדיקט זיך די קאַריערע פון אַ שרייבער מיט אַזאַ ירידה ווי עס
האָט זיך געענדיקט די שריפטשטעלערישע טעטיקייט פון י. מ.
ווייסענבערג. דער וועג פון זיינע ערשטע ביז צו זיינע לעצטע
זאַכן איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ מיט אומגעוויינטלעכער שנעלקייט.
אַ חוץ דעם וואָס עס איז אפשר געווען דער „מיני תקל ופרסין"
בכלל אויף די האָפנונגען פון אַ יידישן מאַטעריאַליזם, — די
האַנט פון שיקזאַל — איז עס נישט ווייניקער געווען די שולד
פון די אַלע וואָס האָבן פון ווייסענבערגן צופיל פאַרלאַנגט. און
ס'איז געווען די שולד פון דעם אומגליקלעכן ווייסענבערגן זעלבער,
וואָס אויף די הויכענישן וווּהין מ'האָט אים אַרויפגעשטעלט, האָט
אים אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן. ער האָט פאַרלוירן
דאָס גלייכגעוויכט, איז אַראָפּגעפאַלן, און פאַרלוירן געוואָרן
אויף תמיד.

דער אַרימער.

פערט קאַפּיטל

ס'איז נישט צו פאַרלייקענען: קוים איז ווייסענבערג נישט קיין אידעאַליסט, מוז ער צוגיין צום יידישן שטעטל — און צום שטעטל אַלס סימבאָל פון דער יידישער ווירקלעכקייט בכלל — מיט אַנדערע אויגן ווי עס איז צו דעם דאָזיקן שטעטל צוגעגאַנגען אַ שלום אַש. פון מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפּונקט אויס, איז דער שבת-אידעאַליזם פון דער יידישער ווירקלעכקייט נישט קיין עקזיסטענץ-ווערט. ער באַרעכטיקט צו גאָרנישט. מ'קאָן פון זיינעטוועגן נישט נעמען אויף זיך דעם שווערן גורל פון יידישן לעבן. ווערט דעם ר' שלמה נגיד און דעם גאָסטינינער רבין אויסגעטון די שבתדיקע קאַפּאָטע, הערן זיי אויף צו זיין די פאַרהערלעכטע סימבאָלן פון אַ באַזונדער יידיש וועלט-געפיל — דאַן זענען זיי בלויז פשוטע בשר ודמס, בלויז טיפּישע פערזאָנען. פאַר שלום אַשן און פאַר פּרצס אידעאַליזם, האָט דער סאָציאַלער אונטערשיד צווישן די העלדן פון זייערע ווערק נישט געשפּילט קיין שום ראָליע. די הויך אויף וועלכע די יידישע ווירקלעכקייט איז דורך זיי געשטעלט געוואָרן איז געווען די אַבסטראַקציע פון אַ גרויסן אידעאַליסטישן אויסבליק: אַן אויפשטרעבנדיק היסטאָריש-אידעאַליסטיש שוישפּיל. אַלע טרעגער און מיט-שפּילער פון דער דאָזיקער היסטאָרישער אידעע פאַרלירן אין יענער אַבסטראַקטער אַטמאָספער זייער טאָג-טעגלעכן מלבוש. אינם מערכן ווערט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן דעם מלך און דעם עבד. אינם כשוף פון דער פאַנטאַזיע פאַרשווינדן די סאָציאַלע אונטערשידן מיט וועלכע ס'איז אַזוי אָנגעווייטאָקט די ניכטערע ווירקלעכקייט. אומגעקערט: מיט דעם וואָס ברק און

אַש האָבן זיך באַמיט אויס דער טאָג-טעגלעכער יידישער ווירק־לעכקייט צו מאַכן אַ מלכות פֿון פאַנטאַזיע, מיט דעם האָבן זיי איר געגעבן דעם זכות הקיום. די פּרצישע שבת־יום־טובדיקייט האָט געזאָלט זיין די קאָמפּענסאַציע פֿון אַ גרויסן אינערלעכן ספק. די קאָמפּענסאַציע פֿון אַ גרויזאַמע היסטאָרישע עולה. ווען מענטשן זענען שוין אַ טריט פֿאַרן אָפּגרונט, הויבן זיי פּלוצלינג אָן צו זינגען אַ ליד פֿון דערלייזונג. פֿאַרן אָפּגרונט ווערן די מענטשן די באַיוווסטע אָפּטימיסטן. עס איז אמת, אין דעם דאָזיקן אָפּטי־מיסטישן יידישן אידעאַליזם איז פֿאַראַן אַ לעבנס־אַסקעזע. אַס־קעטן זאָגן זיך אָבער נישט שטענדיק אָפּ פֿון זייערע ליידנשאַפֿטן. אַסקעטן לענקען זייערע ליידנשאַפֿטן אויף אַנדערע וועגן. אין אָט דעם אָנגעהויבענעם שאָטן־שפּיל, אין די שעה צווישן טויט און לעבן, ווער קאָן דען זען די שוואַרצע פֿלעקן פֿון דעם טאָג-טעגלעכן דאָזיין? ווען זיי געפֿינען זיך אין די אַנגסטן פֿון זייער לעצטער שעה, מוזן די מענטשן אייגער דעם אַנדערן מוחל זיין די געטוענע עולות. חשבון־הנפש. אַנדערש אָבער וויסענבערג. נישט די יידישע ווירקלעכקייט איז פֿאַר אים געווען אַ שבת־יום־טובדיקייט, נישט די שבת־יום־טובדיקייט האָט פֿאַרן יידישן נאַטוראַליזם געזאָלט זיין דער תירוץ און דער אויסוועג.

אַזוי זעען מיר אויך יענע שטילע טיפֿע אידיליע פֿון אַ לעבנס־בין־השמשות: די טרייסט פֿאַר די וואָס האָבן אין לעבן פֿאַרשפּילט, אָבער הערלעך פֿאַרשפּילט. דער נצחון פֿון די באַזיגטע — אַלע די דאָזיקע שיינע חלומות פֿאַרשווינדן ווי רויך. אַ גאָלדענע פּאַווע איז געפֿלויגן איבערן יידישן שטעטל, זאָגט זיך אין אַ פֿאָלקס־ליד. די גאָלדענע פּאַווע האָט פֿאַרלוירן אַ גאָלדענע פֿעדער. דער יידישער אידעאַליסט האָט אויפֿגעהויבן די יענע גאָלדענע פֿעדער. ער האָט געוואָלט מיט איר אָנשרייבן די פּאָעמע פֿון יידישן וועלט-דאָזיין. פֿאַרן נאַטוראַליסט איז יענער וווּנדערלעכער פֿויגל נישט געווען קיין טרייסט. די יידישע ווירק־לעכקייט האָט זיך פֿאַר זיינע אויגן נישט געוואָלט פֿאַרוואַנדלען אין אַ גלויבן. די גאָלדענע פּאַווע האָט פֿאַרבייגעשוועבט, זי האָט אים נישט אָנגערירט. זיין אָרימער שטעקן האָט זיך נישט

פונאַנדערגעבליט אין מאַנדלבליטן. דער יידישער נאַטוראַליסט איז פאַרבליבן אָרים, דער וואַנדער־שטעקן אין זיין האַנט איז געבליבן דער שטעקן פון אַן אָפּגעריסענעם בעטלער. אַ גאָלדענע פּאַווע, טרייסט אונזערע, חלום אונזערער! „גאָט האָט באַשאַפן אַזאַ שיינע וועלט, זאָגט ער צו חיימלען, און טראַכט באַלד אַז דאָס אַלץ איז נישט פאַר די וואָס מוזן זיצן און אַרבעטן אין שטוב" („דור הולך ודור בא"). דער גרויסער סאָציאַלער אונטערשיד אין דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס דער יידישער אידעאַליסט האָט אים אין דער אמתן אויך געזען (נאָר ווי עס וועט מיר נאָך שפּעטער אויסקומען צו רעדן דערפון, האָט דער יידישער אידעאַליסט דעם דאָזיקן סאָציאַלן אונטערשיד אַלס היסטאָרישע טרייב־קראַפט פון קלאַסן-קאַמף זיך באַמיט אויסצונוצן פאַר זיין יידיש וועלט-געפיל), פאַר אָט דעם קלאַסן־אונטערשיד איז דער נאַטוראַליסט געשטאַנען ווי פאַר פיזיש־מאַטעריעלע פאַקטן. ר' שלמה נגיד איז נאָר אַ פּשוטער בורזשוי. דער גאָסטינער רבי — עפּעס אַ פּאַראַזיטיש „רבל". דער אָרימער מענטש אין יידישן שטעטל ליידט נויט. דער שטאַרקער עקספּלאָאַטירט דעם שוואַכן. די אַלע סאָציאַלע נאָוועלן ווייסענבערגס ריידן נאָר פון דער דאָזיקער אומגערעכטער ווירקלעכקייט. עס פעלט נישט אין אָט אָ די נאָוועלן קיין איראָניע, מיט וועלכע די געקריוודעטע און דערנידריקטע פון לעבן טרייסטן זיך: דער שווער פאָרט צום איידעם אויף „קעסט" („צום איידעם אויף קעסט"). אויפן געפאַלענעם אַרבעטערס אָרט וועט זיין אַן אַנדערער וואָס וועט פאַר אים אָפּאַרבעטן. חיימל וועט אָפּאַרבעטן. דור הולך ודור בא. דער דורך דעם גאַנצן לעבן געהעצטער מאָטקע, וואָס מ'האָט אים, ווייל ער איז דער אָרימסטער, אָפּגעגעבן פאַר אַ ניקאָלאַיעווסקן זעלנער, ער האָט געליטן אַלע זיינע יאָרן, און שפּעטער ווען ער איז שוין אַלט, איז זיך דער שוואַכער נוקם דערמיט וואָס ער וואַרפט אַריין אַ שטיין אין דער חורבה, וווּ עס איז אַמאָל געווען דעם גביר ר' פּתחיהס הויז. אַזוי הילפלאָז באַצאָלט דער געקריוודעטער דעם „חוב" („אַ חוב"). קריינדעלע גייט זיך ראַטעווען אין דער „געזעלשאַפט", זי גייט אַוועק צווישן יידן, און ווידער איז עס

דער „שטאַרקער" וואָס באַעוולהט זי. קריינדעלע שטאַרבט ווי אַ שטומער פראָטעסט אונטער אפרימס פענצטער („קריינדעלע", אגב איז „קריינדעלע" די שטאַרקסטע פוןווייסענבערגס סאָציאַלע נאָוועלן. דער ערשטער טייל, הגם אונטערן איינפלוס פון „פישקע דער קרומער" שטייט קינסטלעריש אומפאַרגלייכלעך העכער ווי מענדעליס „פישקע". דער צווייטער טייל דערקעגן, דאָס פלומרשטע תשובה־טון און דאָס „אַוועקגיין צווישן יידן", איז שוין ערגער פונם ערשטן און איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ווייסענבערגס שאָטן־זייטן. ווען ווייסענבערגס העלדן ווילן געפינען די לעזונג, דאַן ווערן זיי אָנמעכטיק און בלוטלאָז און אויך די גאַנצע האַנדלונג פאַרלירט די שפאַנונג און ווערט אָנמעכטיק און בלוטלאָז. ווייסענבערג קאָן בשום אופן נישט געפונען קיין אויסוועג פון דאָרט ווו ער הויבט אָן, ער קאָן נישט שטייגערן די האַנדלונג, און דורכדעם אינערלעך גאָרנישט נישט דערגרייכן.) ר' יואל (די „טאַקסע"?) זיצט אים שבת ביי די גמרא און קויפט אָפּ גנבות. נאָך דעם משא־ומתן מיטן גנב גייט ער דאַווענען און דאָס ווייב זיינס גלאָצט פרום מיט די אויגן: „אוי ווי אַ ליכטיקער מאַן דאָס איז". אַפילו די ימים־נוראים, די הייליקע גאָטספורכטיקע טעג וואָס גיבן דעם אַש־שן שטעטל אַ ציטער פון איבערנאַטירלעכקייט, ווירקן אין ווייסענבערגס שטעטל ווי אַ גראָבע ברוטאַלע קראַפט. אין די הימלען איבערן שטעטל זיצט נישט קיין אל רחום וחנון וואָס שטראָפט זיינע יידעלעך מיט באַרמהאַרציקייט, אַ „טאַטע אין הימל", נאָר עפּעס אַן אָנגעברוגזטער „מולך", אַ ביי־זער, אָן פינק פון רחמנות באַזעצט ער זיך ביי זיי אין די אלול־טעג ווי אַן „עקזעקוציע". ער וויל די שוין גענוג באַעוולהטע נאָך צו פייניקן און זיי פילן זיך אַקעגן דעם יידישן גאָט „ווי אַ פייגעלע אין שטורעם־ווינט". אַזעלכע שרעקלעכע טעג, די ימים־נוראים טעג: „דער הימל האָט געבליטיקט און געשראָקן און דער פאַרנאַכט האָט נאָך מער אימה געוואָרפן", „די הענער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָג נישט צום קרייען, נאָר צו שרייען מיט ביטערע יעמערלעכע קולות, מיט קולות פון לית דין ולית דיָן". „לית דין ולית דין" איז דער הויפּט־מאָטיוו פון ווייסענ־

בערגס סאָציאַלע נאָוועלן. אין קינסטלערישער הינזיכט ליידן זיי אַלע די חסרונות פון ווייסענבערגס טאַלאַנט: זיי זענען נישט פולקאָמען, עס פעלט אין זיי דער מאָמענט פון שטייגערונג, דערפאַר אָבער איז בולט די סאָציאַלע טענדענץ. נאָך מער: דער סאָציאַלער קלאַסן־האַס; דער האָפנונגסלאָזער אויסגעשריי פון לית דין ולית דין. דער קלאַסן־האַס און דאָס פאַרביטערטע געפיל פון לית דין ולית דין ווירקט אַזוי מוטלאָז און איראָניש אין ווייסענבערגס סאָציאַלע נאָוועלן, ווייל דאָס גאַנצע לעבן וואָס ער שילדערט און אַלע זיינע העלדן האָבן נישט קיין שום שווונג. נישט דאָס פּערזענלעכע לעבן, נישט דאָס קאָלעקטיווע לעבן, איז ביכולת אונטער ווייסענבערגס שילדערונגען, זיך צו דערהויבן אין די אייגענע פּאָטענצן און צו געפונען די לעזונג. נאָר ווען אין אַ געזעלשאַפט איז פאַראַן דער דאָזיקער כח — די מעגלעכקייט פון אַן אויסוועג — ווערט דער קלאַסן־האַס פאַרוואַנדלט אין קלאַסן־קאַמף. קאַמף איז אויסוועג. קאַמף איז גלויבן. מ׳קעמפט קיינמאָל נישט אָן גלויבן. ווייסענבערגס העלדן גלויבן נישט. נישט דעריבער ווייל זיי זענען אַזעלכע קלוגע סקעפּטיקער, נאָר פשוט דורך די טעמפּע און שווערע אַטמאָספערע מיט וועלכע ווייסענבערג רינגלט זיי אַרום, מיט דעם אַליין שליסט ער פאַר זיי אָפּ יעדע מעגלעכקייט פאַר גלויבן, פאַר קאַמף. אין אַן אַטמאָספערע אָן שום האָריזאָנטן מאַכט דער קלאַסן־האַס דאָס לעבן פאַר אַן אמתן יאָמער־טאָל. די מענטשן פייניקן זיך דאָרט און שטיקן זיך איינער נעבן צווייטן ווי הערינג אין אַ פאַס. אָן די פרייד פון האָפנונג און אמונה בלייבט דאָך דאָס לעבן סוף כל סוף אַ גיהנום. וואָסערע אָנהאַלטן און וואָסער טרייסט אין זיך, קאָן שעפּן די דאָזיקע אָנמעכטיקייט פון ווייסענבערגישן נאַטוראַליזם?

פינפֿט קאַפּיטל

JEWISH CULTURAL CLUB

וואָס וועט זיין? די דאָזיקע פראַגע האָט ענדלעך דאָך
אַמאָל געמוזט אויפשווימען אין די טרייסטלאָזע עקזיס=
טענץ=פאַרהעלטעניש, ווי עס האָט זיי געזען דער
יידישער נאַטוראַליסט. ס'איז נישט געווען בלויז אַ
סאָציאַלע טרייסטלאָזיקייט, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלע טרייסטלאָזי=
קייט. וואָס ס'אַראַ ווערט איז דערין, וואָס מיר זענען יידן? מ'מוז
נישט דוקא זיין קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, אַז מ'זאָל
אינם יידישן לעבן זעען דעם ענגן צוזאַמענהאַנג צווישן די גייס=
טיקע און נאַציאָנאַלע ווערטן מיט די סאָציאַלע ווערטן. מ'דאַרף
נישט פאַרגעסן: מיר צאָלן מיט עקאָנאָמישע און סאָציאַלע נויטן
פאַר אונזער יידיש וועלט=דאָזיין. אַ ייד צו זיין איז שווער.
דער יידישער אידעאַליסט האָט פאַר דער דאָזיקער לעבנס=טראַ=
געדיע פון אַ פאָלק געהאַט זיין תירוץ: דאָס יידישקייט איז געווען אַ
טייל פון זיין וועלט=אָנשויאונג. צו זיין גייסטיקער קאָנסטרוקציע, צו
די באַגריפן זיינע וועגן וועלט און מענטשן, צו די פאָדערונגען זיינע
צום לעבן און צו די גאַנצע הויה פון לעבן האָט דער יידישער אידעאַ=
ליסט אין זיין וועלט=באַנעמען נויטיק געהאַט דעם היסטאָריש=יידישן
עלעמענט. דאָס יידישע עלעמענט האָט געזאָלט פאַרקערפערן אָדער
אים אויסקעמפן זיינע אידעאַלן. דאָס ליידן אין דער יידישער עק=
זיסטענץ האָט זיך פאַרן יידישן אידעאַליסט אויסגעשטראַלט אין אַ
גלויבן. ער האָט געגלויבט אין יידן. אין דעם דאָזיקן גלויבן האָט ער
געפונען אַ באַפרידיגונג. דער דאָזיקער גלויבן האָט אים געגעבן
די אילוזיע פון קאַמף. דער קאַמף פאַר אַ וועלט=געפיל. נאָר אַזוי
קאָן מען באַגרייפן דעם טעמפעראַמענט און די גליקזעליקייט

וואָס פּרץ און אַש געפונען אין זייער יידישן אידעאַליזם. דער נאַטוראַליסט האָט זיך שוין לויט זיין גייסטיקער קאָנסטרוקציע נישט געקאָנט באַפרידיקן מיט אידעאַליסטישע אילוזיעס. די פראַגע וואָס וועט זיין, דאָס זוכן וואָסער עס איז ווערט בכלל אין דער גאַנצער עקזיסטענץ אונזערער, פאַר וועלכער מיר זענען אַזוי פיל מקריב און וואָס פאַר דעם אידעאַליסט זענען זיי שוין געווען פאַרענטפערט—פאַרן נאַטוראַליסט זענען אָט די אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגן געשטאַנען ווי אַ מעמענטאָ מאָרי.

וואָס וועט זיין?

פאַר מענדעלי מוכר ספרים איז דאָס יידישע שטעטל געווען אַ קאַבצאַנסק, אַ טונעיאַדעווקע. דאָס געמויזעכץ פון פּאַראַזיטן און שנאָרער. מענדעלין האָט געעקעלט פאַרן יידישן לעבן. עקעל און שנאה זעטיקן אונזערע ספקות פּונקט אַזוי ווי גלויבן און ליבע. אין עקעל און שנאה קאָנען מיר זיך אויסלעבן. אין זיין עקעל האָט מענדעלי מוכר ספרים געפונען דעם ענטפער אויף יענעם מעמענטאָ מאָרי. פאַר דעם נאַטוראַליסט איז די יידישעווירקלעכקייט, נאָכדעם ווי פון איר זענען אָפּגעטון געוואָרן די אַלע שיינע אילוזיעס פון אידעאַליזם, פאַרבליבן אַלס אַ יש פון האָפענונגסלאָזיקייט. „אָט דאָרט הינטער דער שטאָט איז אַ שווערע מחנה געלעגן און דאָ (אין שטעטל״) איז אַלץ אַזוי קליין, אַזוי נידעריק און אויף ניכטערן שפייעכץ האַלט עס זיך... יענער מחנה זאָל זיך נאָר פאַרגלוסטן, מאַכט זי זיך אַ געלעכטערל — נישט מער ווי אַ גויאיש געלעכטערל — און יעדער איינציקער פון זיי נעמט זיך פון די הייזלעך אַ באַל מיט אַ פּאָר פוילע שוועלן אונטערן אָרעם און גייען זיך אַוועק זייער וועגס איבערלאָזנדיק אַ ליידיקן פלאַץ״ (י. מ. ווייסענבערג: „אַ שטעטל״). ווען מען איז נישט קיין אידעאַליסט, און האָט מען נישט וואָסער עס איז קאָמפּענסאַציע פאַר אָט אָ דער באָדענלאָזער עקזיסטענץ, מוז מען טאַקע קומען צו גאַנץ קלעגלעכע אויספירונגען. געוויס איז עס נישט ווייסענבערג וועלכער איז איבער זיין אייגענעם נאַטוראַליזם געקומען צו וועלכע עס איז קאָנסעקווענצן. ווייסענבערג האָט גאָר נישט נישט געוואָלט, ממילא אין גאָרנישט נישט געוואָרן אַגטוישט.

אָבער די אַלע מאַטעריאַלן וועלכע ער זאַמלט אָן און די שיל־דערונגען זײַנע פון יידישן לעבן, אין וועלכע מ'האָט אָנגעהויבן צו זעען אַ סימן פון נאַטוראַליסטישער יידישער „געזונטקייט", זיי פירן שוין אַליין צו דערצו, אַז די הענט פאַלן אַראָפּ, מיר זעל־בער מוזן קוקן אויף זיך דערשלאָגן און מוטלאָז.

די אַלע לעבנס־באַדינגונגען פון דער יידישער ווירקלעכ־קייט ווי מיר טרעפן זיי אין ווייסענבערגס סאָציאַלע נאָוועלן, קוים פעלט זיי אַ יסוד פון וועלכן אויס זיי זאָלן זיך קאָנען אַרויסהויבן, געפונען וואָסער עס איז אויסוועג — קוים פעלט זיי דאָס אַלצדינג, דאַן זענען זיי שוין פון פאָרויס אָן פאַראורטיילט צו אַ פולשטענדיקער רעזיגנאַציע. זאָלן מיר דען נישט רעזיג־נירן, ווען מיר ווייסן אַליין אונזער איבריקייט אַלס דאָזיין? ווען עס פעלט אַ יעדע אידעע וואָס וואָלט געקאָנט באַרעכטיקן די לאַגע אונזערע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וועלכער איז דאָס דער כח וואָס זאָל אונז שטאַרקן און זאָל אונז, אַלס אַ באַזונדער מענטשלעך עלעמענט, אַרויספירן צום קאַמף פאַר עפּעס וואָס? אין דער ווייסענבערגישער, ווי בכלל אין דער יידיש־מאַ־טעריאַליסטישער אַטמאָספער, בלייבן מיר שטיין ווי די נישטיקסטע, אָן די פאַנטאַזיע פון דעם אידעאַליסטישן פּרצישן דאָן־קישאָט: שלמה. אין פּרצישן דאָן־קישאָטיזם איז געווען אַ גרויסער גלויבן, אַ גרויסער ווילן. מיר אָבער, אין די פּערספּעקטיוון פון יידישן נאַטוראַליזם, בלייבן די דאָן־קישאָטן די צעשלאָגענע, די צעהרגעטע, די אמת קאָמישע פיגורן, די אומגליקלעכע קאַריקאַטורן וואָס שטייען אומבאַהאָלפענע איבער לעבן און מאַכן דעם אָנשטעל ווי זיי ווילן עטוואָס טון. אָן יענעם אידעאַליסטישן אויסבליק וואָס מאַכט פון אונזער וועלט־אָרימקייט אַ שבת־יום־טובדיקייט, וואָס גלויבט אין אונז און פאַרלאַנגט פון אונז דעם זשעסט פון אַ היסטאָרישן פאַקטאָר, אָן יענער אידעע, בלויז מיט אונזער אָרימע ווירקלעכקייט, מיט אונזער „נאַטוראַליסטישע" ווירק־לעכקייט, וואָס זענען מיר דען מער ווי הוילע צוטשעפּענישן צו אַלעם וואָס שטייט אויף דער וועלט מיט ביידע פיס. אָן אַ ווערט־אינהאַלט קאָנען מיר זיך נאָר נאָכשלעפּן ווי אַן איבריקע משא אין

יענע הייליקע מאָמענטן, בעת די מענטשהייט ציט אַרויס אויפֿן וועג צו זוכן דאָס גרויסע געשען. זענען מיר דאָס די דאָן-קי־שאָטן? ניין, דאָס זענען יענע וואָס האָבן אין זיך די וועלט און דאָס לעבן און גייען זוכן די דערלייזונג. מיר לויפֿן נאָך פֿון הינטן ווי די סאַנטשאָ פּאַנסאָס. קליינע אָרימע סאַנטשאָ פּאַנסאָס.

זעקסט קאַפּיטל

JEWISH CULTURAL CLUB, OF SASKATOON

ווען משלים וואָלטן תמיד צוגעטראָפן, וואָלט איך די אידעאָלאָגיע פון שלום אַשס שטעטל-מאָטיוון פאַרגליכן מיט דעם לעבנס-באַנעמען פון דעם הערלעכן שפּאַנישן ריטער דע לאַ מאַנטשאַ. דאָס „שטעטל" פון ווייסענבערגן וואָלט איך פאַרגליכן מיט דעם אָרעמען סאַנטשאָ פּאַנסאַ. ס'איז נישט בלויז דעריבער ווייל די מאָס פון טאַלאַנטירטקייט איז פאַרשידן ביי אָט די ביידע יידישע שריפטשטעלער. ס'גייט מיר דערין: וועלכע איז די באַציונג וואָס די ביידע שריפטשטעלער האָבן אי צו זיך, אי צו די גאַנצע וועלט אַרום זיך? וועלכע איז די ווערט-שאַצונג וואָס זיי האָבן אי צו זיך אי צו דער וועלט?

דער קאָלעקטיוויזם שלום אַשס איז דער פּועל-יוצא פון פרצס אינדיווידואַליזם. אַ ווייטערע ליניע אין פרצס היסטאָריש-יידישן אידעאַליזם. הגם אַש באַטאָנט נישט בפירוש דאָס רעוואָלוציאָנערע עלעמענט אין יידישן וועלט-דאָזיין, ווי פרץ האָט עס געטון אין דער „גאָלדענער קייט", איז דאָך שלום אַש דורך און דורך רעוואָלוציאָנער. רעוואָלוציע איז דער סך-הכל פון גרויסע פאַרלאַנגען: דער גלויבן אַז אינם לעבן זענען פאַראַנען מעגלעכקייטן די דאָזיקע פאַרלאַנגען צו פאַרווירקלעכן. אָן דעם אוצר פון אינערלעכע מענטשלעכע שיינקייטן, אָן אמונה אַז מ'קאָן די וועלט פאַרוואַנדלען אַזוי ווי עס ווילן די בענקשאַפטן פון מענטשנס געמיט, אָן דעם אַלעם ווי וואָלטן די מענטשן געקאָנט מאַכן אַ רעוואָלוציע? אומעטום ווו מיר גלויבן נאָר אַז היגטערן לעבן זענען פאַראַן די קוואַלן פון די גרויסע מעגלעכקייטן, דאָרט פעלט אונז שוין

נישט דער מוט אָנצווענדן אַלע אונזערע כּחות, און מיר זאָלן ווען נישט קיין קרבנות די דאָזיקע מעגלעכקייטן צו פֿאַרווירקלעכן. מיר גלויבן: ערגעץ-ווו אין די מענטשן איז דאָ אַ וועג צו גליק. מיר באַמיען זיך אַרויפֿצוקומען אויף יענעם וועג. פֿון אינערלעכער גליקזעליקייט, פֿון די שענסטע חלומות וועגן אונז זעלבסט, זענען מיר רעוואָלוציאָנערן.

רעוואָלוציע איז גלויבן.

דערמיט איז אויך שלום אַש דורך-און-דורך רעוואָלוציאָנער. שטעלט ער דאָך דאָס גאַנצע יידישע לעבן אויפֿן וועג פֿון אַ צוקונפֿט! אַלע גלויבונגען, געפֿילן און בטחונות, מיט וועלכע ער נעמט אַרום דאָס יידישע שטעטל, זענען נישט מער ווי די זיכערקייט, אַז דאָרט זענען פֿאַרבאַהאַלטן אַזעלכע איידעלע מענטשלעכע ליכטיקייטן, וואָס ווען זיי וועלן מקוים ווערן, וועט דאָס לעבן פֿאַר אונז באַקומען אַ העכערן ווערט. כּדי אַרויסצובאַקומען די העכערע ווערטן פֿון לעבן, דערמיט די העכערע ווערטן אין אונז זעלבער, וואַגט די מענטשהייט, אין פֿאַרשידענע מאָמענטן פֿון דער געשיכטע, טייל מאָל איר גאַנצע עקזיסטענץ און שטעלט גאַנצע דורות אויפֿן קאָן. דאָס לעבן פֿון יידישן קאָלעקטיוו אין אַ לאַגע פֿול מיט סכּנה און געפֿערלעכקייטן ווערט פֿון יידישן אידעאַליסט מהוה נאָר דעריבער, ווייל דער יידישער קאָלעקטיוו טראָגט אין זיך דעם קערן פֿון אַ גייסטיקער מענטשלעכקייט. דער יידישער אידעאַליזם געפֿינט זיין ווערט-באַוווסטזיין אין דער אילוזיע, אַז אַ געוויסער היסטאָרישער גורל האָט דעם יידישן קאָלעקטיוו געשטעלט אויפֿן וועג פֿון אַ גרויסער געשיכטלעכער טאַט. דער יידישער קאָלעקטיוו מוז מיט גליקזעליקייט בייגן דעם קאָפּ אונטער דעם דאָזיקן שווערן און באַדייטנדיקן שיקזאַל. אין דער דאָזיקער נאַאיווער אמונה, אין דעם מקריב זיין אַ גאַנצע ווירקלעכקייט פֿאַר אַן אידעע, ליגט שוין דאָס רעוואָלוציאָנערע פֿון דעם יידישן אידעאַליזם. געפֿינט דאָך דער אידעאַליסט די באַרעכטיקונג פֿאַר זיך נישט אין דער ווירקלעכקייט, נאָר אין דעם ווילן פֿון דער ווירקלעכקייט איבער זיך אַרויסצוקומען, אין דעם אייביקן קאַמף מיט זיך, אין דער רעוואָלוציי

דאָס איז דאָס פּאָזיטיווע אינם יידישן אידעאַליזם. תמיד האָט די פאַנטאַזיע געטריבן די מענטשן צו גרויסע מעשים. דער גלויבן און דער בליק אין די פּערספּעקטיוון פון דער ווירקלעכקייט — אומאָפּהענגיק דערפון, וויפיל רעאַלע פּראַקטישקייט עס איז אין דער אמתן פאַראַן אין יענע פּערספּעקטיוון — נאָר דער דאָזיקער גלויבן האָט אונז אָנגעשפּאָרנט צו קאַמף, מיט זיין אינערלעכער וועלט וואַגט זיך דער מענטש אַרויס אין דער אויסערלעכער וועלט. לויט די רייכטימער פון איר ווען וויל די מענטשהייט זען די וועלט אַרום זיך און אויפבויען די געזעלשאַפט. זאָג מיר וואָס דו פאַרלאַנגסט פון אַנדערע און איך וועל דיר זאָגן, וואָס דו ביסט. אויך דער סקעפּטישסטער סטאָאיציזם האָט קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן די מענטשן פון קאַמף פאַר די אידעאַלן. פון פאַנאַטיזם. דער טיפער סטאָאיציזם מאַכט אייגנטלעך דעם קאַמף פאַר דעם איינציקן רעטונגס-ברעט, אויף וועלכן מ׳קאָן זיך ווי עס איז ארויסבאַקומען פון דער האָפענונגסלאָזיקייט פון מענטשלעכן דאָזיין. אין מאָמענט פון קאַמף איז דער מענטש זיך גובר. די האָפענונגען פון קאַמף האָט נאָך דער גרעסטער סקעפּטיקער נישט אויסגעלאַכט. אין קאַמף האָט נאָך אפשר דער מענטש אויף עפּעס צו האָפן. מיר זעען אפילו אין דער היינטיקער צייט, ווי אַזאַ געטלעכער אפּיקורס, ווי אַנאַטאָל פראַנס, דער קלוגער סקעפּטיקער, ווערט מיטגעריסן פון אַ יעדן קעמפערישן פאַנאַטיזם, פון אַ יעדער רעוואָלוציאָנערער דערהויבונג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

דאָס איז אייגנטלעך דאָס רעוואָלוציאָנערע אין דעם יידישן אידעאַליזם. דאָס רעוואָלוציאָנערע איז אין גרונט גענומען דער איינציקער היסטאָרישער באַזיס, אויף וועלכן דער יידישער אידעאַליזם שטיצט זיך, זיין איין-און-איינציקער אויסבליק. הינטער דער אָרעמקייט פון דער יידישער ווירקלעכקייט איז דאָ פאַר אונזער אידעאַליסט די ראַדיקאַלסטע רעוואָלוציאָנערע האָפענונג, דער אויפריכטיקסטער גלויבן, אַז ווען מ׳וועט נאָך אַביסל איבערטראָגן, וועט קומען דער אויסגעחלומטער מאָרגן. נאָר צוצוואַרטן און קעמפן. אין דער מעגלעכקייט צו שטיין אונטער אַ שווערן

און גרויסן שיקזאַל און וואַרטן אויף דער האָפֿענונג, אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט זעט שוין דער אידעאַליסט די טאַטזאַך פֿון אַ קאַמף. קאַמף איז דער פֿאַרווירקלעכונגס־וועג פֿון דער טאַט, די דערלייזונג אין דער טאַט. דעריבער איז דאָ אַזויפֿיל העראָישקייט און הייליקייט אין דעם קאַמף פֿונם יחיד, אין דעם קאַמף פֿון די מאַסן.

איז עס דאָן־קישאָטיזם?

שאַדט נישט. די איינציקע פּאָזיטיווע דערגרייכונג דערוויַיל פֿון די מענטשן איז דאָך נישט מער ווי דער קאַמף און דער ווילן איבער זיך אַרויסצוקומען. דער יידישער אידעאַליסט האָט געזעען אַ היסטאָרישן זשעסט אין דעם אַרויסרייסן זיך מיט אַלע וורצלען פֿון זיך זעלבער און פֿון דער ווירקלעכקייט. אַ גאַנץ לעבן שטעלט זיך אונטער דער אומבאַקאַנטקייט, דערמיט אונטער דעם אַבסאָלוטן. דעם דאָזיקן זייער געוואַגטן זשעסט, דעם מו־טיקסטן אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע, האָט געמאַכט מיט זיך דאָס יידישע וועלט־דאָזיין. איז דאָס דער יידישער שיק־זאַל? דער דאָזיקער שיקזאַל: דער גאַנג אין דער וועלט, דער קאַמף איבער זיך אַרויס — עס זענען די ערשטע טריט אויף אַ וועג, אויף וועלכן אַלע מענטשן וועלן מוזן גיין.

דער אידעאַליסט איז דער גרויסער רעוואָלוציאָנער אין דעם גורל פֿון די מענטשן.

זיבנט קאַפּיטל

פֿער דער ווייסענבערגישער נאַטוראַליזם שטעקט אין
דיזער אַלטעגלעכקייט אָן יעדן געדאַנק.
נישט האָבנדיק אין זיך די טיפֿערע ווערטן
פֿון אַן עקזיסטענץ, קיין שום באַדייטנדיקע הויה

אַפּגן זיך זעלבסט, מאַכט די יידישע ווירקלעכקייט, אין דער באַלייכטונג פֿון י. מ. ווייסענבערג, אמת דעם איינדרוק פֿון עפּעס אַ כח, באַר פֿון אַן איבריקן כח. נישט ער גיט זיך צו עפּעס אַ יש, נישט ער גיט עס צו פֿאַר אַנדערע. קיינער קאָן אייגנטלעך נישט זאָגן, צו וואָס די געשיכטע גוויטיקט זיך אין דער דאָזיקער איבעריקער יידישער ווירקלעכקייט. ווייל דער ווייסענבערגישער נאַטוראַליזם פֿאַרמאָגט נישט אין זיך קיין שום אויסוועג (ווי איך האָב מיך באַמיט צו באַווייזן אין די פֿריערדיקע קאַפּיטלען), האָט ער אויך נישט די מעגלעכקייט און נישט דאָס אינערלעכע באַדערפֿעניש איבער זיך אַרויסצוקומען. דערמיט פֿעלט אים יעדע אָרגאַנישע באַדערפֿעניש צו רעוואָלוציע. איך האָב שוין אויבן באַמערקט: אינם געפֿיל פֿון זיין אייגענעם אינערלעכן עלנט, אין זיין פֿאַרביטערטקייט וועגן דעם שווערן יידישן לעבן, קאָן דער ווייסענבערגישער נאַטוראַליזם קוים דערגרייכן צו בלויזן קלאַסן-האַס. אין זייער אומבאַהאָלפֿענעם עלנט האַסן זיך די קלאַסן אין יידישן שטעטל. זיי האַסן זיך צווישן אַנאַנדער אין זייער אייגענער ענגשאַפֿט. לית דין ולית דין! צו אַן אמת רעוואָלוציאָנערן קאַמף אָבער, וואָס קומט דאַן, ווען מענטשן וואַקסן אין זיך אויס, ווילן איבער-זיך-אַרויס דערגרייכן, און מאַכן די טאַט און דאָס געשעען, אַרויסצורופֿן איבער זיך דעם גורל — צו דער דאָזיקער מדרגה

פון דערלייזונג קאָנען זיך ווייסענבערגס יידן קיינמאָל נישט דערהויבן. זיי זענען צו קליין אום צו זיין גרויס. רעוואָלוציע מאַכן די וועלט־אָרעמע, אָבער נישט די גייסטיק־אָרעמע. ווייסענבערגס מענטשן זענען גייסטיק אָרעם. זיי זענען גייסטיק אָרעם סיי אַלס יחידים און סיי אַלס קבוץ. די גאַנצע וועלט זייערע איז אָרעם.

וואָסערע באַדייטנדיקע מענטשלעכע ווערטן דעריבער האָט אָט אָ די גאַנצע ווייסענבערגישע יידישע ווירקלעכקייט, אַז זי זאָל האָבן אין זיך דעם אויפשוווּנג פון אַ רעוואָלוציאָנערער האָפענונג? וואָס איז זי? וואָס וויל זי זיין? וואָסער באַציונג האָט זי, אי צו זיך, אי צו די וועלט? זי האָט נישט די פאַרלאַנגען פון דעם פּאָזיטיוון וועלט־געפיל, ווייל זי האָט וועגן זיך אַליין די קלענסטע פאָרשטעלונגען. ווי דער געזעלשאַפט וואָס האָט וועגן זיך אַליין קליינע השגות. קוים פאַרמאָגט אַזאַ געזעלשאַפט נישט קיין אידעאַלן, האָט זי צום אַלעם ערשטן נישט קיין רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן, קיין דערהויבונג. ווערט זי אַמאָל דורך שטאַרקע אויסערלעכע סיבות גענויטיקט אָנצונעמען דעם אָנשטעל פון עפּעס אַ קאַמף, דאַן קומט אַרויס די גאַנצע אינערלעכע קטנות, דאָס קליינלעכע, דאָס נישיטיקע. מיר זעען דאַן די קלעגלעכע קאַריקאַטור פון אַ סאַנטשאָ פּאַנסאַ. סאַנטשאָ פּאַנסאַ איז דורך אַ הוילן שלים־מזלדיקן צופאַל געגאַנגען באַגלייטן דעם טרוימערישן דאָן־קישאָט אויפן וועג ווו דער מענטש גייט זיך דערלייזן. דערלייזן אין זיין ווילן, דערלייזן אין זיינע מעשים. דער קליינער סאַנטשאָ פּאַנסאַ מיט די קליינע באַגריפן וועגן די דרכים פון מענטשלעכער דערהויבונג! ווען ער שטעלט זיך אינם שאָטן פון אַ גרויסן מענטשלעכן טרוים, באַווייזט זיך ערשט רעכט ווי ווייט קאַרליק עס איז דער דאָזיקער צופעליקער סאַנטשאָ פּאַנסאַ.

אָט אָ דער סאַנטשאָ פּאַנסיזם אין „נאַטוראַליסטישן“ יידישן לעבן איז אַמבולטסטן אַרויסגעקומען אין י. מ. ווייסענבערגס „שטעטל“.

אין אָנהייב פון צוואָנציקסטן יאָרהונדערט (1905), איז אין מזרח־אייראָפּע, אין לאַנד ווו עס וווינען די מיליאָניקע יידישע מאַסן, אין לאַנד פון „שטעטל“ (דאָס דאַמאָלסדיקע רוסלאַנד),

אויסגעבראָכן די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע. אַ לאַנד פון הונדערט און אַכציק מיליאָן מענטשן האָט זיך געריירט אין דער רעוואָלוציאָנערער פּאַליע. הויכע מענטשלעכע לאָזונגען האָבן געפלאַקערט איבער דעם דאָזיקן געוואַלטיקן אויפגעבראַוזטן קאָלעקטיוו. די רוסישע רעוואָלוציע איז איינע פון די העראָישע קאַפּיטלען אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אַזוי פיל איידעל און רעוואָלוציאָנער העלדנטום, הן פון יחיד, הן פון קאָלעקטיוו.

ווייסענבערגס „נאַטוראַליסטיש” שטעטל געפינט זיך גראָד ווי אַ קליינע נישטיקע אָאַזע אין דעם ים פון רעוואָלוציאָנערן מענטשלעכן אויפברויז. אין דער געזעלשאַפט און אין די סאָציאַלע קלאַסן פון גרויסע פעלקער שפּילט זיך אָפּ דער קאַמף וועגן דער וועלט, וועגן דער צוקונפט. בכלל מאַניפעסטירן זיך אין דעם דאָזיקן גיגאַנטישן קאַמף די אינערלעכסטע פאַרלאַנגען פון די מענטשן. ווייסענבערגס „שטעטל” — די ווירקלעכקייט אָן שום „פאַרוואָס”-ווערט פון די דאָזיקע שטראָמען אויפגעהויבן ווי אַ קליין שפּענדל, אויפגעהויבן, אָבער נישט דערהויבן, בלייבט דאָס „שטעטל” אויך אין מיטן דער אַטמאָספער פון רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אָרגאַניש פולשטענדיק אידעעלאָז. קליינלעך. דורכדעם: פשוטע קאַריקאַטור. „רעוואָלוציע”-קאַריקאַטור! דער אידעאַליסט האָט דעם יידישן אידעאַליזם געשטעלט אַלס היסטאָרישן פאַקטאָר, ביי ווייסענבערגן האָט דער יידישער נאַטוראַליזם געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן איבעריקן גולם. דעם יידישן נאַטוראַליזם באַדאַרף קיינער נישט. די געשיכטע באַדאַרף אים נישט. דעריבער טאַקע ווייזט זיך אַרויס, איבערהויפּט אין די דערהויבנסטע מאָמענטן פון דער געשיכטע, זיין איבעריקייט. ווייסענבערגס „שטעטל” פעלט, בעת עס ווערט געטראָגן פון אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, דער אינערלעכער קאָנטאַקט, וואָס זאָל עס מיט דער דאָזיקער באַוועגונג צונויפבינדן: די אינערלעכע נויטווענדיקייט. אין דער צייט פון דער שטאַרקסטער היסטאָרישער דינאַמיק פאַרבלייבט דאָס „שטעטל” ווייסענבערגס דאָס, וואָס דער ווייסענבערגישער נאַטוראַליזם איז בכלל: אַ שטייענדיק וואַסער. עס קאָן זיך נישט באַוועגן איבער זיך אַרויס. קאָן נישט שטייגערן. דאָס פעלן וואָסער עס איז וועג

איבער זיך אַרויס, איז אַן אָרגאַנישער דעפעקט אין ווייסענבערגס שאַפן. ווען זיין קונסט ווערט פון שטאַרקע אויסערלעכע סיבות געטריבן צו באַוועגונג, דאַן פּלאָנטערט זיך דאָס שווערפעליקייט ווייסענבערגס אונטער די פיס פון זיינע העלדן ווי אַ שטרויכלונג. אין דער דאָזיקער שווערפעליקייט ווערן זיי הילצערן, אָן שום אויפשוואונג, אָן שום דערגרייכונג איבער זיך. די הענט זענען זיי געבונדן פון זייער אייגענער אומגעלומפּערטקייט. ווען די כוואַליעס פון באַוועגונג פאַרשלעפּן זיי מיט, אַקעגן זייער אייגענעם ווילן, דאַן באַוועגן זיך ווייסענבערגס העלדן ווי די אויסגעשטאָפּטע מאַנעקענען, ווי קאַריקאַטורן.

אין „שטעטל" נעמט ווייסענבערג, אַזוי צו זאָגן, זיך אַליין אונטערן שוץ. זיך און זיינע העלדן. דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אין זיין שפּעטערער ירידה־צייט קאָמפּענסירן זיין אייגענע געלימטקייט מיט „אידעישע" ווערק, מיט פּאַמפלעטישע ווינטמיל־קאַמפן, מיט באַוווסטזיניקן שפּילן אויף איבערגעטריבענער פּולווערטיקייט, דער דאָזיקער שטריך אין ווייסענבערגס כאַראַקטער באַווייזט זיך שוין אַרויס אינעם „אונטערבאַוווסטזיין" אין „שטעטל". אין „שטעטל" איז נאָך נישטאָ די קראַנקהאַפטע עמפּינדלעכקייט וועגן דער פּערזאָן זיינער, אָבער די פּערזאָנען ווייסענבערגס, אַרויסגעפירט אין דער אַטמאָספערע פון אַ היסטאָרישע טאַט, זענען זיי נישט ווייניקער אומבאַהאָלפן ווי ווייסענבערג זעלבער אויף אַ ניוואָ פון באַדייטנדיקע קינסטלערישע מעשים. זיי מאַכן זשעסטן ווי עס וואָלט ווירקלעך עטוואָס פאַראַן געווען הינטער זיי. קוים איז נישטאָ קיין נויטווענדיקייט פאַר עטוואָס באַדייטנדיקעס, ווירקט דאָס „זיך מאַכן באַדייטנדיק" קאָמיש און פּראָווינציאַל. ווייסענבערגס העלדן זענען אַלע פּראָווינציאַלן, ווייל זיי אַלע פעלט די טיפערע באַציונג צו דער וועלט. זיי לעבן אונטער אַ שאָל פון קליינלעכקייט. ווי אמתע פּראָווינציאַלן האָבן זיי אָנגעהויבן „נאָכצוטון" דאָס, וואָס עס טוט זיך אין דער גרויסער וועלט.

אין אַ פאָרם פון זייער נאַיווער כראָניק דערציילט ווייסענבערג („אין שטעטל"), אַז אויך ביי „אונז אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן דאָס, וואָס עס טוט זיך אין וואַרשע און אין אַנדערע

שטעט". „עס טוט זיך אומעטום דאָס אייגענע, אויף דער גאַנצער וועלט, און מן הסתם שטעקן דאָך אין דעם מענטשן קעפּ... (!) צווישן מנחה און מעריב (דאָ גייען צוויי זייטלעך סטיללאָזע, מטושטושע און זייער אומבאַהאָלפענע שילדערונגען פון צווישן מנחה און מעריב אין בית־המדרש), מיר נישט דיר נישט, טוט יעקל סטאָליער אַ קלאַפּ מיט די האַנט אין שולחן אַריין. ער איז בלאַס, דערשראָקן, די אויגן פינטלען: רבותי, מען מעג ברענגען מעל, אָרעמע אַרבעטערס געלט. נישטאָ קיין מאָנאָפּאָל" (עס איז פאַר פסח און דער שמש איז מכריז אין בית-המדרש, אַז מ'טאָר נישט ברענגען מעל פון אַנדערע שטעט).

אויף די זעקס און זיבעציק זייטלעך פון דעם דאָזיקן ביכל דערציילט ווייסענבערג ווי אַזוי זיינע העלדן אין זיין שטעטל האָבן אויך „מיטגעמאַכט" די גרויסע רעוואָלוציע. עס איז אייגנטלעך נישט קיין דערציילונג, נאָר אַ רייע פון זייער שוואַך איבערגעגע־בענע היימישע אויפצייכנונגען פון אַ פּראָווינציאַל פון דעם אַלצ־דינג, וואָס אין „יענע טעג" איז פאָרגעקומען „ביי אונז אין שטעטל". „ווערט אונזער שטעטל מיט איר גרויסער קראַפט און שטאַרקע באַוועגונג באַוווסט אין אַלע שטעטלעך אַרום און אַרום, און עס קריגט שוין קאָמוניקאַציע מיט שעדלעץ און מיט ראַדאָם אויך... גייט נישט אַוועק די וואָך, וואָס עס זאָלן נישט אַדורכפאָרן אַ צוויי־דריי פון יענע פאַרשווינדלעך — שוין אמתע בונדיסטן.

האָט זיך אָבער די פּ. פּ. ס. אין וואַרשע דערוווסט, וואָס פאַר אַ שטאַרקע באַוועגונג ביי אונז איז, ווי דער „בונד" שפּרייט אומעטום אויס זיינע פליגל, נעמט פּ. פּ. ס. און שיקט אַראָפּ און באַזעצט אין אונזער שטעטל אַ באַשטענדיקן חברה־מאַן, עפּעס דערצו צו טון. האָבן מיר שוין ברוך־השם אַ פּ. פּ. ס.ניק אויך, אַ יונגערמאַן מ ט אַ בלאַס פּנימל, נאָר אַ שלאָפּראָקל אים אָנצו־טון. הייבט זיך ערשט אָן אַ נייע מעשה מיט פאַרזאַמלונגען אין דעם גערטל גאָר, הינטערן קלויסטער. איטשעלע טאַנצט שוין אויף צוויי חתונות. איז אָבער די שעדלעצער אָרגאַניזאַציע דערפון געוואָר געוואָרן, שיקט זי ווייטער אַראָפּ אירע צוויי מענטשן אויף אַ דיסקוסיע".

„— חברים, ברידער, איר זענט איינשטימיק מיטן בונד?״
„— יאָ, יאָ, — איז געוואָרן אַ געשריייערײ״.
„— ברידער, חברים, — האָט דער פּ. פּ. ס.ניק אויך גע־פּאַכט די אייגענע קונץ, — איר זענט איינשטימיק מיט פּ. פּ. ס.?״
„— יאָ, יאָ, — איז נאָך אַ העכער געשריי געוואָרן״ (איראָניע!).

אָדער:

אַ יונג ווייבל קלאָגט זיך פאַר יעקל סטאָלער. „איך בין פון סטאָצעק, האָב איך אַ מאַן אַ חסיד, נישט צו גאָט און נישט צו לייט... איך בין אַ נייטאָרין און מוז נאָך אים געבן צו עסן. יאָג איך מיך מיט אים אַרום שוין אַנדערטהאַלבן יאָר וועגן אַ גט״.

„דאָ הערט שוין יעקל אויס מיט מער אויפמערקזאַמקייט, עס געפעלט אים, וואָס זי איז אַ נייטאָרין — זי „פּראָדוצירט״... און אַ נוצלעך גליד (?) אין דעם „געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם״ (!), און אַז ער זעט איין, אַז זיי זענען צוויי „פאַרשידענע וועלטן״, שאָקלט ער איר אויך צו מיטן קאָפּ״.

אַזוי גייען איינס נאָך ס'אַנדערע פאַרשידענע סצענעס. עס איז כמעט ווי אוממעגלעך צו געבן אַ פולשטענדיקן אַנאַליז פונם דאָזיקן טרייסטלאָזן ביכל, ווו דער וויסענבערגישער נאַטוראַליזם ווערט געשטעלט פאַר אַן עקזאַמען אַרויסצווייזן, צי ער קאָן ווען עס איז שטייגערן איבער זיך אַרויס און דערמיט באַווייזן זיין אי־נערלעכע לעבנס-פעיקייט. גראָד ווו דער באַטוראַליזם וויסענבערגס ווערט ענדלעך געגויט אַרויסצוגיין פון זיין אָפּגעשטאַנענקייט און זיך צו באַוועגן, דאָרט קומט אָנשטאָט דעם נאַטוראַליזם — דער פּראָווינציאַליזם. דאָס, וואָס עס איז פאַראַן פּאָזיטיווס אין וויסענבערגס שאַפן, ווערט אויך פאַרשווונדן ביי דער גרענעץ פון באַוועגונג. די רעוואָלוציע — אויב וויסענבערג האָט זיך געוואָגט זי צוזאַמענצוברענגען מיט זיין נאַטוראַליסטישערווירקלעכקייט פנים אל פנים — האָט געמאָנט פון דער דאָזיקער ווירקלעכקייט— באַוועגונג, און דער עיקר: — דאָס, וואָס עס פעלט גראָד וויסענ־בערגן — די טאַט, דעם וועג איבער זיך אַרויס. ביי דער דאָזי־קער מאָנונג האָבן וויסענבערגן די כחות פאַרלאָזט. נישט בלויז ביי

ייִדישע ווערק, וואָס זענען אים אָרגאַניש פרעמד, נאָר אפילו זיין אייגן מיליע האָט פאַרזאָגט ביי דעם דאָזיקן פּרווו. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס „שטעטל״ איז דאָס שוואַכסטע פון ווייסענבערגס נאַטוראַליסטישע שאַפונגען. ווייסענבערגס נאַטוראַליזם — ווער ווייסט, אפשר בכלל דער ייִדישער נאַטוראַליזם — איז צוזאַמענגעבראָכן ווען ער איז זיך געגאַנגען מעסטן מיט די ווירקלעכקייטן פון דעם מענטשלעכן דאַזיין. עס איז נישט אַזוי לייכט צוצוקומען צו דעם וועט-קאַמף פון דער געשיכטע אָן אַ גרויסן ווילן. דאָס פּראָווינציאַלע אין ווייסענבערגס „שטעטל״ באַווייזט נאָר ווי ווייט עס איז דער דיסטאַנס צווישן אָט דער מאַטעריאַליסטישער ייִדישער ווירקלעכקייט און צווישן דעם שליאַך, אויף וועלכן עס גייט אַ יעדע גרויסע באַוועגונג. אין דעם כלומרשט רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון „שטעטל״ דרייען זיך אַרום ווייסענבערגס העלדן, די „שטיקער געזונטקייט״, פון וועלכע אַלע פאַרערער פון ייִדישן נאַטוראַליזם האָבן אַזוי אָנגעקוואָלן, ווי אמתע פּראָווינציאַלן, אָן שום ווערטפולן ווילן, געלעבט. ביי זייער אינערלעכער קאָנסטרוקציע איז זיי בשום אופן נישט מעגלעך צו געפינען דעם קאָנטאַקט מיט דער וועלט. די שווערע טעמפּקייט ווייסענבערגס ליגט זיי פאַר די פיס.

די „שטיקער געזונטקייט״ האָבן נישט אין זיך קיין שום וועזנטלעכע אַקטיוויטעט, דעריבער קאָנען זיי אונז צו גאָרנישט נישט פירן.

דאָס „שטעטל״ — דער סימבאָל פון ייִדישער ווירקלעכקייט, אָן די קרעפטיקע אינערלעכע אידעע, אָן דעם אויפשטרעבן צו אַ העכערן וועלט-דאַזיין, אָן דעם אַשישן בטחון, ווען מען נעמט דערפון אוועק אָט די אַלע כחות, וואָס גיבן דער ייִדישער ווירקלעכקייט דעם ספּעציפישן ווערט פון אַן אייגנאַרטיקן היסטאָרישן עלעמענט, אַ וועלט-באַנעמען, אָן דעם אַלעם האָט דער נאַטוראַליסט י. מ. ווייסענבערג אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי טשעפּעט מען דאָס צו די דאָזיקע קליינלעכע, בלוט-אָרעמע און אינהאַלטלאָזע ווירקלעכקייט צו דעם שטראָם פון אַ רעוואָלוציאָנערער וועלט-באַוועגונג.

דריטער טייל

עוזר װאַרשאַװסקי

ערשט קאַפּיטל

עוזר וואַרשאַווסקי*) האָט דעם יידישן נאַטוראַליזם צוגעפירט צו אַ ווייטערע שטופּ. טאַלאַנטירטער פון י. מ. ווייסענבערגן, במילא פרייער אין מעגלעכקייטן זיך צו באַוועגן אין זיין דערציילנדיקן שטאָף, האָט ער דרייסט און מיט פיל זשעסט דאָס נאַטוראַל סטישע שטעטל צוגעפירט צום טראַגישן קולמינאַציע-פּונקט. וואַרשאַווסקי האָט די מעלה, וואָס ער איז נישט אַזוי שווערפעליק, ווי ווייסענבערג, ער לאָזט זיך דעריבער פיל מער באַנעמען אין זיין גאַנצער טאָטאַליטעט. עוזר וואַרשאַווסקי האָט מער לופט.

וואַרשאַווסקי האָט דעם יידישן נאַטוראַליזם צוגעפירט צום טראַגישן קולמינאַציע-פּונקט. ווייסענבערגס שטעטל איז נאָך מטושטש. ווייסענבערג קאָן זיך נישט אויפהייבן אויף אַ הויך, כדי צו זען, וואָס עס דראָט זיין שטעטל. ווייסענבערג מיינט, אַז ס'איז אַ שפּילעכל: מ'דאַרף נאָר בעסער צי ערגער צו באַשרייבן דעם אָדער יענעם דעטאַיל. וואַרשאַווסקי זעט די סכנה און קוקט איר אָפן אין פּנים אריין, ער וואַגט אויפצוטרייסלען די אַלע נאַטוראַל־סטישע יסודות פון דער יידישער ווירקלעכקייט. אָן שום רחמנות פירט וואַרשאַווסקי צו די יידישע ווירקלעכקייט ביז צום אָפּגרונט.

די צייט האָט אים געדינט. ס'איז נישט געווען עפּעס ווייטע אָפּקלאַנגען פון אַ באַוועגונג (ווי די רעוואָלוציע אין ווייסענבערגס „שטעטל״), וואָס דאָס שטעטל האָט נישט געקאָנט פאַרדייען און די מענטשן דערין האָבן געשטאַמלט פון כחות, צו וועלכע זיי זע-

---

*) עוזר וואַרשאַווסקי: „שמוגלאַרס״, ראָמאַן.

בען נישט געווען דערוואקסן. דער נייער מבול, וואָס איז געקומען אויפן שטעטל איז נישט געווען אַזאַ, אז ער האָט נישט אָנגערירט דעם דאָזיקן, וואָס האָט אים נישט באַגריפן. דער שונא, וואָס איז געקומען, האָט אָנגערוקט ווי אַ סטיכיע. ברוטאַל. ער האָט מיט געוואַלט איבערגעריסן די גרענעצן צווישן דעם „שטעטל" און צווישן דער „וועלט". דאָס איז נישט געווען די וועלט אַלס אידעע, נאָר די וועלט אַלס ווילד אויפגערייצטע ווירקלעכקייט. אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט האָבן זיך אויפגעטון תהומות פון רויע און גיריקע אינסטינקטן. פאַר די דאָזיקע תהומות איז פּלוצלינג געשטעלט געוואָרן די „יידישע ווירקלעכקייט, די שוואַכע, די אָרעמע. דאָס שטעטל האָט געמוזט אויפנעמען אַ קאַמף פאַרן דאָזיין, אַ בלוטיקן און אומבארחמנותדיקן קאַמף. פון איין זייט דאָס באַדנלאָזע שטעטל, פון דער אַנדערער — אַן אויפגעיושעטע מענטש־עכע געזעלשאַפט. נישט קיין רעוואָלוציאָנערער אויפברויז, נאָר די מענטשהייט אין איר חיהשקייט, בלוטדורשטיקייט, עגאָאיזם און געפּילדאָזיקייט. די וועלט־מלחמה. באַוואָפנטע פרעמדע פעלקער זענען אָנגעקומען אויפן שטעטל. דאָ האָבן דערזען דעם גרויס; חורבן נישט בלויז די אידעאַליסטישע טרוימער נאָר גראָד אויך די „שטיקער געזונטקייט".

— וואָס וועט זיין? — פרעגט דאָס „שטיק געזונט" פּאַניטעל. די „נאַטוראַליסטישע" יידישע ווירקלעכקייט האָט ענדלעך אַליין געמוזט מודה זיין דאָס טראַגי־קאָמישע פון איר וועלט־דאָזיין. דע־מיט: איר אומפעיקייט צום לעבן.

ביי וואַרשאַווסקין ווערט טאַקע די דאָזיקע אומפעיקייט צו לעבן בולט אין דעם מאָמענט, ווען דאָס שטעטל ווערט גענויטיקט אַרויסצוגיין פון אירע ד׳ אמות, ווען עס ווערט דורך אַ מוראדיקע פּי ישע קראַפט פון אַט די ד׳ אמות אַרויסגעשלעפּט און עס ווערט געשטעלט פּנים לפּנים מיט דער וועלט. פירכטערלעכע שטורעמס האָבן דאָס שטילע וואַסערל אויפגעשוימט און עס האָט זיך דערזען די פלאַכקייט און דער זומפּ. ביים באַרירונגס־פּונקט מיט דער וועלט איז דאָס שטעטל צעפאַלן אָרגאַניש. דאָס נאַטוראַליסטישע שטעטל האָט געמוזט אונטערגיין. ס׳האָבן זיך אויפגעדעקט די

חורצלען, מיט וועלכע דאָס „שטעטל” וואַקסט אין דער וועלט. אין די דאָזיקע וואָרצלען זענען שוין געווען אויסגעטריקנט אַלע לעבנס־זאַפטן. אין די שטאַרקסטע מינוטן פון דער געשיכטע מוז אַ יעדע עקזיסטענץ דאָך ענדלעך אַמאָל מאַכן וואָסער עס איז חשבון־הנפש. דער חשבון־הנפש פון יידישן מאַטעריאַליזם איז געווען אַ פאַס־יוער. פאָלקאָמענער באַנקראָט. דאָס שטעטל איז אויסגעגאַנגען פון ווערטלאָזיקייט, ווי אַ פיש אָן וואַסער. דאָ האָבן נישט געקאָנט פועל זיין קיין שום האָפענונגען, קיין שום טעאָריעס. דאָס שטעטל האָט נישט געקאָנט קעמפן פאַרן לעבן: דאָס שטעטל האָט פשוט נישט געוווסט צי וואָס עס לעבט.

ביי דער דאָזיקער שאַרפער גרענעץ, ווו פאַרן יידישן נאַטוראַליזם איז נישט פאַרבליבן קיין אַנדערע עצה, נאָר צו זעען דעם ביטערן אמת, האָט געמוזט קומען די דעגענעראַציע.

דעגענעראַציע. נישט אַ ס י מ י ל אַ צ י ע. ביי אַסימילאַציע האָבן זיך ביי דעם צד, וואָס האָט פאַרשפּילט, נאָך נישט אויסגעשעפּט אַלע רייכטימער. מ'קאָן נישט קומען צום זיגער מיט ליידיקע הענט. נישט תמיד גיט מען אויף דעם קאַמף, ווען דער היינט איז שוין גאָרנישט ווערט, נאָר ווען דער מאָרגן וועט שוין גאָרנישט ווערט זיין. ווען וואַרשאַווסקיס שטעטל האָט אויסגעשפּילט די לעצטע קאָרט, האָט זיך אַרויסגעוויזן דער נישטיקסטער דלות. די גרויסע טראַגישע אַנטוישונג האָט שוין צו גאָרנישט נישט געקאָנט פירן. זי האָט נאָר אויפגעדעקט די צעפוילטע יסודות. די יידישע ווירקלעכקייט איז שוין נישט ביכולת געווען צו זוכן קיין שום אַנדערן וועג. אַלע וועגן זענען געווען פאַרשטעלט. זי האָט נאָר, אין אָנגעזיכט פון דער וועלט, געקאָנט אַראָפּפאַלן ווי אַ פוילער עפּל פון בוים.

מיט זעלטענעם מוט, אָן שום סענטימענטן — דאָס מוז מען מודה זיין, איז דאָס גרויסע פאַרדינסט וואַרשאַווסקיס — פירט ער צו דאָס שטעטל צום תהום און צום אונטערגאַנג. אָן ציטער אין די הענט זעצט ער אַרויף זיינע העלדן אויפן תלין־וואָגן צו דער העסלעכער תליה. זאָלן זיי נאָר אומקומען וואָס שנעלער, ס'איז די העכסטע צייט. וואַרשאַווסקיס אָביעקטיוויזם איז נישט

די מעכאַנישע געפּיללאָזיקייט. עס איז דער אָביעקטיוויזם פון אַ מענטשן, וואָס פאַר אים איז שוין אַלצדינג קלאָר, און ער אנט־שליסט זיך נאָר דרייסט צו ראַשער האַנדלונג.

אין וואַרשאַווסקיס „שמוגלאַרס" הויבט זיך טאַקע אָן די דעגענעראַציע פון שטעטל אָן שום פאַרשפּילן. באַלד ביי דעם ערשטן צונויפטריט מיט דער וועלט פאַלט אַלצדינג צוזאַמען. די פּוסטע קאָמעדיע איז שוין פון לאַנג אָן געווען געענדיקט. ס׳איז נאָר נישט געווען קיינער, וואָס זאָל אָנזאָגן דעם סוף. די ברוטאַלע מענטשהייט האָט עס געטון. וואַרשאַווסקי וויל מיט זיינע פאַרשוי־נען נישט מאַכן דעם אָנשטעטל פון טראַגישע העלדן. זיי זענען גראָטעסק ווי די מצורעים. זייער אונטערגאַנג איז נישט קיין טראַ־געדיע, עס איז אַ גערעכטע קאָנסעקווענץ. נישט שטענדיק איז דאָס שיקזאַל אומגערעכט. קיינער פון וואַרשאַווסקיס טיפּן האָט מיט זיין אונטערגאַנג גאָרנישט פאַרלוירן.

דאָס שטעטל האָט אויסגעטרונקען דעם כוס־התרעלה. די תאווה פון אונטערגאַנג כאַפּט אַרום דאָס שטעטל ווי אַ בראַנד. דאָס וואָס עס איז געוואָרן פון שטעטל איז נישט קיין נייעס. די קראַנק־הייט איז געווען באַהאַלטן אינעווייניק אין אָרגאַניזם פון יידישן לעבן. די קראַנקהייט האָט אויסגעבראָכן גאַנץ נאַטירלעך. אַ יעדער מענטש אין וואַרשאַווסקיס שטעטל טוט נאָר דאָס, וואָס ער באַ־דאַרף צו טון לויט זיין גאַנצן מהות. ער איז שוין פון תמיד אָן פעיק געווען צו דעם דאָזיקן נידערטרעכטיקן דאַזיין. וואַרשאַוו־סקיס מענטשן ווילן גאָרנישט בעסער זיין ווי זיי זענען. זיי גלויבן אין גאָרנישט. זיי האָבן צו גאָרנישט. זיי זענען ציניקער.

די לינקע זייט פון אמונה איז דער ציניזם.

צווייט קאַפּיטל

זוי קומט ענדלעך די קאַטאַסטראָפע, וועלכע דער יידישער נאַטוראַליזם האָט אַליין פאַר זיך פאָרגע־בּרייט. וואַרשאַווסקיס בּוך איז דאָס בּוך פון דער קאַטאַסטראָפע.

דער יידישער קבּוץ איז שוין מער נישט קיין פאָלק, קיין ראַסע, עס איז אַ באַנדע.

אַ באַנדע פון שמוגלערס, גנבים, פראָסטיטוציקעס און בראָנפן־מאַכער.

אָכל ושתה כי מחר נמות.

סצענע בּיי סצענע, דערבּיי גיפטיק, פול מיט גאַלגענהומאָר ווי די מעשהלעך פון אַ באָקאַטשיאָ, אַנטוויקלען זיך אין דעם דאָ־זיקן בּוך די געשעענישן. אַלע מענטשן אין שטעטל, וואָס האָבן ביז אַהער געלעבט ווי נישט אין זייער ריכטיקער אַטמאָספער, וועקן זיך צו טעטיקייט. די וועלט־מלחמה האָט זיי צעטרעטן, זיי פילן זיך גוט אַלס צעטרעטענע. זיי לעבן אויף אין זייער צע־טרעטנקייט. ענדלעך איז אָפּגעטײן געוואָרן יענער פאַלשער טעות פון דער יידישערווירקלעכקייט, וואָס האָט גענאַרט מיט אויס־זיכטסלאָזע האָפנונגען: ס׳איז נישטאָ קיין ווע״ט אין יידישן לעבן. ס׳איז נישטאָ די אידעע, נישט דאָס ווערט־געפיל, נישט די האָפ־נונג, אין וועלכן מ׳קאָן גלויבן, און אַז עס לוינט דעריבּער דאָס יידישע לעבן זאָל אַמאָל ווען עס איז האָבן מער באַדייטונג.

אויב עס זענען ערגעץ־ווו געשילדערט געוואָרן גאָטלאָזע מענטשן, איז עס געטון געוואָרן אין דעם בּוך פון עוזר וואַרשאַווסקי. די גאָטלאָזיקייט איז בּיי די דאָזיקע מענטשן פאַרוואַנדלט געוואָרן

ממש צו אַן עקסטאַז. זיי שעפּן פון דער גאַטלאָזיקייט כּח און ענערגיע. וואַרשאַווסקיס בוך אָטעמט מיט ענערגיע און באַוועגונג. אָבער מיט דער ענערגיע פון די דאָזיקע, ביי וועלכע עס לאָזן זיך אויס די לעצטע טעג. אַלע, אַלע ווערן זיי מיטגעריסן אין דער דאָזיקער באַוועגונג: פאַר דעם תהום ווו די יידישע ווירקלעכקייט שטייט. נישט בלויז די „געזונטע" די „ווילדע יינגען" — אָט די אַלע עלעמענטן פון „געזונטקייט" אין דער יידישער ליטעראַטור — נאָר אפילו קאַליקעס, קראַנקע, שווינדזיכטיקע און בטלנים. עס איז איין שותּפותדיקע כּנופיא! מתים-שפּיל. „זעט מען ס'גייען יידן, קלעפּט זיך צו איבערן וועג — איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער. ווי צו אַ לויה אַ שטייגער. גייען יידענעס פון פאָרנט אין די לאַנגע פּאַטשיילעס, און יידן און יינגלעך איינגעהויקערט פון קעלט, די קעפּ איינגעקאָרטשעט אין די אויפגעשטעלטע קעלנער אַריין". אַזוי קיקן אויס די וועגן צום שטעטל, אויף וועלכע ס'איז אַמאָל אָנגעקומען אין שטעטל אַריין דער געהיימנישפולער וואַנדערער שלום אַשס, די וועגן, אויף וועלכע ס'איז אַהיימגעפאָרן אויף שבת ר' שלמה נגיד. אפילו „דער שוואַרצער בערל, וואָס האָט זייער אַ שוואַך האַרץ און אַ ליאַדע וואָס, לא עליכם, לייגט מען אים צו שטאַרצן." אפילו דער אַלטער שייקע און דאָס שוואַכינקע בחורל, דער ווילי-לערנער דודל. „דער דין וואָלט אויך געפאָרן, נאָר ער קאָן נעבעך נישט, ער איז נעבעך אַ חלוש..." אַלע, אַלע. דאָס גאַנצע שטעטל. ווען מ'קוקט איבער די גאַנצע ליניע, וואָס ציט זיך פון „שלמה נג״ד" ביז צו די „שמוגלאַרס", מוז מען קומען דערצו, אַז ערגיץ-ווו אין דער אַנטוויקלונגס-ליניע פון יידישן לעבן שטעקט אַ גרויסער טעות. ווו? וואַרשאַווסקי ווירקט פאַר אונז אַזוי איבערצייגנדיק, אַז מ'מוז דאָך ענדלעך זאָגן: אינם יידישן וועלט-דאָזיין, ווי עס פּאַסט עס אויף דער יידישער נאַטוראַליזם.

ווייל — אין דעם בוך „שמוגלאַרס" פּאַרווייצן די הייליקייטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט; יענע הייליקייטן, וואָס האָבן די אַשס און די פּרצס אָנגעפילט מיט אַזוי פיל בכחון, מיט איבערמענטשלעכן גלויבן אין די אייגענע כּחות. יענע היילי-

קייטן. זאָל מען נאָר נישט זיין אַזוי איבערפלעכלעך און זאָגן: עס זענען בלויז אידעאַליסטישע קאַפּריזן. ווען דער נאַטוראַליזם האָט געפּרוווט די יידישע ליטעראַטור צו באַפרייען פון אָט די אידעאַליסטישע קאַפּריזן, איז דאָס בוך „שמוגלאַרס" געווען דער ריכטיקסטער פועל־יוצא. עס איז אמת — דער דאָזיקער אמת איז זיכער נישט ליב — אַז דער אידעאַליזם ליגט איבער דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ גרויזאַמער שיקזאַל. דער אידעאַליזם אָבער, ער איז פאַרבונדן מיט די ווערטן פון דער יידישער עקזיסטענץ ווי אַ גוף מיט דער נשמה. אַוועקגייענדיק פון אָט אָ דער איינציקער פּאָזיטיווער ווערטשאַצונג פון יידישן לעבן, בלייבט אונזער ליטעראַטור שטיין פאַר אַ גאַנץ האַרב פּראָבלעם. זי בלייבט אָן אַן אידעע. דערמיט בלייבט זי אָן וועלט־באַנעמען און אָן ווערט־אַקצענט. זי בלייבט, אַזוי צו זאָגן, הענגען אין דער לופט. דער וועג ווייטער? אָט אָ דעם וועג ווייטער קאָן זי נישט געפונען. דער אידעאַליסטישער גורל שטעלט די ליטעראַטור אונזערע אין אַ שווערלעכע לאַגע. פאַר אונזערע שריפטשטעלער איז לייכטער זיך נעגאַטיוו צו באַציען צו דעם אויפגעצוווּנגענעם שיקזאַל פון אַן אידעאַליזם, איידער אָנצוהייבן פון אַן אַנדערע פּאָזיטיווע ווערט־טאַט. דער יידישער נאַטוראַליזם, אויפהייבנדיק זיך אין אַן אַנדערער שאַפונגס־ספערע, האָט נישט דערפילט, ווי עס רוקט זיך אים אַוועק דער באָדן פון אונטער די פיס. אין זיין באָדנלאָזיקייט האָט דער יידישער נאַטוראַליזם געגריפן נאָך פאַרשידענע אָנהאַלטן. די אָנהאַלטן זענען אָבער נישט געווען. דער מיין, אַז דער לויף צו וועלטלעכקייט איז די איינציקע מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון דעם אידעאַליזם, דאָס איז דער גרעסטער טעות, מיט וועלכן אונזערע מאַטעריאַליסטן האָבן זיך אָפּגענאַרט. מ'האָט געקאָנט טוישן די פאָרמען פון וועלט־באַנעמען, מ'האָט אָבער נישט געקאָנט טוישן די עלעמענטן פון וועלט־באַנעמען. די פּאָזיטיווע יידישע וועלטלעכקייט און דאָס נאַטירלעכסטע קינד אירס, דע רעוואָלוציאָנערער יידישער סאָציאַליזם (איז דאָך דער כאַראַקטעריסטישער און טיפּסטער אויסדרוק פון יידישן סאָציאַליזם גראַד נעמלעך דאָס רעוואָלוציאָנערע — דער אומגעשטילטער

אויפברויז צו דערלייטערונג און קאַמף) איז גאָר נישט אַזוי מאַ־טעריאַליסטיש, ווי מען מיינט אונז איינצורעדן. תמיד איז דער יידישער סאָציאַליזם דינאַמישער, ווי אַלע אַנדערע כחות פון אינ־טערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, תמיד איז ער פול מיט אינערלעכער אומרויקייט (ווידער אַמאָל אידעאַליזם!), תמיד איז ער אויף דער ערשטער ליניע צווישן ווירקלעכקייט און אויפשוווּנג. דאָ וועט גאָרנישט פועלן, וואָס מ׳האָט דוקא דעם יידישן סאָציאַליזם אַזוי האַרטנעקיק צוגעשפּאַנט צו די היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע אויפ־פאַסונגען פון קאַרל מאַרקס. מ׳קאָן זיין דער פּאַרעקשנטסטער מאַרקסיסט, דערביי אָבער אין וועזן דורך אידעאַליסטיש.*) דער יידישער רעוואָלוציאָנער מוז קעגן זיין אייגענעם ווילן בלייבן אידעאַליסט, ער מוז עס טון ווען ער וויל זיך נישט פאַרלירן.

ווי עס קוקט אויס די יידישע ווירקלעכקייט אָפּגעריסן פון אירע היסטאָרישע פונדאַמענטן, די יידישע ווירקלעכקייט אין איר באָדנלאָזיקייט, זעען מיר אַמבעסטן אין די „שמוגלאַרס" פון עוזר וואַרשאַווסקי. עס איז אפשר דאָס אויפריכטיקסטע בוך וואָס דער יידישער מאַטעריאַליזם איז בכח געווען צו געבן. דעם נאַטוראַ־ליסט וואַרשאַווסקין, איז דאָס ווערק זיינס געלונגען דעריבער, ווייל ער האָט נישט מורא געהאַט צו זיין אויפריכטיק. ער האָט זיין נאַטוראַליזם נישט אָנגעטון די שיינע מענטעלעך פון פאַלשע האָפנונגען. ער האָט זיך באַלד נישט צוגעזאָגט קיין צוקונפט, און געגעבן אַלצדינג דאָס, וואָס דער יידישער נאַטוראַליזם קאָן נאָר געבן: אויפריכטיקייט, זאָגן זיך דעם אמת אין פנים אריין. נאָך אַ ווערק — אַ שטאַרקער בוך ווי די „שמוגלאַרס" — פון דעם זעלביקן אויטאָר, קאָן איך מיר קוים פאָרשטעלן. וואַרשאַווסקי אַלס דער וואָרסטער יידישער נאַטוראַליסט, איז רייף. ער מוז זיין רייף,

*) וול. מעדעם פלעגט פאר די יידישע סאציאליסטישע ארבעטער־מאסן רעדן וועגן פרצישער שבת־יום־טובדיקייט. אין זיינע „זכרונות" רעדט מעדעם וועגן „קאפיטאל" ווי וועגן א בוך פון גרויסער פאעזיע און פילאזאפיע. צוויי ביכער, זאגט מעדעם אין די „זכרונות", האבן אויף אים געווירקט ווי א געטלעכער פינגער: די „עטיק" שפינאזאס און דאס קאפיטאל פון קארל מארקס.

אויב ער איז אמתדיק. וואַרשאַווסקי האָט אין זיך די גראָטעסקע רייפקייט פון אַלטע קינדער. זיי שטאַרבן יונג. ס'האָט ערגעץ־ווו אַ רעצענזענט געזאָגט וועגן וואַרשאַווסקיס בוך: „וואַרשאַווסקי איז געקומען, געזען און געזיגט". זייער ריכטיק. קיין אַנדערע אויפגאַבע פאַרן יידישן נאַטוראַליסט ווי צו קומען און צו זיגן — איבער זיך צו זיגן — איז נישט פאַראַן. דער וועג פון יידישן נאַטוראַליזם איז דער קורצסטער וועג צום אָפּגרונט, ווער עס בלאָנדזשעט נישט און נעמט גלייך דעם דאָזיקן וועג, וויל אים. ער פאַרשפּאָרט זיך אומזיסטע זוכעניש און אַנטוישטע האָפענונגען. וואַרשאַווסקי האָט עס געטון. ער האָט זיך נישט אַנטוישט, ווייל ער האָט באַלד נישט געגלויבט. דאָס איז זיין פאַרדינסט. דערמיט האָט ער אפשר מקריב געווען זיין שריפטשטעלערישע צוקונפט. ער האָט זיך אַליין אָפּגעשניטן דעם וועג אויף ווייטער. פאַר די וואָס דערלאַנגען צום אָפּגרונט איז נישטאָ קיין וועג אויף ווייטער. דאָס באַדייטנדיקע פון וו רשאַווסקיס ווערק פאַר די פערספעקטיוון פון דער יידישער ליטעראַטור בלייבט איין און איינציק. עס איז אַ וועג־ווייזער און אַ צייכן פון וואָרנונג. ווייסענבערג, מיט דעם וואָס ער האָט דער ערשטער אַרויסגעגעבן די „שמוגלאַרס", האָט געטון דאָס בעסטע וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט דערמיט זיין אייגענעם נאַטוראַליזם געגעבן מער תיקון, ווי ער וואָלט עס אַליין באַוויזן מיט אייגענע כוחות.

אין וואַרשאַווסקיס נאַטוראַליזם וואַקלען זיך שוין אָט די אַלע יסודות, וועלכע מען האָט פון תמיד אָן גערעכנט פאַר קאַרדינאַלע עלעמענטן אין כאַראַקטער פון דער יידישער ווירקליכקייט. ווען דאָס גאַנצע ווען ווערט אונטערגעגראָבן, טרייסלען זיך ממילא אַלע פעסטקייטן, אַלע פונדאַמענטן. די כאַראַקטעריסטישסטע מערק־צייכנס פון נאַציאָנאַלן אינדיווידיום ווערן אָפּגעווישט. אַזוי זעען מיר צ. ב. ווי דאָס שטאַרקע געפיל פון ר אַ ס ע וואָס ווערט אַזוי בולט אונטערגעשטראָכן ביי אַש און אַפילו ביי ווייסענבערגן — ווייל ווי מ'זאָל נישט קוקן אויף די פאַרשידענע ראַסן־טעאָריעס, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז ביי יידן איז די ר אַ ס ע זייער אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון זייער גאַנץ וועלט־

דאַזיין — דאָס דאָזיקע ראַסן־געפּיל פּאַרלירט ביי וואַרשאַווסקין אַ יעדע ממשות, מיט אַ מאָדנער לייכטקייט ווערן אָט אָ די וויכ־טיקע היסטאָרישע בלוט־אָפּגעגרענעצטקייטן אַדורכגעגאַנגען. נישט נאָר מיט לייכטקייט, מיט פאַרביסענער שאָדן־פרייד זעט וואַרשאַוו־סקי צו ווי די בלוטן מישן זיך צונויף, ווי אַלצדינג גייט אונטער. אַ יעדע זאַך וואָס שטרייכט נאָך דייטלעכער אונטער די דעגע־נעראַציע, פרייט אים. אָ, וואַרשאַווסקי איז קאָנסעקווענט. ער איז אומ־ברחמנותדיק קאָנסעקווענט. אַזאַ נאַטוראַליסט האָבן מיר זייער גויטיק באַדאַרפט צו האָבן אין דער ייד. ליטעראַטור. „אָט האָט גאָט געשיקט אַ ישועה אויף זיינע יידעלעך! און אַלע האָבן שוין צוריק זייערע מאַשינד־לעך, מיט קעסעלעך, מיט די פעסער". „און איז דען פאַנטעל נישט גע־רעכט געווען וואָס ער האָט נעכטן געטראַכט אַז די וועלט איז היינט גאָרנישט די אייגענע, אַפילו אַזאַ בערל וואָס פאָכעט מיט דער נשמה, צייט ער איז געוואָרן שמוגלער, זאָל עס אים אָנהויבן צו אַרן צוקוקנדיק ווי יונגען מיט מיידן בראָיען אַרום... דעסגלייכן דער אַלטער שייקע... אָט איז אַ שענער ייד ר' יידל — שיקט ער די טאָכטער צום וואַכמייסטער... און ר' וואָווע ?". וואַרשאַווסקי טרייבט אַרויס די כשרע יידישע ווייבער פון די יידישע הייזער און לייגט אין זייערע בעטן אַריין שיקסעס, זונות. עס דערגרייכט ביי וואַרשאַווסקין ממש צו אַ פּאַסיע אַריינצוברענגען וואָס מערער ציניזם אין דער מכלומרשטער אידיליע פון דער יידישערווירק־לעכקייט. די „שמוגלאַרס" זענען די בייסיקסטע סאַטירע אויף „ר' שלמה נגיד". נאָר אַזוי קאָן זיך אָפּרופן דער אמתער נאַטוראַליסט־קוים טוט זיך אָפּ פון אַ לעבן אַ יעדער גלויבן, אַ יעדע אידעע און אַ יעדעס ווערט־באַוווסטזיין, מוז עס ווערן אונמאָראַליש, פאַר־ווילדעט. וואַרשאַווסקי באַוועגט זיך מיט אַ מאָדנער הנאה, מיט אַ פאַרצווייפלטער הנאה אין דער האָפנונגסלאָזער ווילדקייט פון יידישן לעבן. ער שפּעט אָפּ, ער איז האָ־פערדיק און פריילעך אין זיין ציניזם, און ער צוטרעט בייזווילִיק אַ יעדעס אָרט ווו עס איז נאָך דאָ אַ וועלכעס עס איז שפּראָצונג. אויב ס'איז נישטאָ קיין ווערט און קיין צו־קונפט, צי וואָס זיך באַהאַלטן און זאָגן ליגן? בעסער זאָגן

אמת, איידער פאַלש צו האָפן. זאָל איטלעכע הייליקייט פאַרשוועכט ווערן. ס'איז נישטאָ קיין הייליקייט, דאָרט ווו ס'איז נישטאָ קיין שום אילוזיע און קיין אינערלעכער גלויבן. חרוב זאָל ווערן די יידישע וועלט. זי טויג צו מער נישט. אין אַזאַ סצענע ווו רייטשקע וויקלט זיך אַרום צום שמוגל מיט רוי פלייש, ווערט ברוטאַל אָפּגעווישט נישט בלויז די גרענעץ צווישן מענטש און חיה, נאָר צווישן מענטש און יאַטקע-פלייש.

זאָל מען נאָר נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע יידישע ווירקלעכקייט עוזר וואַרשאַווסקיס איז דער פּועל-יוצא פון די צייט און פון די אומשטענדן. די אומשטענדן באַווייזן נאָר תמיד אַרויס בולטער די אינערלעכע קאָנסטרוקציע. אין קאַטאַסטראָפאַלע מאָמענטן שפּילט מען נישט מיט זיך קיין קאָמעדיע. די שעה איז צו אַ ליק און מען ווייזט וואָס מען איז. וואַרשאַווסקי האָט עס זייער געלונגען אויסגענוצט. „אַלע גייען אַרום בלויז אונטער די אויגן"— אַז מ'שמועסט די מלחמה זאָל אויפהערן — „און מען דערציילט אַז אין דער גרויסער שטאָט אין וואַרשע, גייען אַ סך, אַ גאַנץ סך אַרום אַזוי בלויז". און—מ'ווייסט טאַקע נישט ווי אַזוי מ'וואָלט שוין געקאָנט לעבן דעראָן אָן אַ קעסעלע אונטער דער ערד, אַפילו ווען די מלחמה הערט אויף". מענטשן פילן זיך באַקוועמער אין זייער ריכטיקער הויט. דאָס געקינצלטע מאַכט מיד. דערין ליגט אויך דאָס גרויסע איבערגעוויכט פון עוזר וואַרשאַווסקי איבער מענדעלע מוכר ספרים: וואַרשאַווסקיס העלדן זענען אַקטיוו. ביי מענדעלע מוכר ספרים (הגם ער איז אויך אַ „נאַטוראַליסט") איז די יידישע ווירקלעכקייט דאָס בילד פון אַ געמויזעכץ, אַ „יידישע טאַרבע". די פּאַראַזיטישע שנאָרער-נעסט. מענטשן ליגן דאָרט ביינאַמען ווי די ווערעם און וועגעטירן. אָ, יענע „עט-בע" באַשעפענישן וואָס חכמהנען זיך זייער אָרעם איבער דער וועלט און פילן זיך ווערעם אין זייער נישטיקייט! די „הקדש-מענטשן", זיי פילאָזאָפירן וועגן דער וועלט מיט זאַט-קבצנישע הכמהלעך, און פילן זיך וווּיל אין זייער „יידישער טאַרבע". עס פעלט זיי גאָר נישט. דאָס זענען די ציניקער אויס קבצנות. אויב מ'קאָן זיך באַציען צו יידן ווי אַן אָטטאָ ווייבינגער, איז עס זיכער צו די יידן

פון מענדעלע מוכר־ספרים. זיי זענען כאַראַקטערלאָז און־„Kupler haft" ווי דאָס וויינינגערשע ווייב. מענדעלעס יידן זענען פול־שטענדיק „ווייבעריש", זיי זענען ווייך. מענדעלע אַליין האָט זיינע יידן פיינט תכלית־שנאה, ער פאַראַכטעט זיי. ניין, יענע מענטש זענען נישט פעיק צו קיין שום טאַט. וואַרשאַווסקיס מענטשן דאַ־געגן, זענען פול מיט שיקזאַל, דערמיט פול מיט טאַט. זיי זענען מערקווירדיק באַוועגלעך. די טאַט יאָגט זיי. זיי האָבן קיין צייט נישט צו פאַרלירן, ווייל דאָס זענען די מענטשן פון אומקום: דאָס איבערבלייבעכץ פאַר די לעצטע שעה. וואַרשאַווסקיס מענטשן גייען אונטער פון אינערלעכער ווערטלאָזיקייט. זיי ווייסן עס. דאָס זענען פאַרפאַלענע דעגענעראַטן. מיט דעם זענען זיי — עוזר וואַרשאַוו־סקיס העלדן — כ'וויל נישט זאָגן: טראַגיש, יעדנפאַלס רירן זיי אונז. האָפנונגסלאָזע פאַרשפּילטע לעבנס מיט „אַ שטיין אינעווי־ניק אויפן האַרץ אַזוי גרויס ווי די וועלט". די הימלען איבער זייער דאָזיין — ווען זיי עפענען די פענסטער פון זייערע שטי־בער און קוקן אַרויס — „ברענען ווי אַ גיהנם". פון די דאָזיקע אַקטיווע אומקומער קאָנען מיר זיך נישט אָפּווענדן מיט אָפּשיי ווי פון די יידן פון מענדעלע מוכר ספרים. אויב מיר האָבן נאָר גענוג אָביעקטיוויטעט, קאָנען מיר זיין די צושויער פון זייער פיין ווי צו דעם געשעען פון אַ גערעכטן שיקזאַל. איר קוקט צו, נישט איר קאָנט, נישט איר ווילט העלפן. איר ווייסט זיי אויך נישט טרייסטן, אַז ס'וועט בעסער ווערן און ס'זענען נאָר אויסערלעכע סיבות וואָס גיבן זייער לעבן אַזאַ פנים. זיי וועלן אייך נישט גלויבן, יענע אַקטיווע אומקומער. זיי קאָנען צו גוט זייער אינערלעכקייט. אין סוף פון די „שמוגלאַרס" פאַלט פאַנטעל אַריין „אין עפעס אַ געהויבענער פרייד: איך פאַנטעל זאָג ענק: „שמוגעל" וועט זיך ערשט אָנהויבן — דער רעכטער שמוגעל, ביז היינט איז געווען אַ קינדער־שפּיל. איך פאַנטעל זאָג אייך: איצט וועט זיך אָנהויבן דער אמתער שמוגעל... דער רעכטער!...

אַזוי האָט גערעדט פאַנטעל. און געווען איז עס גערעדט מיט אַ נביאישן פונק, וואָרים אַפילו די באַלעבאַטישע יידן זענען געוואָרן מיטגעריסן... און אויך די יונגען אַלע, האָבן אויפגעהויבן

די פֿאַרשכּורטע קעפּ און זייערע באַזויפּענע אויגן האָבן זיך אויס-
געוויזן ווי זיי זעען ערשט אין פֿאַנטלען עפּעס גאָר אַ ווילדע
בריאה, נאָר וועלכע זאָגט נביאות עפּעס פֿאַרהוילענע גרויסע זאַכן
וואָס זענען נאָך פֿאַרבאָרגן פֿאַר אַלע מענטשן".

דריט קאַפּיטל

אין דריטן טייל פון די „שמוגלאַרס“ באַרירט וואַרשאַווסקי אַ פּראָבלעם, — הגם דאָס פּראָבלעם איז נישט ניי, דאָך אָבער איז עס זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר וואַרשאַווסקין, מ׳מוז צוגעבן: ס׳איז אָריגינעל באַהאַנדעלט, נעמלעך: די מעגלעכקייט אַז דער דעגענעראַט זאָל געפינען אַן אויסלייז אין דער ליבע, און דאָס — דוקא אין דער ליבע פון אַ געפאַלענע, אין דער ליבע פון אַ זונה.

אַלע דעגענערירטע „פּערזענלעכקייטן“ ביי דאָסטאָיעווסקין ווילן זיך ראַטעווען אויף דעם דאָזיקן וועג. סאָניאַ מאַרמאַלאַדאָוואַ. סאָניאַ הייסט ראַסקאָלניקאָוון זיך מודה זיין. אין זיין ליבע צו סאָניאַן גייט זיך ראַסקאָלניקאָוו איבערגעבן דער פּאָליציי. אויפן וועג קושט ער די ערד. די צוקוקער מיינען אַז אַ הייליקער פּילגערט קיין ירושלים און זיי ווייסן נישט, אַז דאָ גייט אַ פאַרברעכער נעמען אויף זיך די קאַטאָרגע. אַן אויסוועג? ביי דאָסטאָיעווסקיןווימלט עס מיט אַזעלכע אויסוועגן פאַר זיינע העלדן. איך ווייס נישט וויפיל פּאָזיטיווע דערגרייכונג עס איז פאַראַן אין די דאָזיקע געפערלעכע גענג. יעדנפאַלס טוען עס מענטשן נאָך דעם טיפסטן יאוש. און דאָס גאַנץ שטאַרקע פּערזענלעכקייטן, אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליסטן, וואָס דער גאַנצער חשבון צווישן זיך מיט דער וועלט ווערט אויסגעקעמפט אין די ד׳ אמות פון זייער אייגענעם וועזן, ד. ה. דער מיטלפּונקט פון דער גאַנדער עקזיסטענץ ווערט איבערגעטראָגן אין דער אייגענער פּערזענלעכקייט אַריין. די פּערזענלעכקייט נעמט אויף זיך די גאַנצע אחריות: די פּערזענלעכקייט איז די וועלט. ווען די פּערזענלעכ-

קייט פאַרשפּילט, פאַרשפּילט אויך די וועלט. ביי אַזעלכע טראַגישע „וועלט־פאַראַנטוואָרטלעכע" טרעפט אָפט, אַז ווען מ'איז אַליין שוין פולשטענדיק אין יאוש, זוכט מען דעם יאוש אויך ביי אַנדערע. צוויי פאַרשפּילטע פּריוון צונויפּאַמען די לעצטע מעגלעכקייט. צוזר וואַרשאַווסקי פּרוּווט אויך די דאָזיקע „לעצטע מעגלעכקייט" מיט איינעם פון זיינע העלדן. דערביי שיידט זיך לגמרי נישט אָפּ אָט אָ דער אויסדערוויילטער העלד פון זיינע איבעריקע חברים אינם ראָמאַן. נישט ער איז אַ שטאַרקערער, נישט אַ קאָמפּליצירטערער אינדיווידיום פון זיי. וואַרשאַווסקי איז איבערהויפּט אין נאַטוראַליזם אַ טיפּישער קאָלעקטיוויסט. ער שילדערט נאָר די מאַסן־באַוועגונג און דאָס מאַסן־לעבן. די איינצעלנע פּערזאָנען זענען פולשטענדיק אָרגאַניש צוגעבונדן צום קאָלעקטיוו. זיי לעבן דאָס לעבן פון קאָלעקטיוו און באַוועגן זיך אין דער אַטמאָספערע פון קאָלעקטיוו. אין וואַרשאַווסקיס ראָמאַן פעלט לגמרי, אַזוי צו זאָגן, דער איינצעלער העלד וואָס זאָל אויסטראָגן דאָס שיקזאַל אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַלצדינג געשעט דורכויס קאָלעקטיוויסטיש. אויב וואַרשאַווסקי גייט מיט איינעם פון זיינע פאַרשוינען מאַכן דעם דאָסטאָיעווסקישן עקספּערימענט—יענע טראַגישע „לעצטע מעגלעכקייט"—טוט ער עס נאָר ווייל ער „שעמט" זיך צו זיין אַזוי געפיל־לאָז און ער וויל כאָטש איינעם פון זיינע העלדן אַרויסראַטעווען פון דער שריפה. וואַרשאַווסקיס „יחיד" שפּילט נישט קיין שום ראָלע, מ'קאָן מיט אים אַלץ וואַגן. נישט די ווידערגעבורט פון דעם דאָזיקן „יחיד", נישט דער אונטערגאַנג זיינער, קאָן עפּעס אַוועקנעמען אָדער צוגעבן דעם געשעען פון ראָמאַן. (ביי דאָסטאָיעווסקין קאָן די אַנטשיידונג פון גורל פון איינצעלנעם העלד אַנטשיידן דעם שיקזאַל פון גאַנצן ראָמאַן.) אין די „שמוגלאַרס" ווערט דער גזר־דין געחתמעט אינם קאָלעקטיוויסטישן ווען. ביי וואַרשאַווסקין :—אין קאָלעקטיוויסטישן אונטערגאַנג.

דער קאָלעקטיוו צאָלט פאַר זיינע מעשים.

דער שמוגלער מענדיל באַקאַנט זיך מיט דער פּראָסטיטוטקע נאַטשע. מענדיל ווערט געפערלעך קראַנק. נאַטשע וואַכט ביי

זיין בעס. ביי מענדלין קומט אַ גרויסער פיזישער איבערברוך. ער שטייט אַ טריט פאַרן טויט. יסורים לייטערן אים. אין דעם האַרץ פון דער זונה וועקט זיך אַ שוועסטערלעך מיטגעפיל פאַר אַ ליידנדיקן מענטשן. דורך דער דאָזיקער צייט קומט די „ייטזע־ ליקייט אויף דיביידע געפאַלענע — די ליבע.

דער שמוגלער ווערט דערביי שטיל און נאַיוו ווי אַ קינד. די זונה ווערט אַ סאַמאַריטערין. זיי הויבן אָן צו באַקומען מיט־ לייד צו אַנאַנדער. נאָך מער: נישט בלויז רחמנות צו אַנאַנ־ דער, נאָר מיטלייד מיט זיך אַליין. דורך דער ליבע הויבן אָן דער שמוגלער און די זונה מיט זיך זעלבער מיטצוליידן. דאָס טיפסטע אינערלעכע באַנעמען צו וואָס אַ מענטש קאָן נאָר דער־ גרייכן. דאַן קומט איבער זיי די דאַנקבאַרקייט: „און עס ווערט אין אים נאָך שטאַרקער די דאַנקבאַרקייט אין וועלכער ער דערשפירט זיך לויטער און פרישער". און ער „ווייסט נישט אויב זי איז די אייגענע באַטשע ווי שטענדיק אָדער אַ נייע איז זי דאָ פאַר אים". „מענדילס ווייכקייט איז געוועזן די (בשעת דעם מיט־ ליידן) וואָס דער גרעסטער ייִנג ווען ער דערשפּירט זי אין זיך, קאָן ער דעמאָלט נעמען די צאַרטסטע זאַך אין דער האַנט אַריין, די ווייסטע ליליע, אָן שום שאָדן און זי וועט אַרויס פון זיין האַנט אומצעפלעקט... און אפשר — אפשר נאָך ווייסער ווי פריער, ווייל זי איז געלייטערט דורך נאָך אַ צווייטער צאַרטקייט".

דאָס ליידן. דאָס זיך מוחל־זיין. די שטילע ליבע צווישן דעם שמוגלער מיט דער זונה.

ביי דעם דאָזיקן שמוגלער וועקט זיך זאָגאַר צוריק אויף דאָס געפיל פון דער ראַסע.

עוזר וואַרשאַווסקי'ס פעדער ציטערט אויף מיט אַ ליריש־ צער ביים באַשרייבן די דאָזיקע אידילישע סצענעס. אין האַרצן פון דיכטער אַליין נאָגט די חרטה. וויל ער זאָגן אַ טרייסט־וואָרט? די געטער זענען גרויזאַם. דער שיקזאַל פון די „שמוגלאַרס" — זיין אַנטשיידונג ליגט נישט אויף דעם וויאַ דאָלאָראָזאַ פון וואָסער עס איז איינצעלנעם מענטשן. די אַנטשיידונג ליגט ערגעץ אַנ־ דערשוו. אין קאָלעקטיוו.

פערטער טייל

אויף די וועגן צו דער וועלט

JEWISH CULTURAL CLUB

ערשט קאַפּיטל

די שטעטל-מאָטיוון פלעגן תּמיד ביים יידישן אידעאַליסט אויפוועקן אַ געהיימען פּחד. דער יידישער אידעאַליסט האָט זיך געזעען איינגעשלאָסן אין אַ קרייז פון מאָטיוון וואָס נישט ער טאָר, נישט ער קאָן פון אים אַרויס. וויפיל שאַפונגס-פרייד די דאָזיקע שטעטל-מאָטיוון זאָלן אים נישט געבן, איז אים אָבער דאָך נישט איינמאָל באַפאַלן די מרה-שחורה פון געפאַנגענע. דער יידישער אידעאַליסט האָט זיך געפילט ווי אַ זינג-פויגל אין אַ שטייג. צי איז דער גורל פון דער יידישער ליטעראַטור שוין אויף שטענדיק צו זיין איינגעקרייזט אין דעם כשוף-ראָד פון שטעטל? צי איז אַ יעדער טריט אַרויס פון דאָרט אַ סכנה? צי איז דאָס שטעטל דאָס איינציקע מאַטעריאַל פון וועלכן ס'מוז זיך אוי בויען די יידישע ליטעראַטור?

ס'איז נישט צו פאַרלייקענען. די פּחדים זענען געווען גע-גוג ערנסטע. ערשטנס: די פאָרמען און די סטרוקטור פון יידישן לעבן ענדערן זיך כּסדר. מען קאָן דאָך נישט שטעלן דעם קיום פון דער יידישער ליטעראַטור אויף יסודות וואָס קאָנען בשום אופן נישט זיין דויערהאַפטיק. צווייטנס: הגם דאָס שטעטל איז פאַרן אידעאַליסט נישט בלויז געווען אַ מאָטיוו פאַר זיך זעלבער, נאָר עס האָט געזאָלט זיין, אַזוי צו זאָגן, דער מאָטיוו פאַרן גאַנצן יידישן וועלט-דאָזיין: דער עלעמענטן-סימבאָל פון דער היסטאָרי-שער פּסיכאָלאָגיע פון יידן — פונדעסטוועגן האָט זיך דער אידעאַליסט אויף דעם דאָזיקן באָדן געפילט נישט זיכער. אויב די חירקלעכקייט בכלל איז פאַר דער שאַפנדיקער קונסט ערשט דער באָדן פון וועלכן זי — די קונסט — הויבט זיך זעלבסטשטענדיק

אָן צו אַבסטראַהירן אין אירע אייגענע רעגיאָנען, איז די דאָזיקע יידישעווירקלעכקייט — דאָס שטעטל — וועלכער אונזער אידעאַליסט האָט זיך אויסגעקליבן, דאָך געווען אַ צו ענגער פּלאַץ ווו די יידישע קונסט זאָל זיך נאָרמאַל פונאַנדערוואַקסן. די יידישע ליטעראַטור קאָן דאָך סוף כּל סוף נישט בלייבן קיין שטעטל־ליטעראַטור. אמת, דער אידעאַליסט איז גענוג געווען באַמיט זיין וועלט־געפיל, — וועלט־באַנעמען — און דאָס וועלט־געפיל פון דער יידישער ראַסע אויסצודריקן אין די דאָזיקע שטעטלדיקע מאָטיוון, אָבער צו צובינדן די יידישע ליטעראַטור כּסדר גראָד צו אָט אָ דער יידישער ווירקלעכקייט האָט נישט געקאָנט זיין קיין פּערספּעקטיוו פאַרן יידישן דיכטער. אונזער נאַציאָנאַל־וועלטלעכער געדאַנק האָבנדיק אין זיך טענדענצן צו אוניווערסאַליטעט: צו זיין דאָס פאָלק פון דער וועלט, נישט דאָס פאָלק פון אַ לאַנד. אויפן וועג צו די דאָזיקע טענדענצן, וואָלט עס געווען גאַנץ אוננאַטירלעך אַז דאָס פעלד פון יידישן שאַפן זאָל זיין אַזוי באַגרענעצט! מיר האָבן דאָך סוף כּל סוף נישט געקאָנט מאַכן אַ סך שטעטל קיין מיטאָס און דערמיט זאָל די יידישע ליטעראַטור זיין פולשטענדיק אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער יידישער אַנטוויקלונג: אָט אָ דאָס לעבעדיקע יידישע לעבן מיט זיינע טענדענצן צו עמיגראַציע, מיט זיין נייעם גאַנג אין דער וועלט, איבערהויפּט דער יידישער אַרבעטער־קלאַס מיטן שאַפערישן רעוואָלוציאָניזם — דאָ אַלצדינג האָט געהאַט אין זיך גענוג כּח כּדי צו באַפליגלען דעם יידישן אידעאַליסט. די ליטעראַטור אונזערע שטייט נאָך אָבער מיט ביידע פיס אין שטעטל. עס האָט געמוזט וועקן אין האַרצן פון יידישן שריפטשטעלער ביטערע מחשבות. מיר האָבן אים געטרייסט: דער אידעאַליזם פון שטעטל אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אין זיך אַזוי פיל פּאָטענצן פון מענטשלעכקייט און וועלט. ס'איז אָבער נישט געווען קיין גאַנצע נחמה. בעת די יידישע ווירקלעכקייט האָט זיך אויסגעפונען איר וועג צו דער וועלט, איז נאָך אַלץ דער יידישער שריפטשטעלער געשטאַנען אין שטעטל און אַרויסגעקוקט צו דער וועלט דורך אַ באַריערע. נישט קיין אָנגענעמע לאַגע. ווען מיר זעען אין די ווערק פון

נאָמבערג און בערגעלסאָן ווי דער שטעטל-אינטעליגענט, יענער וואָס שטייט אָם נענטסטן צום יידישן שריפטשטעלער, יענער האַלב־ראָמאַנטישער האַלב רעאַליסטישער שטעטל-אינטעליגענט, וואָס קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען אין דער סביבה זיינער, וואָס זוכט און זוכט און קוקט אויף זיך סוף כל סוף ווי אויף אַ צאַנקנדיק און צעבראָכן לעבן — דאַן קאָנען מיר אַביסל באַקו־מען אַן אַריינבליק אין די באַהאַלטנסטע ווינקעלעך פון די נשמה פון יידישן שריפטשטעלער.

שלום אַש אַלס טיפּישער שטעטל־אידעאַליסט האָט אויך געוואָלט אָט אָ דעם צוויבער־גדר איבעררייסן. ש׳ין אַ ריי מיט יאָרן ווי ער קעמפט דערפאַר מיט זיין שאַפן אַרויסצוקומען אויפן וועג צו דער וועלט.

דאָס ביכל זיינס „אַמעריקע" איז דער ערשטער פּרוּוו אויף דעם דאָזיקן וועג. די בריק צווישן שטעטל און אַמעריקע האָט געזאָלט זיין דער אַרויסגאַנג צו דער וועלט- די שטעטל־מענטשן הויבן זיך אָן צו רירן פון זייער איינגעזעסנקייט. מיט דעם דאָ־זיקן אויפריר פון שטעטל איבער די ימים האָט אַש פאַרבונדן נייע מעגלעכקייטן פאַר זיין אייגן שאַפן. ער האָט געזעען דאָרט אַ צוקונפט פאַר זיך, און די צוקונפט פאר דער יידישער ליטע־ראַטור. „אין די בייכער פון די שיפן איבערן אַטלאַנטיק ווו עס פאָרן די יידישע עמיגראַנטן, פלעגט אַש זאָגן, פירט זיך די צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור": די ווערט־אידעע: דער וועלט־פאַרנעם פון די יידישע ליטעראַטור. אין דעם דאָזיקן ביכל שטייט אַש נאָך פילשטענדיק אין שטעטל: דער ייִנגער אידילישער אַש פון קוילער־געסל. ער איז נאָר פול מיט אומבאַקאַנטער אַנונג אַז די דאָזיקע העלדן זיינע וואָס פאַרלאָזן אים דאָס שטעטל וועלן נאָך באַווייזן גרויסע זאַכן. דע יבער איז ער אַזוי מאָדנע רויק, כמעט גליקלעך וואָס זיי פאָרן אַוועק. ער באַגלייט זייער אויסוואַנדערן מיט אײַנגעשטילטער האָפנונג. אַש קוקט נאָך דאַן אויף די היסטאָריש-אידעישע פּערספּעקטיוון פון דער יידישער עמיגראַציע מיט אַ געפיל פון באַוויטעט, מיט ציטערדיקן קינדע־רישן גלויבן. טונקעלע העראָישע בילדער טויכן פאַר אים אויף,

ווען ער זעט דעם דאָזיקן בייעם קרעפּטיקן „גלות״. עפּעס געשעט, ער ווייסט נישט וואָס, ער ווייסט נאָר אַז דאָס יידישע שאַפן שטייט ערב פון גרויסע מעשים. שלום אַש האָט דעריבער מיט פיל איני־סטינקט אויסגעקליבן פאַר אַ הויפּט־העלד פון זיין ווערק — אַ קינד. דאָס שטעטל־ייִנגל יאָסעלע. דער העלד, אַ קינד האָט אַשן נישט פאַרפליכטעט אָנצוצייכענען קאָנקרעט די גאַנצע געגעזיס, די ווייטערע אַנטוויקלונג און די פּסיכאָלאָגישע קאָנסעקווענצן פון דער שטעטל־עמיגראַציע. דערצו: כדי צו האַלטן זיך כסדר ביי בלויזער קינסטלערישער אַנונג, כדי אויסצומיידן אַ יעדן אָפּענעם פּוצל־יוצא, מאַכט עס שלום אַש אַז עס שטאַרבט יאָסעלע, דער העלד וואָס זאָל זיין דער פרישער דור פון דעם נייעם אָנהויב. מען מוז צוגעבן: מיט דעם האָט אַש געוויזן אַ זייער געלונגענעם טריוק, ער קאָן זיך מיט ווייטערע אויספירונגען האַלטן אין רעזערוו. איינס האָט ער געטון: ער האָט געמאַכט דעם טריט איבער די גרענעץ פון שטעטל, דעם געוואַגטן טריט פון וועלכן מ׳קאָן אַזוי פיל אַנען און האָפן. מיטן איבעריקן האָט נאָך דאַן אַש געוואָלט אָפּוואַרטן.

אין דעם דאָזיקן פּאָזיטיוון קינסטלערישן אָפּוואַרטן האָט שלום אַש נישט לאַנג אויסגעהאַלטן. ער האָט אויף יעדן אופן געוואָלט דעם אָנגעהויבענעם וועג ענדיקן. צי האָט אים געפעלט טיפקייט און כח, צי איבער אַנדערע סיבות: די ראָמאַנען אַשס ווי „מערי״ און דער „וועג צו זיך״, ווו אַש וויל זייגע העלדן אַרויספירן שוין אַלס אַקטיווע מאָדערן־וועלטלעכע יידן — זענען נישט פון די געלונגענע. די אַקציע ווי אויך די פּראָבלעם־באַ־האַנדלונג פון די געשעענישן זענען אויבערפלעכלעך, קינסטלעכע. זיי קומען נישט אַרויס פון די עכטע קוואַלן פון ווו אויס אַש שאַפט. עס איז נישט דאָס אינטויטיווע אַשישע וועלט־באַנעמען, נאָר אַ שאַבלאָן פון עפּעס אַ דערגרייכונג. די „ליטעראַרישקייט״ מיט וועלכע אַש האָט שטענדיק ליב צו פאַרדעקן זיינע דעפעקטן. הוילע ליטעראַרישקייט. אַ סך רויך, ווייניק פייער.

צווייט קאַפּיטל

איך בין איבערצייגט: איינע פון די הויפּט־סבות וואָס אין די דאָזיקע וועלטלעכע ראָמאַנען האָט אַש נישט געפינען דעם „וועג צו זיך“, נאָר דעם וועג אַוועק פון זיך, דאָס זענען זיינע ציוניסטישע טענדענצן. צווישן די עלעמענטן פון געפיל פאַר „ארץ־ישראל“ וואָס אין אַש׳ס שטעטל און צווישן די ציוניסטישע אויפפאַסונגען וועגן ארץ־ישראל איז דאָ אַ גרויסער אָפּגרונט. אַש האָט זיך דאָ נישט אָריענטירט און — דאָס איז געווען און בלייבט פאַר אים זייער אַ באַדייטנדיקער שאָדן. ארץ־ישראל איז פאַר יידן געווען אַן אַבסטראַקטע בענקשאַפט, אַ ראָמאַנטישער סענטימענט, אַ סענטימענט וואָס איז געווען מער פאַרבונדן מיט דער יידישער לעגענדע ווי מיט וואָסער עס איז יידיש „פאָטערלאַנד“. ארץ־ישראל האָט אַזוי לאַנג געקאָנט זיין אין דעם קאָמפּלעקס פון די יידישע פאָלקס־סענטימענטן ווי לאַנג עס האָט זיך, סיי אין איר היסטאָרישע פאַרגאַנגענהייט, סיי אין איר צוקונפט, אַבסטראַהירט אין אַ רעליגיעזע פאָרשטעלונג. בייטראַליזירט אין יענע רעליגיעזע בענקשאַפטן האָט דער ארץ־ישראל מאָטיוו צוגעגעבן אַן אייגנטימלעכע קאָליר דעם יידישן פאָלקס געמיט (ביי אַשן איז טאַקע אָט אָ דער קאָליר אָפּגעהויבן). נישט האָבנדיק אין זיך די אַספּיראַציע זיך אַקעגן צו שטעלן די ליניע פון יידישן וועלט־דאָזיין: — צו זיין דאָס וועלט־פאָלק. דער ארץ־ישראל סענטימענט האָט נאָר באמת זיך צוצופּאַסן צו דעם ווילן פון דער דאָזיקער יידישער היסטאָרישער ענערגיע און זיך אָפּגעגרענעצט בלויז אין דעם מיטישן, אין דעם טרוימהאַפטן, אין דעם רעליגיעזן. דעריבער

האָבן יידן געקאָנט אַזוי לאַנג לעבן מיטן ארץ-ישראל סענטימענט, הגם אין אַט אָ דעם סענטימענט איז נישט פאַרבליבן קיין ש.ם שפור פון וואָסער עס איז ווירקלעכקייט. וואָס ווייניקער „ווירקלעכקייט" דאָרט איז געווען, דאָס מער האָט זיך „ארץ-ישראל" געקאָנט איינשטעלן אין האַרמאָניע מיטן גאַנצן יידישן וועלט-באַנעמען. דער ציוניזם אָבער האָט הינטער דער מאַסקע פון ארץ-ישראל סענטימענט אַריינגעפירט דעם „יידנשטאַאט" און דאָס „יידישע פאָטערלאַנד" אַלס אַן עיקר און אַלס אַן אויפלעבונג. מיט דעם האָט זיך דער ציוניזם געשטעלט אין עקסטרעמסטן קעגנזאַץ צו די אַלע אידעאַלן פון גרויסער יידישער וועלטלעכקייט. דאָס „פאָטערלאַנד" פאַרשטעלט דעם וועג צו דער וועלט, דערמיט פאַרשטעלט עס דעם וועג צו וואָסער עס איז דערלייזונג פון מענטשן. די וועלט איז דאָס אַבסאָלוטע און אייביקע, דאָס פאָטערלאַנד — דאָס רעלאַטיווע, דאָס נישט אייביקע. אַ יעדע פּזורה צווישן אָט די ביידע עלעמענטן איז פלאַכקייט און ווידערשפּרוך. עס ווידערשפרעכן זיך תמיד דאָס פאַרגענגלעכע און דאָס אַבסאָלוטע. דער חילוק צווישן אַבסאָלוטער מענטשלעכקייט און באַרבאַריי — איז טאַקע דאָס, וואָס פאַר דער מענטשלעכקייט האָט זיך אויפגעטון דער אויסבליק צום אייביקן. דאָס „פאָטערלאַנד", פאַרשטעלנדיק דעם וועג צו דער וועלט, לייגט עס זיך ווי אַ וואָלקן איבערן אויסבליק צום אייביקן, דערמיט פאַרשטעלט עס דעם וועג צו יעדע באַדייטנדיקע היסטאָרישע דערגרייכונג. נישט אין פאָטערלאַנד ליגט די צוקונפט פון די מענטשן, אין דער וועלט ליגט די מענטשלעכע צוקונפט! תמיד ווען עס האָט זיך נאָר געוועקט דאָס פאָטערלענדישקייט אין דער געזעלשאַפט האָט זיך אויך צוגלייך געוועקט דער באַרבאַריזם, איז פאַרשוווּנדן אַ יעדע ליבע, אַ יעדער ווילן צו דערלייזונג. אָ, דאָס פאָטערלאַנד, עס איז נאָך די היה אינם מענטשן! דער ציוניזם אַריינברענגענדיק דאָס „פאָטערלאַנד" אין דער יידישער עקזיסטענץ, האָט זיך אָרגאַניש אָקעגנגעשטעלט אָט די אַלע פערספעקטיוון צו אַבסאָלוטער מענטשלעכקייט, אויף וועלכע די אַנטוויקלונג פון דער יידישער געשיכטע האָט באַקומען מעגלעכקייטן נאָר אַ דאַנק דעם

וואָס זי האָט באַזירט אויף אַ פאָלק אָן אַ פאַטערלאַנד. אין דער
מעגלעכקייט צו זיין אַ וועלט-פאָלק ליגט דאָס אייגענאַרטיקע זשעני
פון דער יידישער ראַסע, איר היסטאָרישע וועלט-שטעלונג, איר
היסטאָרישע אויפגאַבע. די שוואַכע וועלכע עס שווינדלט אין די
אויגן פון די גרויסע האָריזאָנטן פון דער מענטשהייט, די קליין-
גלויביקע — די קטני אמנה — האָבן אויסגעלאַכט דאָס פאַטער-
לאַנדלאָזיקייט פון יידישן וועלט-פאָלק. (די וואָס גלויבן נישט
אין מענטשן, גלויבן אין פאַטערלאַנד!*) דער ציוניזם איז גע-
בוירן געוואָרן אין דער נאַציאָנאַליסטישער קליינגלויביקייט, דערי-
בער קאָן די יידישע ליטעראַטור נישט גיין אויפן וועג פון ציו-
ניזם. די ליטעראַטור אויף דער שפּראַך וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן
אין יידישן וועלט-פאָלק און איז פונאַנדערגעוואַקסן מיט דעם
גאַנצן וועלט-דאָזיין פון יידן, אין דער דאָזיקער ליטעראַטור ליגט
די עקסטרעמסטע סתירה צו פאָטער-לענדישקייט. די לעזונג פון אַ
יעדע וועזנטלעכע ליניע אין דער יידישער ליטעראַטור קאָן זיך
נישט אויסדריקן אין קיין שום פאָטערלענדישקייט, ווייל מיט דעם
אליין פאַרבלאָנדזשעט די לעזונג אָרגאַניש אויף פאַלשע דרכים.
דער אויפבוי און דער אונטערגאַנג פון דער יידישער ליטעראַטור,
יידישע קולטור און יידישע שפּראַך איז פאַרבונדן מיט דער דאָ-

*) איך מוז דא באמערקן: הגם א סך גרויסע היסטארישע טאטן, צ. ב.
די פון די סאן-קילאטן, זענען געטון געווארן אויפן באזיס פון פאטערלאנד, איז
עס אבער נאר ביי פאטערלענדישע פעלקער. דארטן ווו ס'פאטערלאנד איז א
פאקט אינם נאציאנאלן לעבן, ווערט עס דורך גרויסע מענטשלעכע באוועגונגען —
און דאס אויך זעלטן — אויסגענוצט. דאס פאטערלאנד איז געווען די טיר
דורך וועלכע יענע באוועגונגען האבן ארויסגעצויגן צו דער וועלט. א מיטל
נישט קיין ציל. אויך פארן יידישן אידעאליזם איז דאס „שטעטל" געווען דער
ארויסגאנג צו דער וועלט. דער ציוניזם האט אבער דאס פאטערלענדישקייט גע-
מאכט פאר א ציל און פאר א נאציאנאלן רענעסאנס, ער האט עס געוואלט
מאכן פאר א נאציאנאלן פאקט, דאן ווען דער דאזיקער „פאקט" שטייט אין ווי-
דערשפרוך מיט דער שעפערישער וועלט-שטעלונג פון דער יידישער ראסע.

זיקער פסיכאָלאָגיש־היסטאָרישער אידעע פון יידן אַלס וועלט־פאָלק.
אין אונזער אייגענאַרטיקער, דערמיט איינציק־פאָזיטיווער שטעלונג
אין דער וועלט, מוזן מיר זיין ביטער וואָר און ביטער קאָנ־עק־
ווענט. אָ, ווי לייכט עס איז זיך אָפּצופּטרן מיט דער פראַזע פון
פרייען ווילן אין דער געשיכטע. אַלצדינג גרויסע, אַלצדינג שע־
פעריש־פרייע איז שיקזאַל. אויך די פרייהייט און דער פרייער
ווילן איז שיקזאַל. שיקזאַל איז נישט קיין קנעכטשאַפט. שיק־
זאַל — דאָס איז די טיפע, די אייביקע קאָסמישע איינהייט. דאָס
אין־דער־וועלט־זיין, איז דער שיקזאַל פון דער יידישער ראַסע.
דער דאָזיקער שיקזאַל פירט אונז צום אַבסאָלוטן, צו דערלייזונג.
אַ יעדער גרויסער שיקזאַל פירט צו דערלייזונג. אין אָט אָ דעם
שיקזאַל לעבן מיר זיך אויס. נאָר אין דעם דאָזיקן שיקזאַל זענען
מיר נישט קיין היסטאָרישע פאַראַזיטן: מיר גיבן דער וועלט
אונזער חותם. דער ציוניזם האָט אַריינגעוואָרפן דאָס פאָטערלאַנד
ווי אַ שטיין אין די וואַסערן פון אונזער דאָזיין. די יידישע
וואַסערן זענען געוואָרן מוטנע און נישט איינער פון אונז האָט
פאַרלוירן דעם קאָפּ און זיך אויפגעהערט צו אָריענטירן אין דער
ליניע פון דער יידישער געשיכטע. דער ציוניזם האָט אַריינגע־
ברענגט דעם יאוש און די שרעק, ער האָט אונז געסטראַשעט
מיט אומקום. דער ציוניזם האָט אַלצדינג געשטעלט אויף די קאָרט
פון פאָטערלאַנד. נישט איין יידישער מענטש האָט פאַרבלאָנדזשעט
פון יידישן וועג, האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו אַנטלויפן
דאָס יידישע פאָטערלאַנד איז דאָס דעזערטירן פון יידישן וועלט־
געדאַנק! די דאָזיקע היסטאָרישע גערעכטיקייט איז אפשר זייער
אומאָנגענעם און זייער נישט פּאָפּולער. אַ יעדעס גערעכט־זיין
אָבער איז אומאָנגענעם און נישט פּאָפּולער. די וואָס אַנטלויפן
פאַרן אומקום, קומען גיכער אום ווי די וואָס בלייבן אויפן אָרט
און טון זייער פליכט. טון איר היסטאָרישן חוב, דאָס איז דאָס
העלדנטום פון אַ ראַסע. וואָס איז דען דער עלעמענט פון בטחון
אין דער יידישער געשיכטע, דער בטחון וואָס מ׳רעדט פון אים
אַזוי טיף, אויב נישט ד״ר גלויבן אין שיקזאַל און אין דער היס־
טאָרישער פליכט? פאַרלירנדיק אָט אָ דעם גלויבן אין שיקזאַל,

האָט דאָס יידישע וועלט-דאָזיין פאַרן ציוניזם פאַרלוירן אַ יעדן באַדייטנדיקן ווערט. דער ציוניסטישער מענטש האָט נישט געוווּסט פון זיין באַציונג צום אַבסאָלוטן. דער ציוניזם האָט אים אויפן אָרט פון אַבסאָלוטן געגעבן דאָס בלויז רעלאַטיווע — דאָס פאָטערלאַנד. דער יידישער יאוש האָט זיך געוואָלט ראַטעווען אויפן רעלאַטיוון ווי אויף אַ רעטונגס-ברעט. דאָס רעלאַטיווע אָבער, אויב ס'קאָן אַמאָל זיין אַן אויסגאַנג פאַר אַן אייגצעלנעם מענטשן, איז עס קיינמאָל נישט דער אויסגאַנג פאַר אַ ראַסע, פאַר אַ וועלט-דאָזיין. תמיד אַנטוישט דאָס רעלאַטיווע, תמיד מאכט עס פאַרלירן דעם וועג, דעם אויסוועג. תמיד איז דאָס רעלאַטיווע פול מיט יאוש. פאַקטן וואָס זענען אונז אָרגאַניש פרעמד, ווי צ. ב. דאָס יידישע פאָטערלאַנד, צי וועלן זיי געבן אַן אינהאַלט פאַר די דאָזיקע וואָס זענען דעזאָריענטירט אין דעם יידישן וועלט-באַנעמען? אַזעלכע מיני פאַקטן בלייבן שטענדיק סוראָגאַטן. פאַר קולטור און באַציִע איז דאָס שפּיל מיט סוראָגאַטן געפערלעך. מ'בויט אויף זאַמד. ווען ס'קומט דער יאוש איז שוין נישט פאַראַן קיין שום אויסגאַנג. דער ציוניזם האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום סוראָגאַטן, ווייל ציוניזם — דאָס איז דער יידישער יאוש (נישט קוקנדיק דערויף וואָס דער ציוניזם איז אַזוי האָפערדיק, און שטענדיק באַרוישט). דער ציוניזם קאָן זיך אויסלעבן אין פיקציעס. וואָס האָט ער צו פאַרלירן? שלום אַש, דער גרעסטער בעל-בטחון אין דער יידישער ליטעראַטור, דער גלויביקסטער, וואָס אַממייחסטן פון אונז אַלע איז אים פרעמד דאָס געפיל פון יאוש, ער האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּן מיטן ציוניסטישן שטראָם באַר דעריבער, ווייל דער ציוניזם האָט זיך באַנוצט מיטן סענטימענט פון ארץ-ישראל. דער ארץ-ישראל מאָטיוו, דער פאָלקסטימלעכער ארץ-ישראל מאָטיוו איז פאַרן ציוניזם געווען די פיקציע הינטער וועלכע ס'איז געווען פאַרבאַהאַלטן די רעלאַטיווע הצלה פאַר אַלע אונזערע דעזערטערן — דאָס פאָטערלאַנד. גיט דעם ציוניזם אַ פאָטערלאַנד און ער איז אייך מוחל ארץ ישראל! (אויב ארץ-ישראל איז פאַרן ציוניזם קודמער ווי אַן אַנדער לאַנד, איז עס דעריבער ווייל דורך דער דאָזיקער פיקציע איז אים

ליכטער זײ ייִדישע מאַסן אײַנצורעדן דאָס פּאַטערלאַנד.) שלום אַש האָט אין זײַנע מאָדערן־װעלטלעכע ראָמאַנען גאָרנישט דער־גרייכט. דער „װעג צו זיך" איז דאָרט נישט געפֿונען געװאָרן. דער ציוניזם האָט אַש אָראָפּגעפֿירט פֿון דעם דאָזיקן װעג. ער האָט אים געשטעלט מיט זײַן אײגענעם — אַשישען — װעלט־באַנעמען אין װידערשפּרוך.

װער װײסט װי שלום אַש װאָלט אַזױ פֿאַרבלאָנדזשעט נישט אָפּװאַרטנדיק מיט קאָנסעקװענצן װי אין „אַמעריקע" און אָנהױבנ־דיק צו זוכן די װעגן צו דער װעלט פֿאַר דער ייִדישער ליטע־ראַטור דאָרטן װו ס'זענען פֿאַראַנען פֿאַר איר בלויז סוראָגאַטן און פֿיקציעס, דאָרט אַ װו זי טאָר נישט גײן. אַשס געפֿיל אָבער, האָט אים ענדלעך דיקטירט צו פּרוּװן דעם װענד־פּונקט פֿאַרן „שטעטל" אין אַנדערע פּערספּעקטיװן װאָס זענען מער לױט זײַן כאַראַקטער און האָבן פֿאַר אים מער אױסזיכטן אויף דערגרייכונג— אין די פּערספּעקטיװן פֿון דער היסטאָל'ע.

דריט קאַפּיטל

JEWISH CULTURAL CLUB • OF SASKATOON

היסטאָרישע מאָטיוון האָבן די מעלה וואָס זיי שטייען אָפּגערוקט פון אונז אין די האָריזאָנטן פון פאַרגאַנגענעם, און מיר קאָנען זיך באַציִען צו די היסטאָרישע מאָטיוון מער אָביעקטיוו. מ׳איז תמיד אָביעקטיווער צו די היסטאָריע ווי צום לעבן. צו דער היסטאָריע זענען מיר נישט אַזוי אַפעקטירט ווי צו דער געגנוואַרט, דעריבער קאָנען מיר אַ יעדעס איינצעלנע דאָזיין אין דער היסטאָריע זעען ווי עס שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן דאָזיין אין אַלגעמיינעם: מיר זעען דאָרט דאָס באַזונדערע געשען אין זיין צוזאַמענהאַנג מיטן אייביקן. די היסטאָריע האָט אויך די גרויסע באַדייטונג פאַר אונזער אורטייל איבער די מעשים פון די מענטשן, וואָס אין דער היסטאָריע שטייען מיר, גיכער ווי אין דער געגנוואַרט, פּנים אל פּנים מיט דעם מ ע נ ט ש ל ע כ ן מ י ן. אויב מ׳איז אַפילו נישט אַזוי עקסטרעם ווי קאַרלייל, וואָס ער זאָגט, אַז די געשיכטע פון די מענטשן איז די געשיכטע פון צען פּערזענלעכקייטן, מוז מען דאָך מודה זיין דאָס די היסטאָריע האָט נישט צו טון מיט דעם לעבן פון דעם כּלל אַלס אַזעלכן, ד. ה. מיט אַ סך הכּל פון יחידים, נאָר מיט דעם לעבן פון דעם מין אַלס אַזעלכן, מיט דער יצירה מענטש, מיט דעם מ י ן מענטש. „די מאָס פון דעם מין איז די אַבסאָלוטע מאָס, דאָס געזעץ און קריטעריום פון דעם מענטשן”, זאָגט פייערבאַך. די אַפעקטן פון דער געגנוואַרט ליגן ווי אַן אויבערשטע שיכט איבער דעם דאָזיקן, גאַנץ אין דער טיף באַהאַלטענעם עלעמענט פון מין. דער לעבנס-קאַמף און די לעבנס-באַדינגונגען פונם איינצעלנעם קאָנען שטיין אין ווידערשפּרוך צו

דעם באַוווּסטזיין פון מין, ווי דער ווידערשפּרוך צווישן רעלאַטיוון און אַבסאָלוטן. דאָס באַוווּסטזיין פון מין איז דאָס אַבסאָלוטע באַוווּסטזיין פון מענטשן: דאָס פון זיך באַוווּסטזיין פון דער פער-באַוווּסטזיין איז דאָס פון זיך באַוווּסטזיין פון מין. דער לעבנס-זענלעכקייט איז דאָס פון זיך באַוווּסטזיין פון מין. דער לעבנס-קאַמף פון איינצעלנעם איז דאָס אַפעקטירטע רעלאַטיווע. אין דעם ליגט נעמלעך די טיפע אידעע פון סאָציאַליזם: אָפּשאַפנדיק דעם לעבנס-קאַמף פון איינצעלנעם וועט דער סאָציאַליזם אַוועקנעמען די רעלאַטיווע שטעלונג פון איינצעלנעם מענטשן צו דער וועלט. עס וועט אַוועקגענומען ווערן די דאָזיקע איבערשטע פיקטיווע שאָל, און דער איינצעלנער מענטש אין קאָלעקטיוו — דער מין — וועט שטיין נענטער צום אַבסאָלוטן. דערמיט אַליין ווערן געשאַפן גאָר נייע פּערספּעקטיוון פאַר דער קולטור. דאָס אַלטעגלעכע אין דער געגנוואַרט איז דער אַפעקט פון דעם איינצעלנעם, דאָס מין זעט אויך אין דעם געגנוואַרטיקן דעם צוזאַמענהאַנג מיטן אייביקן. דעריבער האָט נאָר דאָס מין — היסטאָריע. היסטאָריע איז נעמלעך די באַציונג פונם מענטשלעכן מין צו דער אַבסאָלוטער וועלט.

ווען מיר רעדן פון די וועגן צו דער וועלט פאַרן יידישן שריפטשטעלער און פאַר דער יידישע ליטעראַטור, גייט עס נעמלעך דערין: דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם דאָזיין פון יידן אין דער וועלט און דאָס אַבסאָלוטע אין דער וועלט. דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם דאָזיין פון דעם יידישן מין אין שייכות מיט דעם מין פון די מענטשן. נאַציאָנאַלע קולטור הייסט: דאָס שעפערישע באַוווּסטזיין פון מין אין דער קולטור פון אַ באַשטימטן קיבוץ. דאָס אייגענע זעלבסט-געפיל פון דער נאַציע אָן באַציונג צו דער אַבסאָלוטער מענטשלעכקייט — איז נאָר שאָוויניסטיש, דערמיט רעלאַטיוו. דער נאַציאָנאַלער שאָוויניזם איז רעלאַטיוו, ווייל עס פעלט אים דער צוזאַמענהאַנג מיטן אַלגעמיינעם מין פון די מענטשן. נאָר אין דער איינהייט איז דאָ דאָס אַבסאָלוטע, נישט אין דער אָפּגעריסנקייט. איינהייט — איז דאָס דאָזיין אין אַבסאָלוטן, אָפּגעריסנקייט — איז שיין. איינהייט איז וועלט, מין איז וועלט, דאָס פון זיך באַוווּסטזיין פון מין איז דאָס פון זיך באַוווּסטזיין פון וועלט. נאַציאָנאַלע קולטור: דאָס פון זיך

באַוווסטזיין פֿון נאַציאָנאַלן מין אין איינהייט מיט דער וועלט.

נאַציאָנאַלע יידישע קולטור: דאָס פֿון זיך באַוווסטזיין פֿון יידישן מין אין צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט. דער יידישער אי־דעאַליזם האָט פֿון אָט אָ דעם באַוווסטזיינס־געפֿיל אַרויס כּסדר געשאַפֿן און מיט דעם פֿאַר אונדז קלאָר געמאַכט דעם פּאָזיטיוון עלעמענט פֿון יידישן וועלט־דאָזיין. אין דער יידישער ליטעראַטור האָט דאָס „שטעטל" דערגרייכט צו אַזאַ ווערטפֿולער מדרגה, ווייל דער אידעאַליזם האָט אין די מאָטיוון פֿון שטעטל אויס־געדריקט דאָס טיפּסטע, אין־דער־וועלט־זיך־פֿילן, פֿון יידישן מין. ווען דאָס שטעטל האָט אויסגעוואַנדערט און די יידישע ווירקלעכקייט האָט זיך אָנגעהויבן צו קאָנסטרויִרן אין אַנדערע פֿאָרמען, האָט דער יידישער שריפֿטשטעלער אויך אין דער נייער געגנוואַרט געמוזט אָנהויבן זוכן דעם כאַראַקטער פֿון יידישן אַבסאָלוטן, דעם יידישן מין אין זיין צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט. דעם נאַציאָ־נאַלן יש. (דאָס באַוווסטזיין פֿון נאַציאָנאַלן מין מוז זיין דער רויטער פֿאָדים וואָס ציט אַדורך די גאַנצע געגנטים, פֿאַרגאַנגנהייט געגנוואַרט און צוקונפֿט פֿון דער געציע. נאָר די נאַציעס, וואָס האָבן אין זיך דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין, זענען נאַציעס מיט נאַ־ציאָנאַלער קולטור.) אַש האָט עס געפּרוּווט צו טון. אין זיינע מאָדערן־וועלטלעכע ראָמאַנען האָט ער עס נישט באַוויזן. דער ציוניזם האָט אים אַפֿעקטירט צו דער געגנוואַרטיקער יידישער ווירקלעכקייט. אַש טיפֿער אינסטינקט אָבער פֿאַר דעם יידישן מין האָט אים אָנגעוויזן אַהין צו אַזעלכע מאָטיוון פֿון מענטש־לעכן לעבן, וווּ די דאָזיקע סובסטאַנץ, נישט פֿאַרשטעלט מיט רע־לאַטיווע טענדענצן, שיילט זיך בולט אַרויס סיי ווי זי איז אין איר אייגענעם כאַראַקטער, סיי אין איר צוזאַמענזיין מיטן גאַנצן מענטשלעכן מין — מיט דעם אַבסאָלוטן.

שלום אַש האָט געפּרוּווט מיט צוויי היסטאָרישע דערציי־לונגען: „די כּשוף־מאַכערין פֿון קאַסטיליען" און „קידוש השם". פּרוּוון. מ'מוז זאָגן: ביידע זאַכן זענען ערשט אַן אָנהייב אין

דער נייער עפּאָכע אין אַשס שאַפן: אויסצובּרייטן די האָריזאָנטן פון יידישן אידעאַליזם דורכדעם, וואָס ער ווערט אַוועקגעשטעלט אין די פּערספּעקטיוון פון דער היסטאָריע. זיי האָבן אין זיך אויך אַלע בּעגאַטיווע מערק-צייכנס פון אָנהייבּן. „שלמה נגיד״, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן די ערשטע יוגנט-עפּאָכע שלום אַשס — די שטעטל-עפּאָכע — האָט אין זיך געהאַט מער קינסטלערישע קאַנאַפּקייט. די בּילדער זענען געוויגן און געמאָסטן, דאָס דעקאָראַטיווע און די שטימונגס-מאָטיוון פאַרטיילט אין דער אַקציע. אַש איז דאָרט פולשטענדיק פריי אין זיין שטאָף, ער ווערט נישט „פאַרכלינעט״ פון בּילדער, ער בּאַהערשט זיך. אין הינזיכט פון מייסטערשאַפט איז „שלמה נגיד״ דאָס פולקאָמענסטע בּוך פון שלום אַש. פאַראַן דאָרט די קינסטלערישע אָביעקטיוויטעט, וואָס פאַרדעקט אַ מעכטיק איבערלעך איבּערלעבּן. אַ גרויסער עיקר פאַר אַ בּאַדייטנדיקן שריפטשטעלער! אַנדערש איז עס אָבער אין די דאָזיקע צוויי היסטאָרישע דערציילונגען. די פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם דאָזיקן נייעם וועג זיינעם איז פאַר אַשן געוועזן גענוג קלאָר. דער גרעסטער ווענד-פונקט ווו ער בּאַדאַרף אויסצוווּקסן: ער האָט דערגרייכט צום אָרט, ווו עס האָבּן זיך פאַר אים אויפגעטון אָט די אַלע קוואַלן פון איינהייט צווישן דעם יידישן וועלט-דאָזיין און דעם דאָזיין פון דער וועלט. דער יידישער מין צווישן דעם מין פון די מענטשן: דאָס אַבּסאָלוטע נאַציאָנאַלע בּאַוווּסטזיין פון יידן. אין דער הקדמה צו די דאָזיקע צוויי ווערק זאָגט אַש דייטלעך, אַז ער האָט לאַנג גענוג געטראַכט בּיז ער האָט זיך געוואַגט צוצוגיין צו אָט אָ דער אַרבּעט. פאַר דער גאַנצער ליטעראַרישער טעטיקייט אַשס איז עס געווען די אַנטשיידונג. אַש האָט זיך געמוזט אַנטשיידן. ס׳איז נישט געווען קיין וואגן פון מוט, נאָר דאָס וואַגן אויס אינערלעכער נויט. אין „שטעטל״ איז געלייגט געוואָרן דער זאָמען, עס איז אויסגעוואַקסן אַ בּוים און דער בּוים האָט געוואָלט אין דער הויך. דאָס יידישע דאָזיינס-געפיל, אין דער ליטעראַטור און בּיי אַשן, פון די טיפסטע קוואַלן איז עס געטריבּן געוואָרן אין דער הויך, צו דער וועלט. עס האָט אויסגעשטרעקט אירע ציגורות צו איינהייט מיט

דער וועלט ווי דער בוים זיינע צווייגן צו דער זון. ווייל די יידישע ליטעראַטור רירט אָן די טיפסטע און אינטימסטע פּסיכיק פון דער וועלט-נאַציע, אַנטוויקלט זיך מיט זער דאָזיקער פּסיכיק דעריבער פעלט איר דער צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט, ווי לופט צום לעבן. פון איר מקור שטרעבט זי צו אָט אָ דער איינהייט. פון דאַנען נעמט זיך דער טראַגישער אומעט פון דעם יידישן שריפטשטעלער, ווען ער האָט דערזען די שווערקייט צו דערגרייכן די דאָזיקע איינהייט. ווי געזאָגט: שלום אַש איז דורך אינערלעכער נויט געשטעלט געוואָרן פאַר דער גרויסער אַנטשיידונג, דער ווענד-פונקט ווו עס שיידן זיך די וועגן: איין וועג צום רעלאַטיוון, דער אַנדערער — צום אַבסאָלוטן. וואַהין האָט געזאָלט גיין שלום אַש? אפשר נישט פון אייגענעם ווילן — (פון אייגענעם ווילן האָט ער געוואָלט ציוניזם) — איז ער געשטופּט געוואָרן אויפן וועג צום אַבסאָלוטן. דאָרט אויף יענעם וועג האָבן זיך פאַר אים געעפנט די טויערן פון דער היסטאָריע און ער איז געבליבן שטיין געבלענדעט פון עשרות. פון אָט דעם געבלענדט זיין פון עשרות נעמען זיך די נעגאַטיווע זייטן פון די ביידע דערציילונגען. כ'האָב שוין אויבן באַמערקט: אַש קומט צו זיין מאַטעריאַל ווי דער צושויער צום טעאַטער. נישט אינעווייניק אין אים (ווי ביי פּרצן), נאָר אין מאַטעריאַל ליגט דאָס, וואָס רייצט אים צום שאַפן. אין „שלמה נגיד" האָט ער פולקאָם גובר געווען דאָס מאַטעריאַל, און ער שטייט איבער דעם מאַטעריאַל. אין די ביידע דערציילונגען שטייט ער צווישן מאַטעריאַל, ער „טאָפּטשעט" דערין. ער בלאָנדזשעט צווישן אַקציע און דעקאָראַציע און פאַרלירט אָפט דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג פון דעם דערציילן. פולשטענדיקע אַקציע איז די פולשטענדיקסטע באַהערשונג פונם מאַטעריאַל, די אָביעקטיוויטעט פון דער קונסט אין איר פולקאָמענהייט. פול לעבן און רייפקייט באַוועגט זי זיך. אַקציע. אין די דאָזיקע צוויי זאַכן אַשס איז אַ גרויסער טייל מער נישט ווי דעקאָראַטיוו, דינאַמיש מיטן גאַנצן נישט פאַרבונדן, און איז נישט בכח מיטצורייס. יענער טייל פונם דעקאָראַטיוון וואָס ער האָט נישט געקאָנט גובר זיין און עס באַוועגט מאַכן

אין דער דערציילונג, העמט דאָס באַוועגט זיין. דאָס איז אַ חסרון. אַ גרויסער חסרון. למשל: אַש אַרבעט צופיל מיט טיכער־שטאָפן, מיט טעפיכער, מיט פּראָצעסיעס און בכלל מיט אַ סך מוזעאַל־היסטאָרישע און קולטור־היסטאָריש־מאַטעריאַל, וועלכעס דאָס אָרגאַנישע פון די דערציילונגען האָט נישט באַוויזן צו פאַרדייען און ס'איז פאַרבליבן אין זיי, ווי רויע און שטערנדיקע עלעמענטן. אַש האָט בכלל ליב אין זיינע גרויס פאַרמאָסטענע זאַכן, איבערהויפּט אין די לעצטע זאַכן, צו באַווייזן זיינע „קענטשאַפטן" אין די דאָזיקע אַלע ענינים. ער גרויסט זיך פאַרן לעזער מיט בקיאות, אַז יענער, דער לעזער, זאָל נישט מיינען דאָס שלום אַש איז עפּעס אַבי ווער. ס'האָט אַ פּראָווינציאַלן, פיליסטעריעזן בייגעשמאַק. בן כפר שראה את המלך. דערקענען ביי אַ פלאָבער, ביי אַן אַנאַטאָל פראַנס ווערט דער גאַנצער באַלאַסט פון וויסן פולשטענדיק באַהערשט פון דער שאַפנדיקער דינאַמיק. מייסטערשאַפט. די מענגע מוזעאַליש מאַטעריאַל פון „סאַלאַמבאָ" איז טאָטאַל אויפגעזויגן אין דער דערציילנדיקער באַוועגונג. עס איז איין עלעמענט מיט איר, עס איז די וואַרעמקייט פון דער באַוועגונג, איר וועזנטלעכער קאָלאָריט, איר גרונדטאָן. דעריבער ווירקט דאָס קאָלאָסאַלע קולטור־היסטאָרישע וויסן פלאָבערס אַזוי באַשיידן, פשוט און נאַטירלעך. מיר קוקן אַריין אין די רייכטימער פון זיין וויסן, נישט דערפאַר, ווייל פלאָבער איז אויסן דערמיט צו פּאַראַדעווען. דאָס וויסן איז אָרגאַניש פאַריינהייטלעכט מיט דעם גאַנצן לעבן פון זיין קונסט. ווירקלעך וויסן איז אַן אייגנשאַפט און אַ כאַראַקטער (אויך וויסן איז טאַלאַנט!) ביי פלאָבער אָדער פראַנס האָט טאַקע דאָס וויסן דערגרייכט צו אַ גייסטיקער אייגנשאַפט. ביי אַשן איז עס נאָר „געבילדעטקייט". ווייל שלום אַש די דאָזיקע „געבילדעטקייט" אַריינפירן אין זיינעם אַ ווערק, ווירקט עס אויסערלעך און ווי אַ פרעמד־ער קערפּער (אפשר איז בכלל דאָס עלעמענט פון וויסן ביי אַשן נישט קיין אייגנשאַפט). דעריבער, ווייל עס איז ביי אים נישט קיין אייגנס, פּראַלט ער אַזוי דערמיט און וואַרפט צו אָפט אונז צו די דאָזיקע גלאַנצנדיקע מטבעות.

דאָס איז חסרון נומער איינס.

דער צווייטער חסרון (אייגנטלעך אין תוך אַריין דער איי־גענער וואָס דער ערשטער): די געקינצלטקייט פון מאָטיוו. דער גאַנצער אינהאַלט, די אַנטוויקלונג און די שטייגערונג פון די דערציילונגען איז אַ טראַגישער. דעם גרונט־מאָטיוו אָבער פאַר דעם דאָזיקן טראַגישן קאַמף, האָט אַש נישט באַוויזן צו קאָנסטרוי־ירן אין אייגהייטלעכקייט מיט דער טראַגישער באַוועגטקייט. טראַגיש געשעען אַנטוויקלט זיך אין די דאָזיקע דערציילונגען, נישט אין אַ טראַגישן, נאָר אין אַ מעלאָדראַמאַטישן מאָטיוו. דאָס איז ווידער אַ צעריסנקייט אין דער אַקציע, וועלכע העמט איר שטייגערונג, איר אינערלעך אויסוואַקסן און לאָזט זי נישט זיך אויסבויען אין אַ פולקאָמענער אַנטוויקלונג. צ. ב. דער גאַנצער מאָטיוו מיט יעפּתּה׳ס בילד און דער שלוס פון „קדוש השם״ — דבורהס טויט (אויך דאָרט ווערט גערעדט וועגן אַ בילד). די דאָ־זיקע מעלאָדראַמאַטישע מאָטיוון, נישט בלויז זיי זענען נישט אָריגינעל (יעפּתּהס בילד — דאָס שפּיל צווישן מענטש און בילד — דערמאָנט אוואיילדס „דאָריאַן גריי״), נאָר זיי זענען צ־מאָל נישט קיין מעלאָדראַמאַטיק אין טאָן פון די געשעענישן. דאָס איז עפּעס אַ מין זיסלעכע, נישט קיין דינאַמישע ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר דעם טראַגישן קאַמף אין די דערציילונגען, נאָר אַ ריין אוי־סערלעכע מעלאָדראַמאַטיק. דראַמאַטישע באַוועגלעכקייט, לאָזט אַש זיך אויפלעזן אין דער פּאַטעטישקייט פון אַן אָפּערע. דאָס איז אַ פעלער: אַש באַווייזט זיך דאָ אַלס דער אָנפאַנגער (נישט דער זוכער!) וואָס נישט קאָנענדיק צופירן אַ באַוועגונג ביז צום סוף, פאַרקערעוועט ער זי אין פּאַטעטישקייט און מליצה. אויך די עראָ־טיק מיט יעפּתּהס קערפּער געהער צו די ליטעראַרישקייטן. ווי פיל די דאָזיקע מעלאָדראַמאַטישע מאָטיוון זאָלן פאַרן לעזער נישט זיין אויסגעפּוצט און אָנגעטון אין די מענטלעך פון פיי־ערלעכקייט, זעען מיר דערין אַשן אין זיין אומבאַהאָלפנקייט. ער קאָן נישט מיטגיין ביז צו די ענדן פון אַ דראַמאַטיש געשעען און ער פילט אויס דעם שוי־פּלאַץ אויף וועלכן ס׳דאַרף קומען די לעצטע אַנטשיידונג מיט זיסע קאַפּיטלעך פון קירכלעך־קאַטוילישע היי־

ליקן־בילדער. די דאָזיקע מעלאָדראַמאַטישע מאָטיוון שוואַכן גאָ־
אָפּ דעם טראַגישן אַקצענט. נישט תּמיד באַווייזט פּאַטאָס אַן אי־
נערלעכן ערנסט. דאָס העלפן זיך אין טראַגישן קאַמף מיט אָפּערן־
מעסיקע פאַנטאַזיעס געהער נישט צו די מיטלען פון אַ מייסטער.

דאָס זענען צוויי הויפּט־חסרונות. ערגער נאָך דערמיט,
וואָס אונטער זיי וויל שלום אַש מיט אַ געוויסער כיטרעקייט
פאַרבאַהאַלטן זיינע דעפעקטן. ער בלאָזט זיך נאָך און מאַכט אָנ־
שטעל. אָבער אויך אין „שטעטל” זענען געווען חסרונות, און פיל
נאַיווערע, דאָך זענען זיי כמעט אַלע בייגעקומען געוואָרן אין
„שלמה נגיד”. אמת, אין די דאָזיקע צוויי היסטאָרישע דערציי־
לונגען, ווו אַש האָט זיך אַזוי לאַנג געוואַקלט ביז ער איז צו
זיי צוגעגאַנגען און ער האָט געוווּסט, אַז אין די דאָזיקע אַר־
בעטן שלאָגט פאַר אים אַ שעה פון גרויסער אַנטשיידונג —
דאַרף מען אַשן בשום אופן נישט מוחל זיין די פאַרשידענע לי־
טעראַרישע קונץ־שטיק. (שוין צייט פאַר אים אויסצוטון די קינ־
דער־שיכלעך!) דאָך אָבער, נאָך אַלע חסרונות, זענען עס צוויי
וויכטיקע אָנהויבן פון אַ נייער עפּאָכע ביי אַשן. ער האָט זיך
ריר בעטון פון שטעטל אַרייס אויף די וועגן צו דער וועלט.

8

פערט קאַפּיטל

אויך די נאַטוראַליסטן ווייסענבערג און וואַרשאַווסקי האָבן געפּרוּווט אַרויס אויף די וועגן צו דער וועלט. ווייסענבערגן זענען זיינע אָנשטרענגונגען נישט געלונגען. ווייסענבערגס גאַנג אין דער וועלט („דאָס שטעטל"), האָט אַ פּנים פון אַן אָנמעכטיקע קאַריקאַטור. וואַרשאַווסקי, אויפריכטיקער און מיט מער טאַלאַנט פון ווייסענבערגן, האָט דעם יידישן נאַטוראַליזם צוגעפירט צו אַן איבערלעבן באַנקראָט. דער צוריקגאַנג: דעגענעראַציע. טרויעריקע פּערספּעקטיוון. שלום אַש האָט דעם אַבסאָלוטן יידישן מין — דאָס אַבסאָלוטע יידישע וועלט־דאָזיין אַרויסגעפירט צום ווערט־קאַמף מיט דער וועלט, נישט אַלס אַ רעאַליסטישן כּח, נאָר אַלס אַן אַבסטראַקטע אידעע. דאָס יידישע וועלט־דאָזיין מעסט זיך מיט דער וועלט אין דער געשטאַלט פון אַן אידעאַליסטישן עלעמענט.

רענעסאַנס צייט. דאָס פויפסטלעכע רוים שטייט אויף דער הויך פון איר מאַכט. ס'איז אַ לעבנס־כּח אין זיין פולסטן אויפבלי. דאָס אַלטע היידנטום אַדורכקעמפענדיק זיך דורך דעם אַסקעטיש־מיסטישן מיטלאַלטער, האָט אין דעם רענעסאַנס באַוויזן דעם כאַראַקטער פון אַן אייביקן היסטאָרישן כּח. דער צייטווייליקער זיג פון יידישן וועלט־געפיל איבער די צעפאַלענע רוימישע אימפּעריע, אין די צייטן פון פריען קריסטענטום, איז נאָר געווען אַ פאַרבייגייענדיקער, אַ שיין־זיג. ס'איז געווען אַ זיג איבער אַ היידנישע עפּאָכע וואָס איבערגעזעטיקט פון קולטור און מאַכט איז זי צופאַלן פון אויסגעשטאַנענער רייפקייט. מ'קאָן דאָ בשום אופן נישט רעדן פון קיין זיג איבער דעם אייביקן עמפּירישן

וועלט־באַנעמען פון דער היידנישער וועלט. ווען די אַנטיקע גריכיש־רוימישע וועלט האָט געבענקט נאָך אַ משיח, איז עס נישט געווען דער יידישער משיח וואָס האָט איר געקאָנט ביישטיין אין דער נויט. די איינצעלנע היידנישע געטער זענען אונטערגע־וואָרפן דעם וואַנדל פון דער צייט ווי דער איינצלנער מענטש. דאָס היידנטום אָבער איז אַזאַ אייביק עלעמענט ווי דאָס מענטשנ־טום. דאָס וועלט־געפיל פון היידנישן מין אַבסטראַהירט אַלס די העכסטע עקזיסטענץ, די אָלימפּישע געטער: די אַבסטראַהירטעווירקלעכקייט. דאָס יידישע מין — די געשטאַלט־ און גופלאָזע גאָטהייט; אַזוי צו זאָגן: דעם גופלאָזן, דעם ריינעם אידעאַליזם. צוויי פּלאַנעטן אויף דעם פירמאַמענט פון דער געשיכטע.

אין די לעצטע צייטן פון דער רוימישער מלוכה איז סיי אין דער געטער־וועלט סיי אין דער מענטשן־וועלט געקומען צו אַ גרויסער מידקייט. מ'איז מיד געוואָרן פון צופיל געניסן דאָס וויסן און פון צופיל געניסן דאָס לעבן. הן די געטער הן די מענטשן האָבן אויפגעהערט צו האָבן איינע וועגן די אַנדערע די מינדעסטע אילוזיעס. מ'האָט זיך צו גוט געקאָנט, די מענטשן אין די געטער. „האָב פאַר גאָרנישט נישט קיין מורא און האָף אויף גאָרנישט", איז געווען דער דעוויז פון יענער צייט. האָף אויף גאָרנישט! די צינישע האָפענונגסלאָזיקייט פון אַלטער חכמה. קול־טור איבערגעזעטיקטקייט. אַלע זענען זיי געווען זאַט איינס פון ס'אַנדערע, די מענטשן און די געטער. אין יענער צייט פון רעזיגנירנדיקער פילאָזאָפיע, ווען דאָס וויסן, דאָס לעבן און די מאַכט איז געווען איין איינציקע אַנטוישונג — ווען מ'האָט מיט אַזויפיל קלוגשאַפט אַלצדינג גענומען פון לעבן, מיט קלוגשאַפט זיך דערפון אָפּגעזאָגט און מיט קלוגשאַפט געגאַנגען אין טויט, אין אַ צייט ווען חכמה און דערקענטניש הערט אויף צו זיין אַ קוואַל פון פרייד און בטחון, נאָר הינטער דער חכמה עפנט זיך אַן אָפּגרונט פון לעדיקייט, קיין אויסוועג — אין אַזאַ צייט בלייבן די מענטשן שטיין פאַר זייער אייגענער צוקונפט מיט אָראָפּגע־לאָזענע הענט. אָרעמע מענטשהייט, תמיד מוזטו האָבן אילוזיעס. די אָלימפּישע געטער — נישט דאָס היידנטום בכלל — האָבן

אָפּגעלעבט זייער זמן. צעוס איז געוואָרן צו קלוג. צו קלוגע אומשטערבלעכע האָבן גאָרנישט פאַר די שטערבלעכע. ווען געטער פילאָזאָפירן, ווערן זיי אָרעם. די לעצטע רוימישע געטער זענען געווען סטאָאישע פילאָזאָפן. די מענטשן ווילן האָבן די זיכערקייט אַז ערגעץ־ווו איבער זיי איז פאַראַן דאָס דאָזיקע וואָס זיי קאָנען נישט דערגרייכן און נישט משיג זיין: דער גלויבן און די אילוזיע.

צעוס איז געוואָרן אַלט. ער איז מער נישט געווען נאָיוו פאַרן דור. מ׳האָט געוואָלט די יוגנט און די האָפנונג. די האָפנונג איז געוואָרן צון אַ נויט, אָן דער האָפנונג קאָן מען נישט לעבן. די גרויסע סטאָאישע רויקייט איז געווען דער גיפט-בעכער נאָר פאַר אַ יחיד. דער יחיד קאָן טיילמאָל רויק צוקוקן ווי ד געטער שטאַרבן. דער יחיד קאָן אויך דאָס גרויסע זיך אָפּזאָגן, ער קאָן אָוועקגיין און דערביי זיין גליקזעליק. די געשיכטע, די מענטשהייט ווייס נישט דאָס זיך אָפּזאָגן.

מ׳האָט געוווסט: ס׳וועט עמעץ קומען, דער דערלייזער, דער טרייסטער. ערגעץ־ווו ביי אַ פעלז געשמידט שטייט דער נייער גאָט וואָס וועט איבערנעמען די מאַכט: פּראָמעטעוס דער מענטשן־גאָט, דער פריינט פון די מענטשן. מ׳האָט אויסגעקוקט דעם דאָזיקן וואָס וועט פאַריאָגן די קלוגע געטער, די געטער וואָס קאָנען שוין דאָס רעזיגנירן, און וועט צוריקגעבן די מענטשן די האָפנונג. די נידערגעשלאָגענע און פאַרצווייפלטע מענטשהייט, אַ יעדער וואָס האָלט איר, אין איר דאַמאָלסטיקער נויט, געזאָגט אַ טרייסט־וואָרט, האָלט זי זיך פאַר אים געבוקט: דו ביסט דאָס דער באַפרייטער פּראָמעטעוס, אונזער פריינט און דערלייזער!

און דאָ איז דערגאַנגען די בשורה: ביי די ברעגן פון גי־נוסר האָט זיך באוויזן דער נייער גאָט. (פּראָמעטעוס?) צווישן די אָרעמסטע. אָרעמע אין גייסט און מאַכט. דער פאַקט אַז דער מענטשן־גאָט איז נישט געקומען צווישן די שולן פון די פילאָזאָפן אין נישט אין די פאַלאַצן פון די שטאַרקע, נאָר צווישן די ני־דעריקסטע, דער דאָזיקער פאַקט האָט דער דאַמאָלסטיקער מידער

מענטשהייט נאָך מער געגעבן די זיכערקייט אַז ס'האָט געשלאָגן די שעה פון דערלייזונג. די קלוגע גריכיש-רוימישע וועלט האָט געלעכצט נאָך דער נאַיוויטעט — דער נייער גאָט איז נאַיוו, ער איז אַ שעפעלע*). נאָר דער נאַיווער טראָגט אין זיך די גרויסע ליבע צו די מענטשן! קריסטוס איז נישט געווען דאָס אָפּזאָגן זיך פון היידנישן וועלט-באַנעמען, ער איז נאָר געווען דער רענעסאַנס אין דער געטער-וועלט: דאָס אָנקומען פון פּראָמעטעוס. נישט דער פּערזענלעך-אינטעלעקטועלער גאָט, נאָר גאָט דער ליבנדיקער, דער באַרמהאַרציקער, דער גאָט פון דער האָפענונג. דער בלויזער פאַקט וואָס קריסטוס איז געבוירן געוואָרן אַ ייד, און ישו דער מענטש — נישט ישו דער גאָט — איז פול געווען מיט יידישן משיחיזם, דער דאָזיקער פאַל האָט גורם געווען דעם גרויסן היסטאָרישן טעות, אַז דאָס היידנטום האָט אָפּגעטרעטן פון קאַמפּס-פעלד און דער קעגנזעצלעכער עלעמענט פון אַ וועלט-באַנעמען, דער יידישער אידעאַליזם איז געוואָרן דער איין און איינציקער באַצווינגער פון דער נשמה פון דער מענטשהייט. אַ טעות וואָס האָט זיך שפּעטער נוקם געווען. נישט דער יידישער אידעאַליזם — די גאָטהייט אָן גוף און געשטאַלט, נאָר די היידנישע עמפּיריע — דער מענטש-גאָט, האָט זיך פאַריוגנט און אָנגענומען אַ נאַיווערע פאָרם. דער אָלימפּישער גאָט איז ווידער געוואָרן מענטש, כדי אין פלייש און בלוט אַדורכצולעבן אַלע מענטשלעכעליידנשאַפטן, האָפנונגען, גלויבונגען און ליידן און דאַן זיך ווידער צו אַבסטראַהירן אין דעם היידניש געטלעכן. דער היידנישער גאָט איז דער אַבסטראַהירטער מענטש, און נאָר דער דאָזיקער גאָט איז די איידלסטע פאָרשטעלונג פון דעם היידנישן מענטשן. יעזוס דער פלייש-געוואָרענער גאָט, יעזוס דער ליידנדיקער אויפן קרייץ, נאָר ער איז געווען די בשורה פאַר דער אַנטיקער היידנישער וועלט. אין יענער צייט האָט די אַלטע וועלט געפילט, אַז זי דאַרף פאַר עפּעס וואָס אָפּקומען און דאַן

*) דערצו איז דער מיטאָס פון יעזוס פולשטענדיק אידענטיש מיט דעם מיטאָס פון פּראָמעטעוס.

דערלייזט ווערן. יעזוס איז אָפּגעקומען און דערלייזט געוואָרן. דער גאָט איז געווען דאָס, וואָס דער דאַמאָלסדיקער רוימישער מענטש האָט געוואָלט דערגרייכן: דערלייזט ווערן אין ליידן און אין גלויבן, אינם נאַיוון: די רעאַקציע קעגן דעם צו רייף־געוואָרענעם אינטעלעקט. יעזוס איז געווען די רעאַקציע, דאָס געטלעך־נאַיווע קעגן דעם געטלעך-אינטעלעקטועלן.

יידנטום און היידנטום. אין דער אמתן איז נישטאָ קיין זיג פון קיין שום צד. די צוויי אייביק-מענטשלעכע עלעמענטן וואָס באַקעמפן זיך תמיד און באַפרוכטן זיך קעמפנדיק. עס איז אַ טראַגישער קאַמף, ווי טראַגיש ס׳איז בכלל דער מענטשלעכער ווילן זיך צו דערהויבן. אַ יעדער פולשטענדיקער זיג אויף וועמענס צד ס׳זאָל נישט זיין, וואָלט געווען דער טויט פאַר דער געשיכטע. דאָס גרויסע טראַגישע געראַנגל פונם גייסט פון די מענטשן וואָלט אויפגעהערט, צי וואָלט נישט אויפגעהערט דערמיט דער מענטש?

דער שיין־זיג פון יידישן וועלט-באַנעמען, דערמיט בלויז וואָס יעזוס האָט באַלאַנגט צום יידישן פאָלק און אַלס היסטאָרישע פערזאָן — נישט אַלס היסטאָרישער מיטאָס — האָט ער אין זיך געהאַט פיל פון יידישן עלעמענט, דער דאָזיקער שיין-זיג האָט ווירקלעך אין די ערשטע צייטן פון קריסטנטום אַריינגעבערענגט אַ גרויסע נישט-קלאָרקייט וואָס שייך דעם קאַמף פון יידן און היידן. מ׳האָט געמיינט אַז דאָס היידנטום האָט קאַפּיטולירט. (דערביי איז בלויז דער פּרי־קריסטלעכער קאָמוניזם געווען דאָס איין־און־איינציק יידישע אין קריסטנטום. נישט דאָרט אָבער איז געלעגן די צוקונפט פון די קריסטלעכע היידן. די צוקונפט זייערע איז געווען אין דער קירכע און אין דעם געטער־בילד·) דער דאָזיקער טעות האָט, אויסערלעך על כל פנים, אָפּגעשטעלט דאָס אָריענטירן זיך אין די קאַמפּס-ליניען פון אָט די צוויי אייביקע עלעמענטן און דערמיט די מענטשן געדראָט מיט דער סכנה פון באַרבאַריי. צום גליק פון דער יידישער ראַסע, האָבן זיך יידן באַלד געכאַפּט אַז דער דאָזיקער מכלומרשטער זיג וואָלט געווען פאַרן יידישן וועלט-דאָזיין אַ פולשטענדיקער אונטערגאַנג, און זיי האָבן זיך תיכף אָפּגעזאָגט פון דעם היידנישן גאָט וואָס האָט זיך באַוויזן אין דעם צלם

פון זייער אייגן בלוט און פלייש. פאַרקערט: כדי אונטערצושטרייכן אַז זיי אידענטיפיצירן זיך נישט מיט דעם נצרתער משיח, האָבן זיי אַקייגן דעם דאָזיקן „יידישן" משיח געשטעלט דעם פאַרביטערסטן ווידערשטאַנד. ס'איז געווען ממש א ווונדערלעך געזונטער אינסטינקט וואָס האָט אָפּגעראַטעוועט פאַר דער מענטשהייט דעם יידישן עלעמענט אין זיין פולסטער ריינקייט. די יידן, מיד פון דערוואַרטונג, האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענט צו דעם יונגן גאָט נישט קוקנדיק אויף זיינע יידישע מלב שים. א גאָט וואָס קומט אָפּ פאַר זייער שולד, איז געווען דער העכסטער אידעאַל פאַר דער דעמאָלסדיקער היידנישער צייט, דאָס צייט-אַלטער וואָס האָט געוואָלט אָפּקומען. דער אָפּקומענדיקער גאָט פאַר די מענטשן איז געווען דער איינציקער אויסוועג פאַר די מענטשן. זיי האָבן זיך געקלאַמערט אין דעם דאָזיקן געקרייציקטן גאָט, נישט באַמערקנדיק אַז דער וועג צו דער גאָלגאָטאַ פירט אַדורך דורך דעם יידישן עלעמענט. פאַר יעדן פרייז האָבן זיי אים געוואָלט, הגם עס האָט געקאָנט אויסקוקן אַז דאָס היידנטום קאַפּיטולירט.

דער דאָזיקער טעות האָט פאַרדרענגט דאָס היידנטום ביז טיף אין מיטל-אַלטער. צוריקגעצויגן אין דער מיסטישער אַסקעזע פון מיטל-אַלטער, אונטער דער שאָל פון אַ פינסטערן פאַנאַכיזם, האָט ערשט דאָס אויסערלעך פאַרשפילטע היידנטום צונויפגעזאַמלט זיינע אינערלעכסטע כחות, עס האָט צוריק באַקומען דאָס באַוווסטזיין פון זיין אייגענעם עלעמענט און אין רענעסאַנס האָט זיך דאָס היידנטום באַוויזן אין זיין פולסטער קלאָרקייט.

אַשס בוך הייבט אָן אין דער נייער עפּאָכע ווו דאָס היידנטום און יידנטום שטייען זיך ווידער אַקעגנאיבער אין זייער פולסטער ק־אַפט. גרייט צום קאַמף. דאָס היידנטום האָט אַוועקגעוואָרפן די אַסקעזע, עס וויל שוין מער נישט אָפּקומען, עס איז שוין גענוג אָפּגעקומען, עס איז ווידער אויסגעהונגערט צום לעבן. רוים איז פאַרשכורט פון ווירקלעכקייט ווי אין די אַלטע צייטן ווען די געטער זענען נאָך געווען יונג. די ווירקלעכקייט וויל זיך באַרוישן אין אירע אייגענע חלומות. עס זאָל לעבן דאָס לעבן!

מיקעל אַנדזשעלאָ (אין דער סיקסטינישער קאַפּעלע) האָט שוין מעג־נישט געגעבן יעזוס דאָס פּאַרפּייניקטע יידל פון נצרת, נאָר יע־זוס דעם אָלימפּיער, דעם רוימער, דעם נייעם אַפּאָלאָ. דאָס היידנ־טום איז אַריינגעגאַנגען אין פּרילינג. „רוים האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם האַרטנעקיגן יאָך אין וועלכן ס'האָט איר איינגע־שמידט דער ייד פון נצרת... רוים האָט זיך באַפרייט און איז גע־וואָרן צוריק דאָס, וואָס זי איז שטענדיג געווען אין האַרצן. זי איז געוואָרן צוריק אָפּגעטעריש. און ווידער אַמאָל האָט דער מענטש געדינט צו דעם איינציקן לעבעדיקן גאָט וואָס ער האָט געקאָנט — צו זיך אַליין".

אַקייגן דער דאָזיקער לעבן און פריידפולער ווירקלעכקייט, אַקייגן דער ווירקלעכקייט וואָס פילט זיך פּאָזיטיוו אין דער עק־זיסטענץ, וואָס געפינט אין זיך אַליין — אַלס ווירקלעכקייט — אַלע קוואַלן פון פרייד און אַלע מעגלעכקייטן צו עקזיסטירן און זיך צו אַבסטראַהירן אַלס עקזיסטענץ: די ווירקלעכקייט וואָס פאַר־געטערט זיך, אַקייגן דעם דאָזיקן היידנישן עלעמענט פון אַ וועלט־באַנעמען, שטעלט אַש אַקייגן דאָס עלעמענט וואָס קאָן זיך קיינמאָל נישט פאַרזעטיקן מיט דער ווירקלעכקייט*), וואָס זוכט תמיד אַ וועג אין דרויסן פון זיך, אַן עלעמענט וואָס ליידט אויף אייבי־קער אומרויקייט: דער יידישער אידעאַליזם. דער דאָזיקער יידי־שער אידעאַליזם איז אַן עלעמענטאַרע געשיכטלעכע באַוועגונג. דער יידישער מין איז דער ספּעציפישער פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער באַוועגונג. די דאָזיקע באַוועגונג איז דער שיקזאַל פון יידישן מין, דערמיט — זיין טראַגעדיע.

אין דער „כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען" פירט שלום אַש אַרויס צום קאַמף אָט אָ די צוויי היסטאָרישע קולטור־עלעמענטן, די צוויי מינים, די צוויי קולטור־שיקזאַלן וואָס שטויסן זיך צו־זאַמען. עס איז אַן אָריגינעלער „דיספּוט". באַזונדער אייגנאַרטיק און טיף איז דער דאָזיקער „דיספּוט" דערמיט, וואָס ער אונטער־שיידעט זיך ראַדיקאַל פון די באַקאַנטע טעאָלאָגישע וויכוחים צווישן

*) זע י. י. טרונק: „די וועלט א חלום", אויפזאץ: „טרוימער".

„יהדות" און „נוצריות" וואָס זענען געפירט געוואָרן ברייט און לאַנג אין די רבנישע ספרים פון מיטל-אַלטער און וואָס דער ציו-ניסטישער אחד=העמיזם איז זייער קליינער יורש. דער מיטלאַל-טערלעכער רבניזם און דאָס העברעאיסטישע „יהדות" (אָט די נייע אויפלאַגע פון אַ מאָדערנער טעאָלאָגיע) זענען געווען אין דער דעה, אַז דאָס יידנטום איז עפּעס אַ מין טעאָלאָגישער געדאַנקען-גאַנג וואָס די „קעפּ" פון דער יידישער אומה האָבן עס „אויסגעט-דענקט", אָדער די אומה האָט עס באַקומען אַ מתנה אַלס אַ פאַר-טיקן קאָדעקס; אַז דאָס דאָזיקע „יהדות" איז אַן אָפּגעזונדערטע זעלבסטשטענדיקע בריאה, ווי דאָס „נוצריות" איז אַ זאַך פאַר זיך. עס גייט נאָר דערין די דאָזיקע צוויי טעאָלאָגיעס אַרויסצופירן פאַרן פאָרום פון געלערנטע און צו זעען וועך פון זיי איז די רעכטע „אמונה" און וועך די פאַלשע. דער אחד=העמיזם האָט נאָך געמאַכט אַ גרעסערע חכמה און אויפגעטון אַ פלאַן ווי אַזוי דאָס מאָדערן=טעאָלאָגישע באַשעפעניש, דאָס העברעאיסטישע „יהדות" (ווי אחד-העם האָט עס אויסגעקליגלט), אָפּצוזונדערן אין אַ „מרכז=רוחני" (אין פאַלעסטינע פאַרשטייט זיך) ווייט פון דער יידי-שערווירקלעכקייט אין עס דאָרטן צו קאָרמענען און צו האָדעווען. אין אָט אָ דעם „אויפטו" האָט ער געזען די ישועה און דעם נאַ-ציאָנאַלן ווערט. ווערטער, ווערטער, ווערטער. קאַבינעט-טעאָלאָגיע. אַשס „דיספוט" איז פון אַן אַנדערער צרט. דאָס בוך אויף דער לע-בעדיקער שפראַך פון דער יידישער ראַסע, עס רירט אָן דעם מקור פון דער ראַסע — דעם מין. דער „דיספוט" אין דער „כשוף מאַ-כערין פון קאַסטיליען" איז נישט קיין טעאָלאָגיע און נישט קיין „געדאַנקען=גאַנג", נאָר צן עלעמענט פון אַ וועלט-באַנעמען, אַ כאַראַקטערפולע באַוועגונג, אַן א י י ב י ק ע באַוועגונג, אַ נאַטיר-לעך וועלט-געפיל און אַ שטעלונג אין דער געשיכטע פון אַן אייגנאַרטיקן מין. דער וכוחים-קאַמף פון „יהדות" אין מיטלאַל-טער — אין אַ פוסטער און כאַראַקטערלאָזער פאָרם אין דעם מאָדערנעם העברעאיזם — אָנשטאָט וואָס דער דאָזיקער קאַמף איז נאָר אַ קאַמף פון באַגריפן, אַ ווערטער=קאַמף פון געלערנטע (וואָס שטייען פולשטענדיק אָן דער זייט פון דער יידישער ווירק-

לעכקייט, און זיי גלויבן אין צוויי באַגריפן: „יהודים" און „יהדות"), איז עס ביי אַשן אַ געראַנגל פון עלעמענטן. דעריבער איז עס אַ טראַגישער קאַמף. אַ יעדעס געראַנגל פון עלעמענטן איז טראַגעדיע. דער טיפערער ווילן פון דער וועלט זיך צו באַנעמען, דער קאַמף פון דער וועלט מיט איר שיקזאַל, איז אַ טראַגעדיע.

אין דעם צוזאַמענשטויס, אין אַשס היסטאָרישע דערציילונגען, צווישן אָט אָ דיביידע קולטור-עלעמענטן — דאָס היידנישע און דאָס יידישע — איז צוריק אויפגעלעבט געוואָרן (אין אַ ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור) דער אוראַלטער אייביקער קאַמף צווישן צוויי היסטאָרישע כּוחות. די צוויי עלעמענטן טרעטן אויף אין קאַמף אין זייער פולער לעבעדיקייט. דערמיט באַקומט ערשט דער דאָזיקער קאַמף זיין ווערט. זיין ווערט אַלס *עלעמענט*, אַלס אייביקייט, אַלס די גרויסע טראַגיק פון דער אייביקייט. דער קאַמף ווערט נישט קיין פאָרמאַלער באַגריף, נאָר אַ פּראָבלעם פון דער וועלט. אַ טראַגיש פּראָבלעם, אַ פראַגע פון מענטשלעכן דאָזיין. נאָר ווו די ווירקלעכקייט און ווו די מאַסן טרעטן אויף, ווערט אַ יעדע קולטור אַ פּאָזיטיווע עקזיסטענץ. און אין שייכות מיט דער דאָזיקער פּאָזיטיווער עקזיסטענץ פון אַ קולטור קאָן אַן אינדיווידועלע פּערזענלעכקייט — אויב זי וויל נישט בלייבן איזאָלירט און דערמיט פילשטענדיק אומפּרוכטבאַר — רעגולירן אירע באַציונגען צו דער וועלט, און זיך פילן אַלס אַן אייגנאַרטיקער טייל פון דער וועלט. אין דעם יידישן קאָלעקטיוו, אין דעם מין — ליגט דאָס פּראָבלעם פון דעם יידנטום, נישט אין וואָסער עס איז „יהדות" אויסער דעם קאָלעקטיוו. דאָס איז די גרויסע באַדייטונג פון יידישער קולטור אויף דער *יידישער* שפּראַך. אַש לאָזט אויפטרעטן צום קאַמף אַ יידישע ווירקלעכקייט, נישט קיין יידישע טעאָלאָגיע. ערשט אין דעם דאָזיקן עלעמענט-קאַמף פון די צוויי מינים, ווערן מיר די צושויער און די מיטליידנדיקע.

מיר ווערן געשטעלט פאַר אַ גרויס וועלט-געראַנגל.

שוין אין די ערשטע בלעטער זעען מיר דעם קאָנטראַסט. די קעמפנדיקע עלעמענטן זענען אויפגעשטעלט ווי אויף אַ שלאַכט-

פעלד. אויף איין זייט דאָס רוים פון דער רענעסאַנס־צייט: דאָס היידנישע מין וואָס וואַקסט אויס און בויט זיך אויף אין זיין גאַנצער אינערלעכער האַרמאָניע, אין זיין געמיינזאַמקייט מיט זיך אַליין: דער מענטש מיט דער ווירקלעכקייט אין צוזאַמענקלאַנג. פון דער אַנדערער זייט — אַ וועלט־פרעמדער אידעאַליזם, די טראַגישע איינזאַמקייט פון דעם יידישן וועלט־באַנעמען. שטאַרק ליכט, טיפער שאָטן. אָט אַזוי באַשרייבט שלום אַש דאָס יידישע עלעמענט נעבן דעם היידנישן: „אין דעם סקווער־טייל, אויף דעם פייכטן שמוציקן גרונט פון דער געטאָ — האָבן זיך יידן געפרוכפּערט און געמערט — און האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אויסשפרייטן אין דער ברייט, זענען זיי געשפרונגען אין דער הויך, האָבן אַרויפגעוואָרפן איין שטאָק איבערן אַנדערן, אַריבערגעוואָרפן בריקן איבער די שמאָלע געסלעך פון דער געטאָ, און איבער די בריקן האָבן זיי אָנגעוואָרפן הייזער איבער הייזער, טורמען, טויערן אין ווינקל־עקן. האָט דער פויפסט באַפוילן אַרונטערצורייסן די טורמען פון דער געטאָ, האָבן זיך יידן איינגעגראָבן אין דער ערד, אויסגעמויערט טיפענישן און היילן. קאָרידאָרן לאַנגע האָבן געפירט צו אונטערערדישע גרוימע און ברייטע וווינונגען, אין וועלכע עס האָבן געלעבט צענדליקער אין הונדערטער משפחות, חתונות געמאַכט און בריתן געמאַכט, און שולן געבויט און קהלות אויפגעשטעלט". אין דער דאָזיקער אונטער־ערדישער פאַרבאַהאַלטנקייט לעבט אַ כח וועלכער קעמפט מיט רוים וועגן דער הערשאַפט איבער די וועלט. אַ מלוכה „נישט פון דער דאָזיקער וועלט" קעמפט מיט „אַ מלוכה פון דער וועלט" וועגן דער וועלט. דערביי שפּילט דאָ דאָס יידנטום די ראָליע פון דעם גרויסן אַנאָנים. עס איז אַן אַבסטראַקטער ווילן וואָס שטעלט זיך ווי אַ דעמאָן אויף דעם זון־באַפּלאָסענעם וועג פון היידנטום, עס וויל און וויל און קאָן זיך בשום אופן נישט פאַרקערפערן אין קיין שום פּאָזיציע. יידנטום איז בלויז אַן עלעמענטאַרער ווילן. מיר זעען נישט דעם פּונקט, וווּהין עס צילט. דאָס יידנטום, ווי אַ יעדער אידעאַליזם, איז דאָס גרויסע אַנאָנימע. שאָטן. דאָס געניאַל נעגאַטיווע.

און אָט מעסטן זיך ביי אַשן די צוויי כחות, די צוויי־פּאָלן פון גייסט: דאָס פּאָזיטיווע און דאָס נעגאַטיווע. עס גייט דער אייביקער קאַמף. זייער אינטערעסאַנט, אַז די דאָזיקע קעמפנדיקע מינים, הגם יעדער איינער פון זיי ווייל האָבן דעם פולשטענדיקן באַזיג פון דער עקזיסטענץ, און זיי ראַנגלען זיך פאַרביטערט, איינגעביסן איינער אין צווייטן (דער דאָזיקער קאַמף איז פאַר יעדן איינציקן צד אַ קאַמף אויף טויט און לעבן), פונדעסטוועגן איז אַ יעדער באַזונדערער כח נישט בלויז פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, נאָר פון אַן אַבסאָלוט פאַרשידנאַרטיקער סובסטאַנץ. עס איז אַזוי צו זאָגן, דער קאַמף פון אַ קערפּער מיט אַן אַסטראַל־קערפּער. מער נאָך: יעדער איינער ווייסט די גרויסע מאַכט פון צווייטן, די געגנער אָבער, „אַנען" זיך בלויז, זיי „זעען" זיך נישט. דערמיט איז דאָס דראַמאַטישע פון די געשעעניש אַזוי טראַגיש, אָן אויסוועג טראַגיש. אַ יעדער איינער איז פאַר זיין קעגנער אַן אומגעזעענער פאַנטאָם, דער אומבאַקאַנטער גורל מיט וועלכן ער ראַנגלט זיך און זוכט פאַר זיך די פרייהייט. אַ יעדער איינער גרייפט אין דער לופט. יאָ, עס זענען שיקזאַלן וואָס קעמפן צווישן זיך.

שוין אין טיפּסטן „דיספּוטן־בוך" וואָס מיר האָבן וועגן „יידן" און „קריסטן", אין דעם אומשטערבלעכן „שיילאָק" — אויך אַ טראַגישער קאָנפליקט פון מינים — איז די פּערזאָן פון שיילאָקן פולשטענדיק אַן אַסטראַלע פּערזענלעכקייט. דעריבער האָבן מיר דעם איינדרוק אַז צוויי אָפּגעזונדערטע דראַמעס זענען אין דעם דאָזיקן שעקספּירשן ווערק צונויפגעפלאָכטן אין איין גאַנצעס. אַ קערפּערלעכע און אַן אַסטראַלע וועלט. האָבנדיק צווישן זיך דעם טיפּסטן קאָנפליקט, באַרירן זיי זיך נישט. מער צווישנשפּיל ווי שפּיל. די פּערזאָן „שיילאָק", אויך די דראַמע „שיילאָק" וואַנדערט אין דער גאַנצקייט פון דער טראַגעדיע ווי אַ גייסט. שיילאָק פאַרשווינדעט אויך צום סוף שפּיל פון דער בינע ווי אַ גייסט וואָס האָט זיך אויפגעלייזט, ער האָט זיך אָפּגעטון. מיר האָבן וועגן שיילאָקן מער געפיל ווי באַוווסטקייט. אַזוי איז עס אויך אין דער „כשוף מאַכערין פון קאַסטיליען" (פאַרשטייט זיך, נישט די

טיפקייט שעקספּירס און נישט די מייסטערשאַפט!). ווען דער גלח יוזעף מאָראָ רעדט צו די יידן וועגן די בשורה פון יעזוס, זיצן טויבע און הערן, יידן מיט פאַרשטאָפּטע אויערן. די הײדנישע בשורה קלינגט נישט אָפּ אין זייערע צוגעמאַכטע אויערן. ווען דער מאָלער פאַסטילאַ אַרײַנקומענדיק צו דעם יידישן סוחר קויפן טיכער־שטאָפן באַמערקט דורכן פענסטערל די סצענע צווישן יעפּתהן מיט דעם אַלטן יעקב, ווערט פּלוצלינג „דאָס אַלעס פאַרשוווּנדן ווי אַן אילוזיע. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען ווי דער ייד ביי וועלכן ער האָט געהאַנדלט די סחורה, האָט אַריבערגעוואָרפן אַ שטיק זיידנצייג איבער דעם פענסטערל און פאַרשטעלט אַלצדינג וואָס אינעווייניק טוט זיך.” עכטער פלאָרענטינישער דאַמאַסק — ווייזט דער ייד אויף דעם זיידנצייג — מיט גאָלד און פּורפּור געשטיקט. (אַגב איז אויך אין „שיילאָק” פאַראַן אַן ענלעכער מאָטיוו. שיילאָק הייסט יעסיקאַן פאַרמאַכן דאָס פענצטער.) די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון „די כשוף מאַכערין פון קאַסטיליען” איז כסדר געבויט אויס סצענעס פון אָט אָ דעם מערקווירדיקן זיך צוזאַמענטרעפן פון די צוויי קעמפענדיקע עלעמענטן. דערביי איז דער מאָמענט פון טראַגישן באַוווּסטזיין, מיט גרויס פאַרשטענדניש דורך שלום אַשן נישט גראָד אַרויפגעלייגט אויף דעם קאָמפּלעקס פון די קעמפענדיקע צדדים. די צדדים זענען פולשטענדיק אָפּגעשלאָסענע וועלטן. זיי שטעלן זיך נישט קיין שום פראַגע. דאָס שיקזאַל איז פאַר זיי, פּונקט ווי זיי ווילן עס. זיי לעבן זיך פולקאָמען אויס אין זייער אייגן דאָזיין: די רוימישע וועלט אין איר פרייד און לעבנס־דורשטיקייט, די יידישע וועלט — אין איר גרענצלאָזן אונטערערדישן ווילן, אין בטחון. אין אַ געזאַנג פון מאַרטיראָלאָגיע. די יידישע וועלט איז פאַרשכורט אין דעם עקסטאַז פון מאַרטיראָלאָגיע. זיי קעמפן פון אינערלעכער איבערצײַלטקייט. דאָס טראַגישע באַוווּסטזיין אַנטוויקלט שלום אַש ערשט ביי דער פּערזאָן פון פּאַול דעם פערטן, וואָס שטייט אויף דער גרענעץ פון אָט די ביידע כחות און דערהויבט זיך אָביעקטיוו איבערן אינסטינקט. די טראַגעדיע פון זיין אייגענער וועלט פאַרהאַנדלט זיך ביי אים אין דער נשמה צו אַ פּראָבלעם און אַ פּראַ־

נע. דער דאָזיקער מעפּיסטאָפּעלישער פילאָזאָף וואָס ווערט צעריסן פון בלוטיקן חשבון־הנפש, ער קוקט מיט חשד אויפן שפּיל פון די שיקזאַלן. ער קאָן נישט שלום מאַכן מיטן פאַטום: ער איז דער באַוווסט־טראַגיש־ליידנדיקער, ווייל ער איז דער טראַגיש־צווייפלענדיקער, ער קאָן זיך נישט אויסלעבן אין הוילן עלעמענט, אין הוילן גלויבן.

דער פּויפּסט פאַול דער פערטער.

אַזוי אַרום האָט שלום אַש מיט באַזונדערע טיפקייט אָקצענטירט די טראַגעדיע פון זיין מאַטעריאַל. ער האָט עס באַוועגט געמאַכט אין די יסודות. פאַול דער פערטער איז אייגנטלעך די צענטראַלע פיגור פון דער גאַנצער דערציילונג. אין אים ווערט דאָס אייביקע גאַטורהאַפטע געראַנגל פון אָט די צוויי מינים זיך טראַגיש באַוווסטזיניק. ער זיצט ווי פּויסט אין אַ קליין חדרל צווישן נאַקעטע ווענד און באַטראַכט דעם קאַמף פון די אידעען פון שטאַנדפּונקט פון אַ גרויזאַמען פילאָזאָף. ווייל ער קאָן נישט שטיין אָביעקטיוו אָן דער זייט, דורכדעם וואָס דער צופאַל האָט אים אַנגאַזשירט אויף דער שטול פון אַ פאַרטרעטער פון רוימישן גאָט, דעריבער מאַכט אים דאָס צוקוקן זיך צו דעם קאָסמישן שפּיל, ביז און פאַרביטערט. ספקות און אינערלעכע פּיין האָבן אים געגעבן אַ שטיינערן האַרץ פאַר אַלע מענטשלעכע ליידן. פאַול דער פערטער האָט פיינט די מענטשן אויס נקמה צו זיך אַליין. ער איז פאַרמרהשחורהט. „זיין פּנים איז געווען ווי אַ שטורעמדיקער 'ם, פאַרכאַפּט אין גאַנצן פון ברויזענדע שטורעמדיקע קנייטשן. די לאַנגע שטייפע האָר פון די געדיכטע ווייסע באָרד האָבן זיך באַוויגן שטייף ווי זיי וואָלטן געווען דראָטן — נאָר צווישן די כוואַליעס־קנייטשן האָבן אַרויסגעקוקט פון הינטער געדיכטע ברעמען צוויי בלויע קינדישע אויגן, אויסגעלאָשענע, אומבאַוועגלעכע, ווי צוויי אויסגעלאָשענע פייער־שטיינער". דער דיאַלאָג אין זיין איינזאַמקייט מיט יעזוסן אויפן שוואַרצן צלם, מאַכט אויפציטערן. דער דאָזיקער טראַגישער אַטעאיסט, דער טייוולאָנישער אַסקעט, פאַול דער פערטער, ער איז אַנטלאָפן פון דער וועלט, די וועלט אָבער פרעסט אים אויס דעם מאַרך פון די ביינער. אין זיין

קלויסטער-חדרל אין די אויבערשטע קאַמערן פון וואַטיקאַן געפינט ער זיך מיט דעם גאָט יעזוס, דער שווייגנדיקער פאַרפייניקטער גאָט פון דער וועלט. „זיינע גרויע האָר (דעם פויפסטס) האָבן זיך אויפגעשטעלט, די קנייטשן פון זיין פנים האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן, אויפלייזן זיך, און איינקאָרטשען זיך ווי די פאַלדן פון אַ שלאַנג. אַ גרויס רחמנות האָט אים אַרומגענומען צו דעם אָרעמען יעזוסן. ער איז צוגעגאַנגען צום גאָט און אים גענומען אין זיין האַנט אַריין, ער האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף די קני פאַר אים, אָבער ער האָט נישט געקענט... ער האָט געוואָלט בעטן צו אים און נישט געקענט... דאָס איינציקע וואָס ער האָט געפילט פאַר דעם גאָט, איז געווען אומבאַגרענעצטער רחמנות...״ דער פאַנאַטיקער פון פאַרביטערטקייט, דער גריבלדיקער אינטעלעקט, פאַול דער פערטער, וואָס ער קאָן נאָר באַטראַכטן און נישט גלויבן, דער וואָס מאַטערט מענטשן כדי זיך צו מאַטערן, אָט איז ער פנים אל פנים מיט דעם גאָט וואָס קאָן גאָרנישט טון, נאָר גלויבן. דער הער פון דער וועלט איז אַ מאַנעקין. וואָס שווייגט ער, דערדאָזיקער אומבאַהאָלפענער גאָט פון דער וועלט? צי איז אָט אָ דער נעבעכדיקער אָרעמער יעזוס דאָס שיקזאַל און דער אמת פון דער וועלט? לויט דער מאָס פון דעם גאָט וואָס פאַר אים, שאַצט אָפּ פאַול דער פערטער אַלע אידעאַלע אינהאַלטן פאַר וועלכע די מענטשן קעמפן, ברענגען קרבנות און גיבן אַוועק זייער לעבן. פאַול דער פערטער, לויט זיין קאָנסטרוקציע אַן עקסטרע-מער און פאַנאַטישער אינטעלעקט, פאַר אים ווירקן ספקות ווי גיפט. ער באַדאַרף דאָס פאָזיטיווע, דאָס קלאָרע, דאָס קאָנקרעטע. אַ יעדע גרענעץ צווישן שיין און ווירקלעכקייט, אַ יעדער מינדעס-טער צווייפל טאָמער בלאָנדזשעט ער, און אפשר ליגט בכלל אונ-טער דער מענטשלעכער דערקענטניש מער אָנמאַכט ווי דערגריי-כונג, — פאַול דער פערטער קאָן זיך נישט דערהויבן איבער די אַלע סקעפּטיציזמען ווי אַ סטאָאישער פילאָזאָף. ער קאָן זיך נישט שטעלן אין זיין רויִקייט איבער די שוואַכקייטן פון די געטער. אין דער טראַגעדיע פון די מענטשן פעלט אים גלויבן און אינ-סטינקט אַז ער זאָל זיין דער מיטקעמפער, דער מיטליידנדיקער.

ער באַטייליקט זיך נישט אין שפּיל. ער איז בלויז דער צעיושעטער צושויער. נישט האָבנדיק קיין מעטאַפיזישע האָפנונגען איז ער זיך נוקם ונוטר אין שיקזאַל. ער איז דורשטיק נאָך בלוט פון אינערלעכער צעפייניקטקייט.

די פּערזאָן פון פּאַול דעם פערטן איז די איינציקע פיגור אין וועלכער אַש איז נישט נ אַ י וו. דער דאָזיקער גליקזעליקער גלויביקער, שלום אַש, דער בעל־בטחון און אָפּטימיסט, לאָזט דורך אָט אָ דער פּערזאָן אַריינבליקן אין אַזעלכע ווינקעלעך פון זיין געמיט, וועלכע זענען אין זיינע איבעריקע שאַפונגען פאַרהוילן: דער זינגער פון יידישן אידעאַליזם באַווייזט דאָ אַן אומעטיקן שאָטן־בלעק אין זיין זוניקייט: דעם וואָרעם פון ספק אין דער גרויסער אמונה. אפשר אַנטפּלעקט זיך דאָ דער טיפער טראַגיזם פון דעם יידישן אידעאַליזם: נישט קיין פרייער אידעאַליסטישער וו י ל ן, נאָר אַן אויפגעצוווּנגענער אידעאַליסטישער ש י ק ז אַ ל. ווער ווייסט ווי עס רעדט מיט זיך דער יידישער אידעאַליסט אין די שעהן ווען ער איז מיט זיך אַליין. די בלוטיקסטע ספקות האָט דער גלויביקסטער. מיר האָבן שוין געזען אַן אַנדערן יידישן אידעאַליסט, י. ל. פּרצן, איינעם אַליין צוזאַמען מיט זיין גאָט. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" זען מיר פּרצן פּראַוון אינערלעכסטן חשבון מיטן יידישן אידעאַליזם ווי פּאַול דער פערטער מיטן גאָט ישו. אויך דער פּרץ פון דער „גאָלדענער קייט" באַשטייט דאָרט אַ נסיון מיט זיינע זיבן דעמאָנען. זיי ווייזן אים דעם הילצערנעם מאַנעקין הינטער דעם שבתדיקן מלכות. די גלויביקע האַנט פון פּרצס הויבט פאַריאושט אויף איר פויסט אַקעגן דעם הער פון דער וועלט. ביי אַשן גייט עס נאָר אַדורך ווי אַ שוואַרצער געוויטער־וואָלקן איבער אַ זומערדיקן הימל. אַן אינטימער סימפּטאָם. אין דעם פייערלעכן אויפברויז פון די גלויביקסטע געזאַנגען, אין דעם ליד וואָס כוואַליעט זיך פול און איבערפול פון האָפנונגען און בטחונות, אין דעם קדושים־געזאַנג פונעם יידישן אידעאַליזם וואָס שטייגערט אין זיין עקסטאַז ביז צו די זיסטע תאוות פון מאַרטיר, לאַגיע און יאָגט זיך בלינד אין די אָפּגרונטן פון שיקזאַל, צווישן די גאַלע הימלישע קולות וואָס דער נאַיווער

שלום אַש פאַרנעמט אַרום דעם היסטאָרישן דאָזיין־קאַמף פון יידישן מין — שיילט זיך אַרויס שוואַרץ און גיהנמדיק דאָס קול פון זיין דעמאָן. דער דעמאָן לאַכט ביטער אין מיטן פון אָט די אַלע הייליקייטן. צי רופט ער אונז צוריק אין דעם גאָרנישט? צי לאָקט ער אויף אַנדערע וועגן? שלום אַש, דער נאַיווער יידישער אידעאַליסט, פאַרשטאָפּט זיך די אויערן נישט צו הערן, ווי יענע גלויביקע יידן פאַר די ווערטער פון יוזעף מאַראָ. „עס האָבן גע־ציטערט הערצער, עס האָט זיך געהערט אַ שטימע פון דור דורות און פלאַקערדיקע פייערן זענען אויפגעשטאַנען פאַר די אויגן — ברענענדיקע מענטשן־לייבער, גרויסע שרעקעדיקע אויגן, ציטערנדע לעצטע שטימען: שמע ישראל!". דאָס איז געווען די ביז אויף טויט עקשנותדיקע תשובה פון יענע יידן אויף די לאָקונגען פון דעמאָן. אַזוי ענטפערט אויך שלום אַש אויפן רוף פון זיין שטן. אַרום דעם קול, דאָס שוואַרצע קול פון ספק, פאַרשטאַרקט ער נאָך מער די יובלונג פון בטחון. גראָד אין דער איינער זאַך פון אַשן, אין וועלכער עס געפינט זיך יענע אומעטיקע סצענע, ווי אַ גלויביקער רעכנט זיך אָפּ מיט זיין גאָט, און דער גלויביקער זעט זיך אַלס דער אָפּגענאַרטער — גראָד דאָרט, שוימט עס פון גלויביקסטן עקסטאַז. נישט ווייל דער גאָט האָט אים באַזיגט, נאָר ווייל דער עקסטאַז איז דאָס געטלעכע געטראַנק וואָס ווערט דעם אָרעמען מענטשן דערלאַנגט, כדי ער זאָל זיך באַרויקן, און ער זאָל ווי עס איז אויסהאַלטן אין דעם יאָמערטאָל פון לעבן. אויך די שטים פון זיין בדחן וויל י. ל. פרץ פאַרטויבן מיט עקסטאַז. דער אינטעלעקטועלער פרץ האָט עס נישט באַוויזן. דער „גזמאַכ־טער" מתים־עקסטאַז שטרייכט נאָר מער אונטער די האָפנונגסלאָ־זיקייט פון ספק. דאָס קול פון בדחן אין דעם דאָזיקן עקסטאַז קלינגט נאָך אמתער און ביטערער. דער נאַיווער אַש פאַרטרינקט זיך מיט בטחון. ער לאָזט זיך טראָגן אין פּאַטאָס פון זיינע האָפ־נונגען ווי דער אינערלעך פאַרפייניקטער פּאַול דער פערטער אויף דער פויפסטלעכער שטול צווישן רוימישן קאַרנאַוואַל־פאָלק. אויך יענער ערשטער דינער פון אַ גאָט אין מיטן די פראַכט־פּראָצעס־יעס פון די גלויביקע, טראָגט אַ שלאַנג אונטערן

האַרצן: די שלאַנג פון ספק און אַ גיפטיקע שנאה צום פּאַטום. ווי די קייטן פון אידעאַליזם פאַרן יידישן וועלט־דאַזיין, אַזוי איז אויך דאָס יידנטום דער פּאַטום פאַר דעם דאָ־זיקן יעזואיטישן סקעפּטיקער וואָס שטייט אויף דער גרענעץ צווישן נוירקלעכקייט און ווירקלעכקייט, און ער ווייסט נישט ווו איז דאָס שפּיל און ווו דער ערנסט. פון ביידע זייטן שטייען פאַר אים אויף נוי בלוטיקע געשפּענסטער — די געטער פון די קעמפּנדיקע מי־נים. אין רוים, דאָס דיאָניזישע שפּיל פון די געטער, אין די אונטערערדישקייטן ביים טיבער — דאָס לײדפולע האָפן. ישו, וועמען ער טראָגט אין דער האַנט, גיט אים נישט קיין תשובה, ער ווייזט אים נישט דעם וועג. ער מאַכט אים נאָך אומרויקער. „מ׳האָט אים געקרייציקט, געשלאָגן אים נעגל אין די פינגער, און די יידן ציען בלוט פון זיין האַרץ אויף יעדן פּסח...״. ישו זיין גאָט. צווישן אומוילן און פּחד שוועבט די נשמה פון דעם דאָזיקן גרויזאַמען וועלט־באַטראַכטער: טאָמער זענען בכלל אַזוי אָנמעכ־טיק און עלענד אַלע העכסטע ווערטן פון דער מענטשהייט, אָדער: „ווער זענען זיי, די וואָס דו קומסט אַרויס פון זיי? צי ביסטו מיט דיין לייב און בלוט נאָך פאַרבונדן מיט זיי?״. אפשר איז דאָס שווייגן פון ישו, יענץ עקשנותדיקע, שיקזאַל־פולע שווייגן פון יידישן עלעמענט אין דער וועלט. דאָס שטורעמפולע שווייגן. פּאַול דער פּערטער שטרעקט אויס זיין האַנט דערנאָך, ער וויל עס אָנגרייפן, דערין נקמה נעמען, אין דעם דאָזיקן שווייגן וואָס מאַכט אים אַזוי אומרויק. זיין פּאַטום. ווען דער פּויפּסט שטרעקט אַרויס פון דער טראָג־שטול זיין פוס און טרעט אַרויף אויף דעם קאָפּ פון דעם בלינדן יעקב, בריט עס אים ווי ער וואָלט געטרעטן אויף אַ ווולקאַן. אין די קעלערן פון דער אינקוויזיציע „זאָגט אים דער ייד דאָס וואָס ער האָט געטראָגן טיף אין האַרצן און מורא געהאַט צו קלערן דערפון״. ישו אויפן צלם, און דער בלינדער יידישער עקשן, טרעפן זיך דאָ צוזאַמען די הערן פון דער וועלט? „פּלוצלינג האָט ער (דער פּויפּסט), אַ קלאַפּ געטון מיטן צלם, פאַרשטומט דעם יידס געשרייען. אַ שטראָם בלוט האָט געגעבן אַ זעץ אַרויס פון דעם יידנס פּנים און האָט באַשמירט דעם זיל־

בערנעם צלם אין דעם פויפסטס הענט. טראָפּנס בלוט האָבן געריגען פון צלם און זענען געפאַלן אויף יעזוסעס לייב, וואָס איז געווען צוגעשלאָגן צום צלם". דער גאָט פּראָמעטעוס, דער משיח פון די יידן ווערט באַדראָט פון אַ שיקזאַל. דאָס יידישע עלעמענט איז דאָס באַהאַלטנסטע שיקזאַל פון דער וועלט. ווער איז דאָס יידישע עלעמענט? פּאַול דער פערטער שטייט אין מיטן דעם אייביקן קאַמף פון יידן און היידן, אין מיטן דעם געראַנגל פון די צוויי וועלט-אינסטינקטן, ווי צווישן צוויי פינסטערע געהיימנישפולע תהומות. ער זעט נישט דעם ציל אין דעם אויסוועג. פּאַול דער פערטער פאַרלירט אַ יעדן באָדן. אין מיטן דעם רוימישן דיאָגיזאָס-צוג קוקט ער פול אַנוגג אַריבער צו יענער האַרטנעקיקער עקשנות פון די, וואָס וואַרטן אונטער דער ערד אויפן אָנקומען פון אַ נייעם דערלייזער. פּאַול דער פערטער האָט אויפגעלאָזט אַלע וואַסערן פון טיבער זיי צו דערטרונקען, פון זיי פּטור צו ווערן. אויף ברעטלעך האַלטן זיי זיך מערקווירדיק איבער די טויט-ברעגעבדיקע וואַסערן, פול בטחון, פול האָפן, פול דערוואַרטונג. נאָר אזוי קאָנען לעבן די, וואָס האָבן אַזויפיל איבערנאַטירלעכן גלויבן אין לעבן. וואָס איז דאָס איבערנאַטירלעכער גלויבן אין לעבן? ווער זענען זיי, די דאָזיקע אומבאַקאַנטע זיגער? זיג? „פּאַול דער פערטער האָט זיין פּנים פאַרשטעלט מיט זיין רויטן מאַנטל און נישט געוואָלט זען". ער האָט נאָר געפרעגט: „מיט וואָס פאַר אַ כח? ווער איז זייער באַשיצער? וואָס זענען זיי אין זייערע לעצטע מינוטן? ווער גיט זיי די קראַפט צו פאַראַכטן אַלע פּיין און יסורים פון די טאָרטורן און צו זינגען פסאַלמען צו גאָט פון די בראַך-רעדער אַרויס? ניין, עס איז נישט דער כח פון טייוול וואָס גיט די זיכערקייט, די רויקייט און דעם טריומף..."

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON

פינפט קאַפּיטל

קידוש השם — איז די צווייטע רעקאַפּיטולאַציע פון „שטעטל": דאָס שטעטל אין די פּערספּעקטיוון פון דער היסטאָריע. די מאָטיוון פון „די כשופמאַכערין פון קאַסטיליען" זענען אייגנטלעך מאָטיוון פון אַ לעגענדע. עס שטייט דאָרט אַלצדינג אויף דער גרענעץ צווישן היסטאָרישער לעגענדע און היסטאָרישער ווירקלעכקייט. דאָס תהלים-געזאַנג פון יידישן וועלט-דאַזיין. די היסטאָרישע מאָטיוון פון „קידוש-השם" זענען שוין מער מאָטיוון פון דער ווירקלעכקייט, פון אַשס ווירקלעכקייט. אויב אין די פּערזאָנען פון די „כשופ-מאַכערין" זעען מיר אַשן בלויז אַלס וויזיאָנער אויפן פאָן פון דער יידישער געשיכטע: דאָס יידישע מין אין מוזיק און ליד, — דערקענען מיר הינטער די העלדן פון „קידוש-השם" אָט די אַלע אונז גוט-באַקאַנטע אַשישע יידן פון „שטעטל", פון די שטעטל-נאָוועלן און פון „ר' שלמה נגיד". אין דעם דאָזיקן פּונקט איז „קידוש-השם" — הגם אין דער אויספירונג שוואַכער — דאָך אָבער אין דער הינזיכט פון ווילן און קינסטלערישער געוואַגט-קייט, אַ ווייטערער שריט*) פון די „כשופמאַכערין". אַ ווייטערער

*) דאָ האָט גאָרנישט צו זאָגן, וואָס לויט ווי אַש גיט אָן אין דער הקדמה, איז „קידוש-השם" פריער אָנגעשריבן געוואָרן ווי די „כשופמאַכערין". טייל קינסטלער מאַכן דורך זייער אַנטוויקלונג נישט אין קיין גראַדער ליניע, נאָר זיג-זאַג אַרטיק. אויך עטלעכע רעמערע נאָוועלן אַשס זענען אָנגעשריבן געוואָרן פאַרן „שטעטל", הגם שלום אַשס אַנטוויקלונגס-ליניע איז אייגנטלעך צו רעכענען פון „שטעטל".

שריט דערמיט, וואָס די דאָזיקע גאַנצע ליניע — די וועגן צו דער וועלט — וואָס אַש האָט אָנגעהויבן אין זיינע היסטאָרישע דערציילונגען, נייגט זיך פון דער רעגיאָן פון מיטישן און לעגענדאַרישן צו דער רעגיאָן פון ווירקלעכן. צום היסטאָריש־ווירקלעכן. אַש האָט שוין אַזאַ טבע: ער מוז זיך צום ערשטן אַרומנעמען מיט דעם פּאַטעטישן נעבל פון הימל־שטימונגען, נאָר פּאַמעלעך צוּשטרייט זיך דער דאָזיקער מוזיקאַלישער רויש פאַר זיין אויג, און לעבעדיקע פּערזאָנען פון דער ווירקלעכקייט הויבן אָן אַרייַנצוקומען און צו אַנטוויקלען אַ לעבן פול מיט באַוועגונג און געשעענישן אין דער דאָזיקער וויזיאָנערער סביבה. דאָס מיליעי, אין וועלכן עס באַדאַרפן זיך אויסצולעבן די אַשישע מענטשן, וויל שלום אַש צום ערשטן פייערלעך הייליקן, אַזוי צו זאָגן, אָפּרייַכערן מיט רעליגיעזן ווייַרוך. די אַשישע מענטשן, ווי די פּאַרצייטישע אינדישע שוישפּילער, מוזן צום ערשטן אַדורכגיין אַ געוויסע „הסתּלקות” איידער זיי הויבן אָן דאָס שפּיל אויף דער אַשישער סצענע. זייער ערשטער אויפטריט איז דעריבער תּמיד אַ שטילער, פול יונגטלעכער שעמעוודיקייט. אַזוי איז אויך דאָס יינגע „שטעטל”, דאָס פּרעלודיום, דאָס געבעט צו די מוזן, איידער דער יינגער אַש הויבט אָן צו דערציילן פון דעם לעבן, וואָס מאַכט אים פול. דאָס נעמלעכע „געבעט” האָט שלום אַש אָפּגעריכט אין די „כּשופמאַכערין פון קאַסטיליען”, איידער ער ווענדט זיך מיט זיין שאַפן אויף די וועגן צו דער וועלט.

אין „קידוש־השם” הויבט זיך אָן דער מער זיכערער, מער מענלעכער אויפטריט פון די אַשישע מענטשן אויף דער געהייליקטער בינע. עס איז אַלצדינג אָנגעברייט: עס ליגן אויפגעקוילט די גרויסע היסטאָרישע פּראָבלעמען, פאַר וועלכע אַשס מענטשן מוזן באַלייגן עקזאַמען: די הויה פון יידישן היסטאָרישן חוב. דער גרויסער וועג אין דער געשיכטע: דער יידישער היסטאָרישער שיקזאַל. די הויה פון דער יידישער היסטאָרישער מאַרטיראָלאָגיע, דער היסטאָרישער „פּאַרוואָס”. אָט דער גאַנצער סך־הכּל פון פּראָבלעמען, די פּראָבלעמען פון יידישן וועלט־דאָזיין, ליגן צונויפגעזאַמלט אין די געזאַנגען פון דער „כּשופמאַכערין”. איצטער קומען לעבע-

דיקע יידישע מענטשן. זיי באַדאַרפן עס אויף דער דאָזיקער הויך זיך אויסלעבן אין היסטאָריש־דראַמאַטישער באַוועגונג, אין געשעען. גראָד אין דעם אויסוואַקסן — איבער זיך אויסוואַקסן — כּדי צו קאָנען לעבן און באַוועגן זיך אין יענער אידעאַליסטישער אַטמאָספער, איז דאָך דאָ דער ענטפער און דער תיקון פאַר זייער גאַנצער עקזיסטענץ, דער ווערט־אַקצענט פאַר דעם יידישן זיין און פאַר דעם זיין פון יידישער זעלבסטשטענדיקער קולטור. ווער זאָלן עס זיין די דאָזיקע יידישע מענטשן, די יידישע משיח־געפינער, די גרויסע יאָ־זאָגער צום יידישן שיקזאַל? לויט די קאָנסעקווענטסטע באַטירלעכקייט: די יידן פון „שטעטל”, פון די נאָוועלן, און פון „ר׳ שלמה נגיד”. מיט זיי האָט ער אָנגעהויבן דעם גאַנג אַרויף צו דער אַבסאָלוטער מענטשהייט, דעם וועג צו דער וועלט, אין זיי מוזן זיך אויף אַנטשיידן די לעצטע מעגלעכקייטן. אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אַשס מאַטעריאַל מוז זיך אויסשפּילן די לעזונג. עס איז בשום אופן נישט קיין פעלער פון אַשן, וואָס אומעטום, וווּ ער איז נאָר גוט און עכט, רעקאַפּיטולירט ער זיינע פּערזאָנען. זיי ווידערהאָלן זיך נישט. זיי וואַקסן אויס. עס רייפט אין זיי די לעזונג: אַלע מעגלעכקייטן פון די אייגנשאַפטן זייערע. פאַר אַן אמתן קינסטלער איז אַ יעדער טיפּ זיינער, אַ טיפּע אייגנערלעכע אומרויקייט, אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט פון זיין גאַנץ וועזן, דערמיט: אַן אייגנשאַפט פון זיין אַנטוויקלונג. דער קינסטלער קאָן זיך מיט זיין טיפּ נישט אָפּפּאַרטיקן ווי מיט אַ פאַרבייגייענדיקע זאַך. ווי אַ יעדע שאַפערישע אייגנשאַפט, טויכן פאַרן קינסטלער אויף זיינע טיפּן תמיד אין אַנדערע פלאַכן, אין אַן אַנדער ליכט. רעקאַפּיטולאַציע? עכטע קונסט רעקאַפּיטולירט זיך אַזוי צו זאָגן, אויסוואַקסנדיק אין אירע אייגנשאַפטן. אַ וועלט־באַנעמען זעט די וועלט קוואַליטאַטיוו, נישט קוואַנטיטאַטיוו. דאָס אייביקע איז נאָר אַ קוואַליטאַטיווע אייגנשאַפט. אַזוי זעען מיר ווי דער זשעני פון דער יידישער ליטעראַטור, שלום עליכם, קערט זיך אום אַלעמאָל צו זיינע טיפּן. דערמיט איז דאָס טראַגישע ביי אים אַזוי געשלאָסן. בולטע, באַוווּסטזיניק־אונטערגעשטראָכענע טיפּן־ווידערהאָלונג טרעפן מיר ביי אַנאַטאָל פראַנס. און דער אומשטערבלע-

כפר שעקספיר פירט אומעטום אַרויס די אייגענע מענטשן, אין פאַרשידענע טיפקייטן, אין פאַרשידענע שיקזאַלן.

די וועלט איז דאָס קוואַליטאַטיווע.

דאָס נעמלעך טוט, און מוז גראָד לויט זיין קינסטלערישן וועג טון, שלום אַש. דעריבער איז ער אַזוי אָפט אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש אפילו אין די דאָזיקע ווערק זיינע, ווו עס האָט אים אויסגעפעלט אָטעם און כח צו אַ פולשטענדיקע דער־גרייכונג. עס איז דער ווילן און דער דראַנג צו געפינען די לעזונג פאַר זיינע העלדן אין דעם אייביק וועלט־גאַנצן, די לעזונג אין גרויסן סטיל, וואָס שטעלט אַשן אין די רייע פון באַדייטנדיקע קינסטלער. דער דאָזיקער דראַנג צו אַ טראַגיש־קאָסמישער לעזונג פאַר זיין קונסט איז ביי אַשן נישט קיין געקינצלטע גרוואַלטקייט, נאָר אַן אָרגאַנישע אייגנשאַפט. דערמיט איז אַש אַ קינסטלער מיט אַן עכט וועלט-באַנעמען. זיין יידיש וועלט-באַנעמען איז אַ ליניע, אַ וועג און אַן אויסוועג. אין דער דאָזיקער היגזיכט איז ער נישט אַזוי טיף און אינטעלעקטועל ווי פרץ, דערפאַר אָבער מאַסיווער, זיכערער און מער צעוואַקסן. ס'וועלן אפשר זיין מענטשן, וואָס אָט אָ די צוויי דערציילונגען אַשס, „די כשופמאַכערין פון קאַסטיליען" און „קידוש־השם" וועלן זיי אַבסאָלוט נישט געפעלן. נעמלעך דאָס אָפערן-מעסיקע אין זיי און די בולטע שטעלן ווו ער באַווייזט זיך נישט צו דערהויבן. דאָס פּאָזיטיווע און דאָס אַבסאָלוט וויכטיקע אין די דאָזיקע ווערק איז אָבער דער איבערלעכסטער ווילן צו דערגרייכן די גרויסע לעזונג פאַרן גאַנצן סך־הכל פון זיין קונסט. ער קעמפט מיט אַלע מכשולים זיך און זיינע העלדן אַרויפצופירן אויף דער לעצטער הויך, ווו ס'עפנט זיך פאַר אַ קינסטלער דער בליק אין די ווייטקייטן. דעפעקטן באַווייזן נאָך נישט, אַז דער דאָזיקער גאַנג אין דער הויך איז פאַר אַשן נישט קיין אייגנשאַפט עס איז דורכויס זיין אייגנשאַפט, דערמיט איז ער אַזוי באַדייטנ־דיק. אַז דער וועג איז פאַר אים שווער און פול סכנה, דאָס זאָגן די דעפעקטן. אָבער אַש געפינט זיך אויפן גרעסטן וועג פון אַ קינסטלער, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צום בוך „קידוש השם".

זעקסט קאַפּיטל

JEWISH CULTURAL CLUB · OF SASKATOON ·

ווי איך האָב אויבן געזאָגט, האָט אין „קידוש-השם" געזאָלט דערגרייכט ווערן די הויך, ווו עס באַדאַרף אויסגעשפּילט צו ווערן דער לעצטער שיקזאַל פון די אַשישע העלדן. זייער וועלט-היסטאָריש שיקזאַל, צוגלייך דער ווערט פון זייער דאָזיין, פון זייער לעבן. שלום אַש קלעטערט שווער און מיזאַם מיט זיינע העלדן אַרויף אין דער דאָזיקער הויך. אין אָט אַ דער אידעאַליסטישער אַטמאָספער וואַרט אויף אַשס מענטשן דער שופט פון דער היסטאָריע. צוויי מאָמענטן מוזן זיך דאָ ענדגילטיק אַנטשיידן: דאָס „שטעטל" (אַשס סימבאָל פון דער יידישערווירקלעכקייט) אַלס אַן אייגנאַרטיקע וועלט-היסטאָרישע קראַפט, דער עלעמענט פון איר צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט און מיט דעם דאָזיין פון מענטשן, צווייטנס: דער זין און דער אינהאַלט פון יידישן דאָזיינס-קאַמף: די היסטאָריש-יידישע מאַרטיראָלאָגיע.

פון דער אַנטשיידונג פון די דאָזיקע צוויי מאָמענטן הענגט אייגנטלעך אָפּ דער גורל און די פּערספּעקטיוון פון יידישן אידעאַליזם (אויב ער וויל סוף כל סוף צו וואָס עס איז צוקומען, און נישט בלייבן באַנקראָט און באָדנלאָז ווי דער יידישער מאַטעריאַליזם בעת ער איז געגאַנגען זוכן זיין צוזאַמענהאַנג מיט דער וועלט). די ערשטע פּרוּוון פון אַ יידישן אינדיווידועלן אידעאַליזם אַלס אַן אויסגאַנג (ביי פּרצן), האָבן זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען נישט בכח צו געבן די אַנטשיידונג. ווען שלמהס טאַטן זענען נישט געלונגען, האָט פּרץ נישט געוווּסט ווייטער וואָס צו מאַכן. אין „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" זעען מיר ווי דער יידישער אינדי-

ווידועלער אידעאַליזם רעזיגנירט פון ווייטערן קאַמף, ער קאָן נישט זיין דער פירער. דער עלעמענט פון אידעאַליזם אין דער יידישער געשיכטע און יידישער קולטור האָט אָבער געוואַרט אויף דער דאָזיקער אַנטשיידונג ווי אויף דער איינציקער מעגלעכקייט ווייטער צו עקזיסטירן. געטריי זיינע אייגנשאַפטן און די גאַנצע ליניע פון זיין שאַפן, — נאָכדעם ווי דער אינדיווידועלער אידעאַליזם איז אַוועק פון פלאַץ, — פירט אַש דעם יידישן קאָלעקטיוו אַרויס צו דער לעזונג פון דער גרויסער אויפגאַבע. (אין דער „כשוף-מאַכערין" האָט אַש צום קאָלעקטיוו בלויז אַ מיטיש-לעגענדאַרישע באַציונג.) די פשוטע יידן אַשס, זיי מוזן מהוה זיין די אידעאַליסטישע פערספעקטיוון:ביישטיין דעם גרויסן היסטאָרישן נסיון. שלום אַשס קאָלעקטיוויסטישער „קידוש-השם" זאָל עס זיין די ווייטערדיקע פאָזיטיווע דערגרייכונג פון י. ל. פרצס „גאָלדענע קייט".

אין צוזאַמענקלאַנג מיט די אויבנדערמאָנטע צוויי מאָמענטן טיילט אַש איין זיין דערציילונג אין צוויי טיילן. אין ערשטן טייל זעען מיר די אינערלעכע קאָנסטרוקטיווע כּחות פון דער יידישערווירקלעכקייט. די יידישע ווירקלעכקייט איז נישט דאָ דאָס שטילע אידעאַליסטישע מיליעי, דאָס באַשיידן רויִנדיקע מיליעי, די ראָמאַנטישע אידיליע — ווי אין דעם פריערדיקן „שטעטל"-פעריאָד. איצט טרעט זי שוין אויף אַלס אַ בויענדיקער אַקטיווער אידעאַליזם. די יידישע ווירקלעכקייט וואַקסט אויס אַלס אַ קראַפט. זי איז פול אינערלעכן באַוווסטזיין: „ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוקוקן איבער גאָטס וועלט (דער אַרענדאַר מענדיל), און געזען ווי גרויס זי איז און ווי לער פון מענטשן זי איז, האָט זיך אים פאַרגלוסט די גאַנצע סטעפ צו באַזייען מיט יידישע ישובים. וויפיל יידישע שטעט און שטעטלעך וואָלט מען געקאָנט אויסזעצן איבער דער סטעפ, שולן בויען, בתי מדרשים, מקוות און ישיבות און טאַקע האַנדל אויך. יעדן חודש אין אַן אַנדערער שטאָט אַן אַנדערער יאָרמאַרק. די פעלדער זענען פול מיט תבואות, או אַרייסגעפּאַ־רענע וועגן פירן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער אַריין און יידן פאָרן איבער די וועגן מיט בוידן סחורה און האַנדלען. און

די תּורה איז פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אוקראַינע. וואָרים ווי ברויט דאָרט איז תּורה". „גרויס איז גאָטס וועלט ר' יונה—האָט מענדל געזאָגט מיט אַ קרעכץ — און די ערד ווי מיר פאָרן דאָ איז גוט, ר' יונה, שוואַרצע ערד, מען דערקענט זי לויט די גרעזער. ווי מיר פאָרן דאָ, ר' יונה, וועט אַמאָל יידישע ישובים זיין. יידישע שטעטלעך וועלן זיין אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. יידן וועלן האַנדלען, פירן סחורות פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, און ישיבות מאַכן, און די תּורה וועט זיין פאַרשפּרייט."

„אַ מינוט האָט ר' יונה שטיל געשוויגן, אויסגעהערט וואָס מענדיל זאָגט, דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן: די ערד איז דאָ גוט, דאָס לאַנד גוט, נאָר קיינער איז נישטאָ ווער עס זאָל גאָטס נאָמען דערמאָנען, אַ ברכה מאַכן, דאַווענען אויף איר. דורך דעם איז זי פול מיט שדים און רוחות רעות. און דו מיינסט, פּרנס, אַז דאָס זענען פּראָסטע פייגל וואָס לויפן אונז נאָך דער בויד, פּראָסטע גרעזער, אָדער בינען, אָדער ווערעם? דאָס זענען אַלץ נשמות, פאַרפאַלענע, פאַרבלאָנדזשעטע אין די וועלדער, אין די מדבריות, וואַרטן אויף אַ תּיקון. געזעען אַ בויד מיט יידן לויפן זיי נאָך, ווילן כאַפּן אַ וואָרט תּורה, אַ ברכה, כּדי זיי זאָלן קריגן דורך אונז אַ תּיקון און צוקומען צו זייער רו... אם ירצה השם, ווען יידן וועלן דאָ קומען און זיך באַזעצן, שולן און בתּי־מדרשים בויען, דאַווענען און לויבן גאָט, וועלן זיי די רוחות רעות פאַרטרייבן, עס וועט ווערן אַ ריין מקום און אַ ישוב". „גאָט האָט גענומען אַ שטיק ארץ־ישראל, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך באַהאַלטן אין די הימלען ווען דאָס בית־המקדש איז חרוב געוואָרן און עס אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד אַראָפּ און געזאָגט: זיי אַן אָפּרו פאַר מיינע קינדער אין גלות".

אַזוי שילדערט שלום אַש דעם אַקטיוון אידעאַליזם. אַן אַקטיווער עלעמענט וואָס פאַרנעמט זיך מיט פיל איבערלעכער ענערגיע צו געבן דער וועלט אַ חותם. נישט קיין וועלט־אַנטלויפערישער אידעאַליזם פון דעם יחידישן אינדיווידואַליסט. דער קאָלעקטיווער אידעאַ־יזם קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פון דער וועלט, ווייל דער קאָלעקטיוו איז די וועלט. דער יידישער מין אַלס אידעאַליסטישער

קאָלעקטיוו וויל זיך מיטבאַטייליקן אין דעם גאַנצן אויפבוי פון דער היסטאָריע. אין זיינע דאָזיינס־עלעמענטן פילט ער זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע אירע צילן און וועגן, און אין דער דאָזיקער מיטבאַטייליגונג זיינער, ווייסט ער, באַקומט די וועלט אַ תיקון. דער גאַנצער ערשטער טייל פון „קידוש־השם" איז באַלאָדן מיט דער דאָזיקער קאָנסטרוקטיוויסטישער ענערגיע. דער יידישער אידעאַליזם ווייסט דעם ווערט פון זיין כח אין דער וועלט און חיל דעם דאָזיקן ווערט אַקעגן אַלע מכשולים אונטערשטרייכן. ביי אַשן שפּרודלט עס ממש פון דעם דאָזיקן ווערט־באַוווסטזיין. טיילמאָל פאַרוואַנדלט זיך אַזש ביי אים אָט דאָס ווערט־געפיל פון יידישן אידעאַליזם, אין אַ דראָונג. (זע הקדמה צו דער „ו.כשוף־מאַכערין פון קאַסטיליען"). אַזוי דראָט נאָר דער, וואָס לויבט אין זיינע כחות. אין דעם ערשטן טייל פון דעם דאָזיקן בוך פילט זיך אַז אָט, אָט, האָבנדיק אין זיך אָטאָדאָס פולע באַוווסטזיין פון קאָנסטרוקטיווע מעגלעכקייטן, באַפרייט שלום אַש דעם יידישן אידעאַליזם פון דעם הוילן טאַטלאָזן האָפן, ער פירט אים אַרויס צו אַקטיוויטעט. דאָס בוך „קידוש־השם" איז דאָס בוך וווּ דער יידישער אידעאַליזם דערפילט באָדן אונטער די פיס. ער איז זיכער מיט זיך. ער איז האָפערדיק און יונג פון טאַט. די וועגן און סטעפּעס וואָס זענען פול מיט יידישע בוידן, די ישובים, די שולן און די קרעטשמעס, די ירידים אין לובלין און דער ועד ארבע הארצות, עס שפּראָצט אַלצדינג פונם דאָזיקן ווילן, וואָס וויל בויען, וואָס פילט זיך אין דער וועלט אַ תושב. „און די קולות פון דער תורה האָבן זיך געהערט פון די וועגן אַראָפּ און האָבן אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע האָזן אין פעלד, וועלכע זענען אויף מייל־ווייט אַנטלאָפן פון די געוואַלדן פון די יידן". דער דאָזיקער אַשישער קאָלעקטיוויסטישער אידעאַליזם וואַרפט זיך אויף דער ווירקלעכקייט זוכנדיק דעם זיג. (נאָר דער מאָדערנער יידישער סאָציאַליזם פאַרמאָגט אין זיך די קאָנסטרוקטיווע אַקטיוויטעט פון היסטאָרישן יידישן אידעאַליזם. דערמיט איז דער יידישער סאָציאַליזם דאָס איינציקע פּאָזיטיווע אין דער יידישער וועלטלעכקייט). אַלע מאָטיוון פון וועלכע שלום אַש האָט תמיד אויסגעבויט זיין גאַנצע

קונסט, זוכן אין דעם דאָזיקן אַקטיוון אידעאַליזם די אַנטשיידונג. דעם וועג צו דער וועלט. אַזוי חזרן זיך דאָ, אין „קידוש השם“ אויך איבער די באַקאַנטע שבת־מאָטיוון וואָס פּרץ און אַש האָבן זיי תמיד באַנוצט אַלס אויסדרוק פון יידישן אידעאַליזם. איבער דער וועלט הויבט ווירקלעך אָן צו ווערן שבת. די „שטעטל־יידן“ אין דער דאָזיקער אַטמאָספער הויבן זיך אָן צו פילן, נישט ווי קיין איבריקע מענטשן, נאָר ווי „בני מלכים“. „דאָס הינטישע לעבן צו אַ פּרינצן־לעבן — אַלעס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ גרויס הימליש גליק — דורך דער ליבע צו איר (צום שבת). „און וואָס איז אים אָנגעגאַנגען די שכנים מיט די פּאַנעס, מיט זייער גראָ־שעדיק פאַרמעגן, מיט זייער באַגרענעצטן שטיקל גליק פון ערדישן אָפּפאַל, מיט זייער מענטשלעכער היינטיקער איינגערעדטער קראַפט און הערשאַפט קעגן די אייביקייט פון זיין ליבע צו זיין גרויסער כלה“. דער היסטאָרישער אידעאַליזם איז דאָס פאַר אַשן די כלה און די מלכה שבת, וועלכע ברענגט פאַר זיין גאַנץ וועלט־באַנעמען די הויה אין די אַנטשיידונג.

דער צווייטער טייל באַשעפטיקט זיך מיטן פּראָבלעם פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע. דער דאָזיקער פּונקט איז אייגנטלעך די טיפע קאָנסעקווענץ פון אַשס גאַנצער אידעאַליסטישער קאָנ־סטרוקציע, און עס ליגט בכלל אין וועזן פון אַ יעדן אידעאַליזם. דער אידעאַליזם לויט זיין נאַטור איז ער פול מיט אַ בענקשאַפט צום ליידן. אין דעם געפיל פון אַ וועלט־ליידן לעבט איבער דער אידעאַליזם די העכסטע גליקזעליקייט פון זיין אַקטיוויטעט. דאָס ליידן איז פאַרן אידעאַליזם אַן אויסדרוק פון אַ טראַנסצענדענטאַלן קאַמף. ווילנדיק תמיד דאָס אוממעגלעכע, גלויבט דער אידעאַליזם, אַז נאָר דער וועג פון ליידן איז דער וועג צו די מעגלעכקייטן פון דעם אוממעגלעכן. דאָס ליידן איז דער קאַמף פונם אידעאַ־ליסטישן מענטשן און זיין זיג איבער דעם אוממעגלעכן. דער, וואָס קאָן אַ סך ליידן, דער קאָן אַ סך האָפן. אַלע רעליגיעזע וועלט־דערלייזער האָבן דערלייזט די וועלט דורך ליידן. אַלע רע־ליגיעזע נאַטורן, וועלט־שמערץ־ראָמאַנטיקער, און דאָן־קישאָטן געפינענדיק זיך אויפן וועג פון ליידן, גלויבן זיי זיך צו

אויפן וועג צו גרויסקייט. דאָס איז פון תמיד אָן די טבע פון אי־
דעאַליזם: ביישטייענדיק דעם נסיון פון אזא מין עקסטאַטישע
מאַרטירעלאָגיע, דערגרייכט ער די העכסטע שטופע פון ווערט־גע־
פיל. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער יידישער היס־
טאָריע האָט דער מאָמענט פון „קידוש־השם" — דאָס ליידן פאַר
דעם יידישן וועלט־דאָזיין — געשפּילט אַ גרויסע ראָלע*). דער
יידישער מין, אַלס אַן אידעאַליסטישער עלעמענט, האָט זיך אין
אַזעלכע ליידנס־מאָמענטן געזען אויף אַ הויכער מדרגה. זיין אי־
בערלעך ווערט־געפיל האָט זיך דאַן פאַרוואַנדלט אין עקסטאַז, אין
אַבסאָלוטער איבערצייגונג וועגן זיך. און עס איז קיין ווּנדער
נישט וואָס אָט אָ דער אַקטיווער אידעאַליזם, ווי ער וואַקסט זיך
אויס אין ערשטן טייל פון „קידוש־השם", שטרעבט אויך צו צו
דער ליניע פון מאַרטירעלאָגיע. ביישטיין אַ נסיון — דאָס איז
דאָך די ליידנשאַפט פון אידעאַליזם! אין מיטן דער גרעסטע אַקטי־
וויטעט וואָס די אַשישע מענטשן פירן־אויס אין דער אַטמאָספער
פון „קידוש־השם", פילט זיך דאָך, אַז נאָך איז נישט געטון גע
וואָרן די גאַנצע טאַט, נאָך האָט זיך דאָס שיקזאַל זייערס נישט
אויסגעשפּילט, עס מוז קומען די לעצטע טאַט: דער נסיון. אָ
דער אידעאַליזם איז אַ מולך! כדי בולטער אונטערצושטרייכן,
אַזוי צו זאָגן, די דאָזיקע אַוואַנטוריסטיש־אידעאַליסטישע טענדענצן
פון זיין קונסט, פירט אַש אַריין אין זיין דערציילונג אַ מיסטישע
פיגור — דאָס געהיימנישפולע שניידערל. (אגב מוז מען צוגעבן:
די דאָזיקע פיגור איז אַשן נישט געלונגען. זי איז קינסטלעך
צוגעבויט אין דעם געבוי פון דער דערציילונג.) אָט אָ דאָס
שניידערל זאָל דאָס זיין דער שיקזאַל־שפּרוך פאַר אַלע באַוווּ־

*) „צוויי עלעמענטן אין דער יידישער געשיכטע האָבן מיך פון תמיד אָן פאַראינטערעסירט: דער קידוש השם און די מעסיאַנישע שטרעבונגען, וואָס פלעגן נאָכפאָלגן נאָך יעדן קידוש השם. די צוויי עלעמענטן פון דער יידישער געשיכטע האָט לענגסט גערייצט מיין פאַנטאַזיע און מיין שרייבערישן חשק. לעצטנס הויב איך אָן צו פּרווון צו פאַרווירקלעכן מיין שריפטשטעלערישן חלום" שלום אש אין דער הקדמה צו דער „כשוף־מאכערין פון קאַסטיליען".

גונגען פון די העלדן אין „קידוש־השם" און דער לעצטער וועג וווּ אַהין עס שטרעבן זייערע מעשים. אינם מאָטיוו פון שניידערל — אום צו זיין אין האַרמאָניע מיט זיין גאַנץ וועלט־באַנעמען — חזרן זיך ביי אַש איבער די מאָטיוון פון די ל״ו צדיקים וואָס זענען אונז אַזוי באַקאַנט פון „שלמה נגיד". דאָס אַשישע שניידערל, ווי דער מאָטיוו פון די ל״ו צדיקים, איז די טיפּסטע אַנונג פון יידישן קאָלעקטיוו, זיין ציל, די פּערזאָניפיצירונג פון זיין אינערלעכן שיקזאַל־באַוווּסטזיין: גייען אויף דער ליניע פון אַקטיוון אידעאַליזם, דערמיט אויף די וועגן צו דער וועלט און צו דער מענטשהייט, — פאַר דעם דאָזיקן שאַפנדיקן גורל זייערעם, גרייט זיין אויף אַלע נסיונות. ווען אַ יעדער גרויסער קאַמף מוז תמיד גרייט זיין בייצושטיין אַ נסיון, ווי מוז נאָך דערצו זיין פאָרגעברייט דער אַקטיווער אידעאַליזם. דער נסיון אין דאָס ליידן אין זיין קאַמף ליגט דאָך אין דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון זיינע עלעמענטן. דעריבער באַגלייט אַט אָ דאָס שניידערל — דאָס מעטאַפיזישע בת־קול פון קאָלעקטיוו — אַ יעדע באַוועגונג צום פּאָזיטיוון וואָס דער יידישער קאָלעקטיוו מאַכט. דאָס שניידערל איז דאָס די היסטאָרישע אידעע, די טראַנסצענדענטאַל־היסטאָרישע אידעע פון יידישן מין. זי ווערט נאָך בולטער און קריסטאַליזירטער ווען דער יידישער מין דערגרייכט זיין לעצטע הויכקייט: עס אַנטשיידעט זיך זיין שיקזאַל און זיינע עלעמענטן טרעטן אַרויס צו אַקטיוויטעט. דאַן, מיט דעם דאָזיקן גאַנג צו אַקטיוויטעט, דער גאַנג צו דער וועלט, גייט אויך מיט דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט, דאָס געוויסן פון דער טאַט, דאָס אייביקייטס־געוויסן פון יידישן קאָלעקטיוו. דאָס געוויסן פאַר זיין שיקזאַל. דאָס דאָזיקע געוויסן האַלט די ליניע און די ריכטונג, און ווייזט דעם וועג. אויף יענער הויך וווּ אַש יידן ווערן אַקטיוו, הערט אויף זיי דער נסיון: דאָס אויסהאַלטן די אַקטיוויטעט ביז צום העלדנטום. העלדנטום איז די טאַט אין ליידן, דאָס באַוווּסטזיין פון דער אַקטיוויטעט ביז אין די לעצטע מעגלעכקייטן. אַ יעדער טריט צוריק, אַ יעדער נישט־זיכערער וואַקל אויף דעם וועג צו דער דאָזיקער אַקטיוויטעט, נישט בלויז עס איז אַ סימן

פון שוואַכקייט, נאָר עס איז אַ סכנה פאַר דעם גאַנצן יידישן זכות הקיום. „קליינע יידעלעך, שוין ביים ערשטן נסיון פאַרלירט איר דעם בטחון", הערט זיך אַ קול ביים ערשטן טריט צום נסיון, דאָס קול פון שניידערל. דאָס „תמיד זיין גרייט" וואָס אַש רעדט שוין דערפון אין „שלמה נגיד", די דאָזיקע גרויסע פאַראַנטוואָרט-לעכע איינגעשאַפט ווערט נאָך טיפער און אַקטועלער פאַר זיינע מענטשן, דאַן ווען זיי וואַקסן אויס, דערקענען זייער שיקזאַל און גייען איבער פון דעם אידעאַליסטישן וואַרטן צו אַן אידעאַליסטיש זיך אויסלעבן. קיין ציטער מיט קיין ברעם טאָרן נישט געבן די יעניקע, וועלכע עס רופט זייער היסטאָרישער שיקזאַל. תמיד מוזן זיי זיין גרייט אויף אַלע קאָנסעקווענצן פון זייער טאַט. די אַלע פראָבלעמען וואָס דער אינדיווידועלער אידעאַליזם האָט אויפגעוואָרפן און זיי נישט געקאָנט בייקומען, דערפירט צום ציל דער יידישער קאָלעקטיוו, דער היסטאָרישער מין. דער שיקזאַל ווערט געלעזט. שבת? „זיי האָבן געפילט (אין יענעם מאָמענט פון דער לעצטער אַנטשיידונג) ווי אַ גרויסער שבת קומט אָן אויף דער וועלט און זיי טרעטן אַריין אינם שבת אַריין מיט גרויס פרייד". „אויף זייערע פנימער האָט געשיינט דער שמייכל פון גליק און זייערע אויגן זענען געווען באַגלאַנצט מיט אַ הייליקן גלאַנץ און מיט אַ באַהאַלטן אינערלעך גליק". „און זיי זענען עפּעס אין זייער לעבן..." — די וועגן צו די פּערספּעקטיוון פון יידישן אידעאַליזם זענען געגעבן. אַשס יידן גייען אויפן וועג צו דער גרויסער היסטאָרישער טאַט. עס ווערט אויסגעקעמפט דער היסטאָרישער קאַמף זייערער. זיי האָבן דערקענט דעם ווערט פון זייער וועלט-דאָזיין און שטייען אויף דער וואַך גרייט אויף אַלצדינג. און ווען אין די צייטן פון דעם בלוטיקסטן נסיון טרעפן זיי זיך הינטער דער שטאָט טולטשין מיט די ברוטאַלע כחות פון אַן אויפגעיושעטער ווירקלעכקייט, דאַן „האָט זיך קריוואָנאָס דערשראָקן פאַר דעם שטורמישן געזאַנג פון די יידן. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די פרייד וואָס שיינט אַראָפּ פון די יידישע פנימער, און שטיין געבליבן אַ פאַרווּנדערטער און נישט געוווסט וואָס צו טון. זיין קרענקלעך געזיכט איז באַלעבט געוואָרן און זיינע קליינע

אויגן האָבן זיך ברייט אויפגעעפנט און אויסגעדריקט שרעק..."

דער יידישער אידעאַליזם שלום אַשס האָט אויסגעפונען די וועגן צו דער וועלט. אויף די דאָזיקע וועגן וויל ער גיין פול מיט מוט און גלויבן.

JEWISH CULTUR

„נאציאנאלע" דיכטונג: ח. נ. ביאליק

(ש ל ו ס = וו אָ ר ט)

• ציוניסטיש-העברעישע ליטעראַטור, נישט קוקנדיק אויף אירע טענדענצן צו אפיקורסישקייט און „ראַדי-קאַליזם”, איז זי דאָך אין איר תּוך און וועזן הוילע טעאָלאָגיע. טעאָלאָגיע הייסט אַ יעדער מיין צו שאַפן וואָסער עס איז ווערטן מחוץ די מענטשן און מחוץ דער ווירק-לעכקייט. נאָר אין די מענטשן און אין דער ווירקלעכקייט ליגט דער וועג צו דערגרייכונג, און פאַר די מענטשן און פאַר דער ווירקלעכקייט איז דער דאָזיקער וועג. אַ יעדער אָפּוועג פון דעם ווירקלעכן, פון די עלעמענטן פון ווירקלעכן, איבערהויפּט די שעד-לעכע איינרעדעניש, אַז מ׳קאָן שאַפן וועלטלעכע קולטור-ווערטן נישט אויף די לעבעדיקע שפּראַך פון מענטשן (אין דער שפּראַך איז דער מענטש צם אינטימסטן מיט דער וועלט. שפּראַך איז דאָס טיפסטע וועלט-באַנעמען פון די מענטשן; נאָר אין זיין לעבעדיקן וועלט-באַנעמען קאָן דער מענטש עטוואָס דערגרייכן), מוז פירן צו אַ בלויזן שטרייט פון באַגריפן, צו סאָפיזמען, דערמיט צו האָפ-נונגסלאָזער באַדנלאָזיקייט. נאָר די קאָנקרעטקייטן און דאָס לעבן ווערט אַ פּראָבלעם הן פאַרן נאַטוראַליסט, הן פאַרן אידעאַליסט, הן פאַרן מיסטיקער. אויפן פונקט פונם קאָנקרעטן, ערשט דאָרט שיידן זיך די וועגן און אַ יעדער גייט וואוהין עס פירט אים זיין זעעלישע דיספּאָזיציע און ווו עס רופט אים זיין אינערלעך שיק-זאַל. ווען מ׳האָט נישט קיין חוש פאַרן לעבן, פאַרגייט מען זיך סוף כל סוף אין הוילע סוראָגאַטן, אין ווערטער. דאָס באַדאַרף אייגנטלעך בענוג קלאָר זיין פאַר יעטוועדן דענקנדיקן קאָפּ. ביי אונז שטייט מען נאָך ליידער אין קאמף (זייער אַן אומפּרוכטבאַ-

רער קאַמף!) וועגן יידיש און העברעיש, צווישן אַ לעבעדיקע שפּראַך פון יידישן לעבן און אַן אָפּגעשטאָרבענער היסטאָרישער שפּראַך. דער טעאָלאָגישער ציוניזם באַקעמפט די יידישע שפּראַך. מיר, די קאָנסעקווענטסטע „יידישיסטן", זענען מיר נאָך אפילו אין דער מינדערהייט.

די ציוניסטיש-העברעישע ליטעראַטור האָט סוף כּל סוף געמוזט דערפילן איר באַדנלאָזיקייט, הגם זי האָט עס נישט מודה געווען. מ'האָט דאָך ענדלעך נישט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן! אין דער קורצער צייט זינט מ'האָט אָנגעהויבן שאַפן מאָדערנע ליטעראַטור־ווערטן אויף יידיש, זענען דערגרייכט געוואָרן אַזעלכע רעזולטאַטן, ווי פּרץ און אַש, שוין נישט צו רעדן פון אַזאַ אויסערגעוויינלעכע דערגרייכונג ווי אַ שלום־עליכם. אין דער יידישער שפּראַך זענען אוממיטלבאַר אויסגעוואַקסן אַלע פּאָזיטיווע עלעמענטן פון יידישן דאָזיין, ווייל אין דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך האָט מען ערשט אויף אַן אמתן געקאָנט דערפילן דאָס אוממיטלבאַרע וועזן פון דער יידישער ווירקלעכקייט. אויף יידיש איז די יידישע ווירקלעכקייט פאַר דעם יידישן קינסטלער געוואָרן אַ פּראָבלעם און אַ מעגלעכקייט פון עכטן שאַפן. מ'האָט געמוזט זיין פשוט בלינד, אַז מ'זאָל דאָס אַלצדינג נישט דערזען. דער ציוניסטישער העברעיזם, מכלומרשט „וועלטלעך" און מיט פּרעטענזיעס צו אַ „רענעסאַנס־באַוועגונג", האָט דאָך ענדלעך געמוזט קומען צו אַ חשבון-הנפש, אַז ער בויט זיך אויף טויטע באַגריפן און אויף אַ טעאָלאָגישן יסוד. נאָר אַז דאָס לעבן איז דער טיפסטער מקור, נאָר אינם לעבן ליגן אַלע מעגלעכקייטן (נאָר אינם יידישן לעבן איז דאָ דאָס „יהדות"!), אַז בלויז אויף דער שפּראַך פון לעבן קאָן מען עטוואָס דערגרייכן, נישט אויף דער שפּראַך פון די נביאים" (וואָלטן די נביאים נישט גערעדט אויף די שפּראַך פון לעבן, וואָלטן מיר דאַן אָנשטאָט די נביאים געהאַט — טעאָלאָגן). דערזעענדיק די דאָזיקע באַדנלאָזיקייט זיינע, האָט דער העברעיזם אָנגעהויבן אויסצושטעלן וועקסלען אויף קולטור. אָנשטאָט פּאָזיטיווע קולטור — קולטור-צוזאָגענישן, נאָכדעם ווי עס וועלן געמאַכט ווערן די אַבסורדאַלסטע עקספּערימענטן. (נאָר מיט

טויטע באַגריפן קאָן מען מאַכן כלערליי עקספערימענטן. ג״ גלויב אויפן וואָרט!) קולטור איז אָבער אַ פּאָזיטיווע ממשותדיקע זאַך. קולטור איז אַ לעבעדיקע אייגנשאַפט. מ׳קאָן אפילו זיין ערשט אויפן וועג צו קולטור, ווי אונזער וועלטלעכער יידישיזם, מ׳קאָן ערשט זיין אין דער מדרגה פון קולטור־פּיאָנערן, יעדנ־פאַלס מוז עס זיין א לעבעדיקע עקזיסטענץ, וואָס זוכט אין דער קולטור איר אינהאַלט, איר וועזן, איר דערגרייכונג, איר סטיל. קולטור איז אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט, נישט קיין באַרימעריי און נישט קיין „אונטערנעמונג״. בודאי שאַפט מען נישט קולטור פון בלויזער „ראָמאַנטישער״ עקשנות. די וואָס ווילן מ׳זאָל זיי גלויבן אין קולטור־זאַכן אויף „קרעדיט״, זיי זענען די גרעסטע קולטור־קבצנים. אויסלעבן זיך אין אַזעלכע באָדנלאָזע פאַנטאַזיעס קאָנען זיך נאָר פיליסטער און פלאַך־קעפ, נישט אָבער די דאָזיקע, וואָס קולטור איז פאַר זיי אַן ענין פון ביטערן ערנסט.

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין געפיל פון זיין באָדנלאָזיקייט האָט דער העברעיזם אָנגעהויבן דאָס זוכעניש נאָך דעם „גרויסן מאַן״, דאָס „שטאַרקע וואָרט״, די העברעיסטישע פאַרזעלעכקייט, דעם „נאַציאָנאַלן״ דיכטער. די שוואַכע העברעיסטישע מחנה האָט, אין חערטער־קאַמף מיט דער לעבעדיקער יידישער קולטור, אַרויסגעשטעלט איר העלד, דעם „גלית״ איזן, הינטער וועלכן זי זאָל זיך דעקן מיט איר בלוט־אָרעמקייט, מיט דעם סוראָגאַט פון קולטור, מיט דער טעאָלאָגיע.

די ראָלע פון דעם דאָזיקן „גלית״ איז געפאַלן נישט אויף קיין אַנדערן, נאָר אויף ח. נ. ביאַליק.

ס׳איז נישט צו פאַרלייקענען: קוים איז מען אין דער מיינונג, אַז לשון האָט נישט צו טון מיטן לעבן, אַז עס איז נישט קיין באַנעמונג פון לעבן, אַז לשון איז עפּעס אַן אָפּגעזונדערט באַשעפעניש, אַ מין „יהדות״, אַז לשון איז הוילע טעאָלאָגיע — דאַן איז ח. נ. ביאַליקווירקלעך אויפן אָרט. ער איז דאָך דער גרעסטער בעל־לשון. קאָן ער דאָך דאָס דאָזיקע לשון צופירן צו אַזאַ אויסגעשפיצטקייט, צו פיליגראַן־אַרבעט, און קאָן אויף אַן אמת דערמיט מאַכן כלערליי פייערווערק. ער קאָן אָט אַ

דאָס לשון רעדן אַזוי „הויך" און מיט אַזויפיל „נביאישקייט", אַז ווען מ׳כאַפּט זיך נישט און מ׳קוקט נישט אַריין אין תּוך, קאָן מען ווירקלעך מיינען, אַז דערונטער שטעקט מי יודע וואָס. ביאַליק איז דער ריכטיקסטער העלד פאַר די העברעיסטן! ווי דער דאָזיקער נאַציאָנאַל-נביאישער מאַן פילט זיך אָבער אין זיין איינגענער הויט, איז כדאי איבערצולייענען עטלעכע קליינע שירים, אין וועלכע, צווישן דעם גאַנצן פּאָמפּ פון „נביאישקייט", עס הערט זיך אַן אויפריכטיקער טאָן. אַ נאַציאָנאַלער דיכטער הייסט דאָך אייגנטלעך די דאָזיקע פּערזענלעכקייט, אין וועלכער ס׳זאָלן קומען צום אויסדרוק אַלע טיפסטע פּאָטענצן פון דער נאַציע, אַלע אירע מעגלעכקייטן. דער נאַציאָנאַלער דיכטער ווייזט דער נאַציע דעם וועג צו אינערלעכער גרויסקייט. ח. נ. ביאַליק, דער העברעיסטישער „נאַציאָנאַלער דיכטער", פילט אָבער ווי זיינע הענט זענען קורץ פאַר די דאָזיקע אַלע זאַכן. דער נאַציאָנאַלער אָדלער פילט, ווי הינטער די פייערדיקע הויכע ווערטער באַהאַלט זיך אַ קליין שוועלבעלע, אַן „איש הולך לתומו", אַפּשוט מענטשל, וואָס די העברעיסטן האָבן אים אויפס געוואַלט „ליב" באַקומען, און אים אַרויפגעזעצט די „נאַציאָנאַלע קרוין".

מקטנות לא ברח, וגדולות לא פלל
ונצורות לא בקש*).

זאָגט נעבעך וועגן זיך דער „זאָגער פון גרויסן וואָרט". און דער נאַציאָנאַלער „גלית" קרעכצט אונטער די לאַסט פון זיין „העלדישקייט":

שחה נפשי לעפר
תחת משא אהבתכם.
אללי, כי הייתי
אסתרא בלגינתכם**).

*) „והיה כי תמצא". לעצטע אויסגאַבע פון ביאַליקס שירים. מהדורה מיוחדה לשנת תרפ"ג. הוצאת חובבי השירה העברית.

**) „שחה נפשי", לעצטע אויפלאַגע פון ביאַליקס „שירים".

וואָס איז ס'וואונדער. פאַר ביאַליקן איז מענדעלי מוכר ספרים דער „קלאַסיקער" פון דער יידישער ווירקלעכקייט (נישט בחנם איז ביאַליק אַזאַ הייסער חסיד פון מענדעלים יאָדערדיקייט!) און אחד־העם איז דער „זעער" פון די נאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוון, דער זנאַכער פון „יהדות".

וכל אחד ואחד עם נר אלהים שבלבבו
יצא בזמן בין השמשות לבקש כוכבו
(אַ יעדער ווערט זעליק לויט זיין פּאַסאָן!)
וינצנץ כוכבך, מורנו, וברמז צנוע,
ואל תחת כוכבך היחידי (!!!) נזעקנו כולנו.

(לאחד העם)

אויף דעם קליינעם שפּאַן צווישן מענדעלים „יידישע טאָרבע" און אחד־העמס קטנותדיקע פּערספּעקטיוון פון דער דאָזיקער „טאָרבע", וואָס מ'קאָן זי אָנזעטיקן מיט אַ קליין ביסעלע נאַציאָנאַליסטישע טעאָלאָגיע, אויף דעם דאָזיקן שטח באַוועגט זיך דער „נאַציאָנאַלער דיכטער" פון דער יידישער אומה.

אכן חציר העם, יבש היה כעץ,
עלה נבל מעץ, אזוב עולה בגל.

חי דען, דער „פינסטערער" גלות!

אין דעם יאָר 1903, צוויי יאָר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, האָט זיך דער „נאַציאָנאַלער" דיכטער צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ יידישן פּאָגראָם. נישט ער האָט געזען די פּאָליטישע און סאָציאַלע סיבות, וואָס זענען גורם אַזעלכע דערשיינונגען (דאָס געהער נישט צו קיין דיכטער!) ער האָט אויך נישט, ווי שלום אַש, דאָס פּראָבלעם פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע באַהאַנדלט פון שטאַנדפּונקט פון די פּערספּעקטיוון פון אַ גרויסן היסטאָרישן ווערט־געפיל. וואָסער ווערט־געפיל און וואָסערע פּערספּעקטיוון האָט די „יידישע טאָרבע"! מ'שטיינס געזאָגט. ס'האָט

עמעצער אַ ברוטאַלן פוס אַריינגעשטעקט אין דעם יידישן „גע־מויזעכץ". די „יידישע טאָרבע" האָט זיך דערשראָקן פאַר איר קיום, און דער דיכטער ח. נ. ביאַליק איז געוואָרן ברוגז מיטן רבונו של עולם און אים געוואָרפן די הענטשקע.

סלחו לי, עלובי עולם, אלהיכם עני כמותכם,
עני הוא בחייכם וקל־וחומר במותכם,
כי תבואו מחר על שכרתם ודפקתם על דלתי —
אפתחה לכם, בואו וראו: ירדתי מנכסי!...
וצר לי עליכם, בני, ולבי לבי עליכם:
חלליכם — חללי חנם, וגם אני וגם אתם
לא ידענו למה מתם ועל מי ועל מה מתם,
ואין טעם למותכם כמו אין טעם לחייכם...*)

אין די מאָמענטן פון אַ נסיון פאַר דער נאַציע האָט דער העברעיסטישער דיכטער נישט געזען „די פרייד, וואָס שיינט אַראָפּ פון די יידישע פּנימער". אָפּגעריסן פון לעבעדיקן יידישן וועלט־דאָזיין, אין דער סאָפּיסטישער שאָל פון טעאָלאָגיע האָט נישט דער נאַציאָנאַליסטישער העברעיזם פאַר דער יידישער עקזיסטענץ קיין שום ווערט־הויה. אַ די „יידישע טאָרבע"! די העברעיסטישע טעאָלאָגן זוכן פאַר אַט אָ דער ווערטלאָזער טאָרבע

*) פרץ זעצט איבער ביאַליקס פערזן אויף יידיש:

„א יורד בין איך
ארעם, אזוי ווי אירן
אומזיסט זייט איר געפייניקט
געווארן און בעשטארבן
ווי אומזיסט איר האט געלעבט..."

פרץ לויט זיין כאראקטער קאן ער נישט אריבער גלאט אזוי די דאזיקע ביאליקישע שורות. פרץ גיט נאך צו צוויי סטראפן:

„א רעטעניש נישט צום פארענטפערן
איז אייער טויט, ווי אייער לעבן
איז א רעטעניש",

אַ תּיקון אין דער העברעישער שפּראַך, אין דעם געשפּענסט פֿון
אַ „באַציאַנאַלער היים". זיי גלויבן אַזוי אַרום אין איר אַריינצו
בלאָזן דעם „גייסט פֿון די נביאים". מיט אַ באַזונדערער לייכט־
קייט רעדן קליינע מענטשעלעך פֿון גרויסע זאַכן. איגנאָרירנדיק
די גרויסקייט פֿון מענטשלעכן לעבן, פֿילן זיי אין זיך ממילא
נישט קיין שום פּאָטענצן צוווירקלעך מענטשלעכער גרויסקייט.
נישט האָבנדיק אין זיך די אינערלעכע באַציונג צו דער עקזיס־
טענץ, איז די עקזיסטענץ נישט פֿאַר זיי קיין פּראָבלעם. ווי
גרייט אָבער אַט אַ די קטני־אמנה, די קליין־ווילנדיקע זענען פֿאַר
די גרעסטע פֿראַזן. דאָס „גרויסע וואָרט" פֿון דעם קליינעם
מענטשעלע — די פֿראַזע. דאָס קליינע מענטשעלע פֿאַרדעקט זיך
דיר תּמיד אונטער דעם שענסטן פֿייגן־בלאַט. אַלצדינג וועט דיר
צוזאָגן דאָס קליינע מענטשעלע (עס קאָסט אים אַ סך!). דער
גייסט פֿון די נביאים! איין קלייניקייט. איז עס געווען אַ גרויסער
אַקטיווער אויפֿשוווּנג פֿון אַן עקזיסטענץ, אָט יענער גייסט פֿון
די נביאים? ניין, פֿאַר די העבּרעיסטישע טעאָלאָגן, פֿאַר די,
וואָס ווייסן נישט, אַז גרויס איז דאָס לעבן, און אַלצדינג גרויסע
און טיפֿע איז אין לעבן, פֿאַר זיי איז יענער נביאישער גייסט
געווען אַ וואָרט, אַ מליצה, אַ טעאָלאָגישע פֿראַזע. דאָס „נביאישע"
ביסל לשון־קודש! דאָ זענען מיר גייסטיקע אימפּאָטענטן, האָט
געזאָגט דער העבּרעיזם, דאָ זענען מיר אַ באַנדע נישטיקע
קבצנים, לאָזט אונז נאָר רעדן העבּרעיש און גיט אונז אַ „נאַ־
ציאָנאַלע היים", און — מיר שרייבן אײַך אונטער אַ וועקסל,
אַז מיר וועלן ווערן נביאים. ווּ איז די זיכערקייט? דאַן, ווען
ח. נ. ביאַליק האָט געזעען אין קישינעווער פּאָגראָם אַ „שאַנד־
פֿלעק" אויף דער יידישער אומה, און דאָס פּנים פֿונם „נאַציאָ־
נאַלן" דיכטער האָט געפֿלאַמט פֿון „בושה וכלימה" — גראָד אין
יענער צייט פֿון דעם געבענטשן חשבון־הנפש פֿון דער „יידישער
טאָרבע" האָט דער יידישער קאָלעקטיוו אין זיין אייגענעם וועלט־
דאָזיין דערפֿילט דעם „גייסט פֿון די נביאים". דער אויפֿגייענדי־
קער קלאַס אין יידישן קאָלעקטיוו, דער יידישער אַרבעטער־קלאַס,
האָט אין טעמפּעראַמענט און אין ווירקלעכן „גייסט פֿון די

נביאים״ אָנגעהויבן זיין גרויסע היסטאָרישע אַקטיוויטעט. דער יידישער קאָלעקטיוו האָט אָנגעהויבן זיין גאַנג אין דער וועלט, און די יידישע וועלטלעכע ליטעראַטור אַלס אוממיטלבאַרער אויס־דרוק און ווילן פון דעם דאָזיקן גאַנג, האָט אין די יידישע מאַסן נישט געזעען קיין קבצנישע „טאָרבע״ און נישט קיין „פינסטערן גלות״, נאָר שטאָלצע יידן פול מיט שאַפונגס־פרייד, וואָס גייען שבת יום-טובדיק אויף די וועגן צו דער וועלט. דער טעאָלאָגי־שער העברעיזם האָט זיך נישט מיטבאַטייליקט אין דער דאָזיקער גרויסער היסטאָרישער אַקטיוויטעט, ער האָט זיך שוין לויט זיין אָפגעריסנקייט פון לעבעדיקן יידישן וועלט־דאָזיין נישט געקאָנט מיטבאַטייליקן אין דער דאָזיקער דערגרייכונג. ער האָט געגאָסן טרערן איבער דער „יידישער טאָרבע״ און געשפילט די „טראַגישע אַנטוישונג״. ווען די יידישע מאַסן האָבן געזונגען דאָס געזאַנג פון לעבן און שאַפן, האָט די בלוט־אָרעמע „יידישע טאָרבע״ זיך קבצניש געיחסנט אַלס „אייניקל״ פון די נביאים און געוואָלט דערהאַלטן איר קיום מיט „זכות אבות״. כלערליי טעאָלאָגישע זנאַכערס זענען געשטאַנען אַרום איר און זי אין איר הונגעריקייט געוואָלט קאָרמענען מיט „יהדות״, מיט פאַלשע האָפ־נונגען און „נביאישע״ פראַזן. און דער דיכטער ח. נ. ביאַליק בכבודו ובעצמו האָט איר געזאָגט דאָס „גרויסע וואָרט״ פון טרייסט:

וישלימו עם חיי-בשתם, ומה בצע כי תנחמם?
עלובים הם מקצוף עליהם ואובדים הם מרחמם..
איש איש עם נגעי לבו ישוב הביתה
וגוו כפוף משהיה ונפשו ריקה משהיתה.
ואיש איש עם נגעי לבו יעלה על משכבו
והחלודה על עצמיו והרקב בלבבו...
והיה כי תשכים מחר ויצאת בראש דרכים —
וראית המון שברי־אדם נאנקים ונאנחים,
צובאים על חלונות גבירים וחונים על הפתחים,
מכריזים בפומבי על פצעיהם כרוכל על מרכולת,
וכולם פושטים יד כהה, וחושפים זרוע שבורה

JEWISH

ועיניהם, עיני עבדים מוכים, על יד גביריהם,
לאמר: „גלגולת רצוצה לי, אב „קדוש” לי—תנה את
תשלומיהם!”
וגבירים בני רחמנים מתמלאים עליהם רחמים
ומושיטים להם מבפנים מקל ותרמיל לגלגולת,
אומרים „ברוך שפטרנו” — והקבצנים מתנחמים*).

שלום אַש אָבער, אַ פּשוטער ייד, דער דיכטער פון יידישן קאָלעקטיוו האָט אויך אָנגעשריבן אַ „פּאָגראָם”־בוך, דאָס בוך פון „קידוש השם”. דאָרט דערציילט ער אַזוי:

*) ארויסגעבנדיק די לעצטע אויפלאגע פון זיינע „שירים” (מהדורת מיוחדה לשנת תרס״ג) האט ביאליק צוגעגעבן צו דעם סוף פון דעם „פאגראם־שיר” „בעיר ההרגה” נאך עטלעכע „שטארקע” „גביאישע” שורות. ער האט געמיינט, אז ער האט אלץ נאך נישט יוצא געווען זיין „נביאישן” חוב אקעגן דער „יידישער טארבע” (דאס פאלק פון ישראל!).

„לבית־הקברות קבצנים! וחפרתם עצמות אבותיכם
ועצמות: חיכם הקדושים ומלאתם תרמילכם
ועמסתם אותם על־שכם ויצאתם לדרך, עתידים
לעשות בהם סחורה בכל הירידים:
ואיתם לכם יד בראש דרכים, לעין רואים
ושטחתם אתם לשמש על סמרטוטיכם הצואים.
ובגרון נחר שירה קבצנית עליהם תשוררו.
וקראתם לחסד לאומים והתפללתם לרחמי גוים,
וכאשר פשטתם יד תפשוטו, וכאשר שנוררתם תשנוררו”.

דערצו האט ביאליק דא געכאפט א באזונדער „געבן פארדינסטל”. ער האט געקאנט אויסמיגצן אזעלכע צוויי זעלטענע גראמען ווי „תשוררו” מיט „תשנוררו”. ווי א יעדער נישט ווירקלעך גרויסער דיכטער קאן אייך ביאליק אוועקגעבן מאך א גראם דעם „זיידן מיט דער באבן”. א חוץ „נאציאנאל־נביאישע” מאטיוון האט העכסט וואַרשיינלעך די מעגלעכקייט אויסצוברענגען אזעלכע טייערע גראמען, ווי תשוררו—תשנוררו פסיכאלאגיש מיטגעשפילט אין דעם, וואס ביאליק האט געפונען פאר נויטיק גרעסער צו מאכן דעם סוף פון „בעיר ההרגה” מיט די יאזיקע „שטארקע” שורות.

„איז ער אַרומגעגאַנגען אין לובלין אויפן יאַר־מאַרק צווישן די נרדפים און די גרושים און די עגונות מיט די אלמנות און יתומים. ער האָט געהערט די יידישע קרעכצן, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבערן יאַר־מאַרק. און האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דעם ענין. ער האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם טעם פון די צרות. ער האָט אויף איין מינוט פאַרלוירן דעם טעם און נישט פאַרשטאַנען, און איז אַריינגעפאַלן אין עצבות. דאָס האָט אים געבראַכט צו גרויס שברות־הלב. ווייל עס איז ידוע, פון עצבות צו ספקות איז נאָר איין מדרגה... איז ער אַמאָל געגאַנגען אין אַן ענגער גאַס אין לובלין, דאָרט ווו עס זענען די קראָמען. אַזוי האָט ער געזען עס שטייט אַ זקן פאַר אַ ליידיק געוועלב און רופט אַריין קונים אין געוועלב אַריין. אַזוי האָט ער זיך פאַרוואונדערט, ווייל דאָס געוועלב איז געווען לעער און עס איז גאָרנישט געווען צו פאַרקויפן. איז ער אַריינגעגאַנגען אין געוועלב אַריין און געפרעגט דעם זקן:

— וואָס פאַרקויפט איר דאָ? אייער געוועלב איז דאָך לעער און ליידיק און עס איז גאָר קיין סחורות נישטאָ.

אַזוי האָט דער זקן געענטפערט:

— איך פאַרקויף בטחון.“

א י נ ה אַ ל ט :

	זייט
באַוואַסאָרישער גייסט (י. י. טרונק אין פּראָפיל און אַן פּאַס) פון מ. וואַנוויילד	לא—א
קאָמעדיאַנטן (אַריינפירנדיקע געדאַנקען) — —	19 — 5
ערשטער טייל: שלום אַש — — — —	75 — 21
צווייטער טייל: י. מ. ווייסענבערג — — —	131—77
דריטער טייל: עוזר וואַרשאַווסקי — — —	157—133
פערטער טייל: אויף די וועגן צו דער וועלט —	221—159
שלוס־וואָרט: „נאַציאָנאַלע" דיכטונג — — —	234—223

פון דעם זעלבן אויטאָר זענען דערשינען:

פון דער נאַטור

(צייכנונגען און פּייזאַזשן)

אינהאַלט: ים. — אין אַ פּויעריש הייזל. — טוריסטן. — אַ פישער־געשיכטע. — ציגיינער. — נאָכן שטורם. — אַן אַלטיטשקער. — אין די בערג.

פייגנבוימער

און אַנדערע דערציילונגען

אינהאַלט: פייגנבוימער. — ליבע. — דער טויטער. — רות. — ויין־געשיכטן (טרויבן). — איבראַהים. — גילגאַמעש.

די וועלט אַ חלום

עסייס

אינהאַלט: טרוימער. — די וועלט אַ חלום. — דאָס בוך „איוב״. — דער טויט. — וועגן קנוט האַמסון. — יידיש. — וועגן י. ל. פּרץ.

דאָריאַן גריי

אָפּהאַנדלונג וועגן קונסט אוןווירקלעכקייט מיט עטלעכע ווערטער צום ענין „דאָריאַן גריי״ פון

מ. וואַנוויל ד

אינהאַלט: עסטעטישע פּראָבלעמען. — קונסט אָדער ווירקלעכקייט. — באַזיל האַליוואַרד. — וואונדער. — בגידה. — סיבעל וואָן. — פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

מידע

אינהאַלט: חורבות. — אין די בערג. — אַ מעשה פון אַ ליבע.